STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05720

# FUN DER HEYM UN FUN DER FREMD

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב אָליצקי

# פון דער היים
# און פון דער פרעמד

לייב אָליצקי

# פון דער היים און פון דער פרעמד

דערציילונגען

DENVER
PUBLIC LIBRARY

NOV '78

CITY & COUNTY OF DENVER

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
תל-אביב, תשל"ו — 1976

G854188

LEIB OLITSKY

FUN DER HEIM UN FUN DER FREMD

Short Stories

Publishing House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

לייב אָליצקי

פון דער היים און פון דער פרעמד

דערציילונגען

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך“, תּל-אביב, רח׳ איתמר בן-אבי 4

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1976 נדפס בישׂראל

דפוס „להב“ תל-אביב, רח׳ המסגר 60, טל. 36564

839.093
O47fu
YIDDISH



**לייב אָליצקי**

1975 — 1897

# פון די אַרויסגעבער

די זאַמלונג דערציילונגען „פון דער היים און פון דער פרעמד״ האָט אונדז איבערגעגעבן דער מחבר אַ קורצע צייט פאַר זיין פטירה. אין זיינע געצוימטע רייד האָט זיך נאָך אַרויסגעהערט דער אימפּעט פון שאַפן — אַ שפע פון פּלענער פאַר נייע זאַמלונגען, צווישן זיי אויך אַ העברעיִשע איבערזעצונג פון יידישער דיכטונג אין ישׂראל. אין דעם האָט ער, ווי אַן איבערזעצער, געזען אַ שליחותדיקן אויפטו.

אויך אין דער זאַמלונג דערציילונגען, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן צוצוגרייטן, איז ל. אַליצקי טריי געבליבן זיין שורשדיקן וועג: די לומדיש־באַהויכטע פשטות פון וואָלינער יידן — זיין משפחה־שטאַם, ביי וועמען תורה און חסידות האָבן זיך געזיווגט מיט וואָכעדיקייט פון דאגת הפרנסה און צער גידול בנים, על פי יִחוס און מזל...

אויף זיינע וועגן צווישן פרעמד און היים האָט אויך ל. אַליצקי געשטאַלטיקט די „ערב״־יאָרן פון יידן אין פּוילן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; געזען און געוויזן דעם יידישן אומרו, וואָס געפינט נאָך אַלץ נישט קיין מקום־מנוחה. ווי אַ יידישער לערער, נאָענט צו דער וועלט פון קינד און יינגל — האָט ער אויף זייערע פּנימער געזען די גרויל־שפּורן פון דער שואה צוזאַמען מיט שאָטנס פון נייער שׂינאה וואָס זאָגט ווידער: לך־לך — פון דער פרעמד אַהיים... אָט די אייביקע אַקטואַליטעט אין גאַנג פון אונדזער גורל געפינט איר אויסדרוק אין זיינע דערציילונגען וועגן לעצטע יידן אויף דער ערד פון פּוילן.

דער מאָטיוו פון היים און פרעמדקייט האָט אויך באַגלייט אַליצקין אויף זיין יחידישן וועג אין אונדזערע „זומערטעג״, אַנטקעגן ראַנד פון תל־אביבער ים. ס׳איז געווען אין איינקלאַנג מיט זיין גורל־וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין פּסדרדיקער בענקשאַפט צום באַנייטן שורש, צו היים און היימישקייט...

איז אָט די זאַמלונג נאָך אַ טרייער צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור און אויך אַ ליכט פאַר זיין נאָמען — לזכרון נצח.

לזכר יוסף אָפּאַטאָשו

# דער ראַטנער זיידע

מײַן אומגעקומענעם ברודער שמחה און פּרוי בתיה,
קינדער אסתרקע און יהודה מאירל — געהייליקט.

ר׳ שלמה אַהרון איז געווען אַ צווייגל פונעם גרויסן ר׳ אַהרון קאַרלינערס גזע. און צוליב דעם אַליין — איינער פון די אָנגעזעענ-סטע קאַרלינער-סטאָלינער חסידים נישט נאָר ביי זיך אין שטעטל, אין פּאָלעסיער ראַטנע. ער האָט אָבער אויך געהאַט יִחוּס-עצמו — — אַ ייִד אַ בר-אורין און אַ שטאַרק פרומער. איז יומם-ולילה גע-זעסן על התּורה ועל העבודה. די שטאָט, אַפילו נישט קאַרלינער חסידים, האָט פאַר ר׳ שלמה אַהרונען גרויס דרך-ארץ געהאַט, און מ׳האָט אים צוגעטיילט כּבוד, ווי ער וואָלט זיין דער מרא-דאתרא. קהל האָט אים טאַקע אַמאָל געבעטן, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך דעם עול-הרבנות פונעם שטעטל: צי וואָס זאָל מען זוכן אין דער פרעמד? און צו מחלוקתן צווישן די פאַרשיידענע חסידים וועט דאָך עס אויך קומען, ווי עס פירט זיך געוויינלעך. נאָר ר׳ שלמה אַהרון איז געווען אַן עניו, אַ נחבא אל הכּלים, און ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט:

— ווער בין איך און וואָס בין איך, כ׳זאָל ווערן אַ פּאַסטעך פון אַ ייִדישער הייליקער קהילה? איך ציטער צו נעמען אויף זיך אַזאַ גוואַלדיק אַחריות.

געטראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פון תּורה ועבודה, האָט ר׳ שלמה אַהרון גאָרנישט געפּרווט נעמען אויף זיך דעם עול-פּרנסה. און וואָס פאַר אַ בריה איז ער דאָס אין די ענינים פון מקח וממכּר! און דאָ אויף חיונה דאַרף מען שפּאָר: ס׳איז נישט קיין קלייניקייט אויסהאַלטן אַ שטוב מיט, אָן עין הרע, אַ האַלב טוץ קינדער. ער האָט, זיך נישט צופרידנשטעלנדיק וועגן דעם, געלאָזן דעם יאָר פון

מפרנס זיין אויפן האַלדז פון דער „פּלוניתטע״; גאָט וועט איר צו הילף קומען. זיין פלוניתטע איז געווען אָפּשטאַמיק פון אַ דאָרף, אַ פּראָסטע, געזונטע יִידענע, אָבער אויך מיט אַ פּראָסטן, געזונטן פאַרשטאַנד — אַן אשת-חיל. מסתּם האָט אים דער אייבערשטער נישט אומזיסט אַזעלכע באַשערט...

זיין פלוניתטע האָט גלייך באַנומען, אַז „פון דעם קאָרן״, פון איר שלמה אַהרונס דאַווענען, פרום-זיין און לערנען, „וועט קיין ברויט נישט זיין״ פאַר די קינדערס וועגן. איז זי אַן טענות אַריינגעקראָכן אין דעם יאָך פון פּרנסה. זי האָט זיך עס שווייגנדיקערהייט ביי זיך צורעכט געמאַכט: זי איז דאָך נישט מער ווי אַ יִידענע, אָן יִיחוס, און געלערנט איז זי אויך נישט. נישקשה, ער צאָלט איר אָפּ מיט כּבוד, וואָס ער אַליין טיילט איר צו, און וואָס די וועלט טיילט איר צו צוליב אים (אַוודאי ווען ער ווערט רב, וואָלט געווען נאָך בעסער...). אויף יענער וועלט ווידער וועט ער איר אָפּצאָלן מיט גן-עדן...

פרומע ר׳ שלמה אַהרונס האָט געפירט אַ קראָם פון פויערישן שניט, פאַרבן, קאָלירטע פּאַטשערקעס און דעסגלייכן און דערביי — אויך שטוביקן מיסחר: געקויפט ביי די פּאָליעשוקעס אויף די יאַריד-דים און ביי די יִידישע דאָרפס-גייער צו יעדער צייט — אייער, חזיר-האָר, פאַרשיידענע פעלעכלעך, געטריקנטע שוואַרצע יאַגדעס, שוואָמען וכדומה, און פאַרקויפט עס קאָוולער און בריסקער סוחרים, וואָס פלעגן אַהערקומען. זי איז פאַרהאָרעוועט און פאַרטאַראַראַמט געווען גאַנצע זעקס מעת-לעת אין דער וואָך. נישט אומזיסט האָט גאָט באַשאַפן אַ שבת אויף דער וועלט — ווען נישט דער שבת, וואָלט דער מענטש פאַרזונקען געוואָרן אין די זאָרגן. די מי האָט איר דערגרייכט ביז איבער די אַקסל און די זאָרגן ביז איבערן טשיפּיק. און שלמה אַהרון, דאַכט זיך, פאַרשטייט עס אַפילו נישט. אַז ווי קאָן אַ יִידענע איינע אַליין זיך אַן עצה־טאָן מיט, אַן עין-הרע, אַזאַ באַלעבאַטישקייט און אַזאַ שפע! אַז אַפילו אַן עצה האַלט זי

זיך מיט אים, מיט שלמה אַהרונען, בלויז לפנים פאַר די קינדער און דער וועלט...

„טו, פרומע, ווי דו פאַרשטייסט, און דער אייבערשטער זאָל דיר שיקן דעם גוטן מלאך!..." — דאָס איז זיין שטענדיקע עצה. אַז ער איז גאָרנישט ווי אויף אונדזער וועלט! ער גיט בלויז אַכטונג אויף די יִינגלעך, זיי זאָלן גיין אויפן רעכטפאַרטיקן וועג. אָבער דאָס איז אויך בלויז אין שטוב און אין קלויז, אָבער ווי זיי פירן זיך אויף הינטער זיינע אויגן, דאָס ווייסט ער שוין נישט. און זי האָט דען צייט צו האַלטן די קינדער אין צוים? זי זאָרגט בלויז פאַר הוילע גשמיות. ע ר — פאַר הוילע רוחניות. ז י — פאַר בלויז עולם-הזה. ע ר — פאַר בלויז עולם-הבא. סוף-כּל-סוף האָט ז י מיט א י ם — קיין שלעכט מיסחר נישט געמאַכט. ס'איז בדיעבד גוט וואָס ער איז נ י ש ט קיין סוחר. ס'איז איר הצלחה...

*

די יאָרן זענען געגאַנגען, די קינדער גרעסער געוואָרן, און די זאָרגן וואַקסן. ר' שלמה אַהרונען האָט זיך טאַקע געדאַכט, אַז אַלץ איז, ברוך-השם, כּשורה. אָבער די אשת-חיל, פרומע, האָט אָנגע-הויבן אונטערצוקרענקען. זי האָט זיך געמאַכט וועגן דער קרענק נישט-וויסנדיק — וואָס? זי האָט צייט אויף „אַזעלכע זאַכן"? זי האָט געוואָלט די קרענק אָפּנאַרן. אָבער די קרענק איז געווען איינ-געשפּאַרט און האָט זי ענדלעך אַריינגעלייגט אין בעט.

וואָס האָט ר' שלמה אַהרן געזאָלט טאָן? האָט אָנגעהויבן זאָגן אָפּטערער תּהילים און זי אין זינען געהאַט. ער האָט זי אָפטער מזכּיר געווען ביים רבין לרפואה שלמה.

פרומען האָבן געפּייניקט ווייטיקן פיזישע, נאָר נישט ווייניקער אויך גייסטיקע: ווי עס זעט שוין אויס באַצייטנס דאָ אַלץ אין שטוב, אין קראָם, דאָס מיסחר! ס'איז דאָך אַ תּוהו-ובוהו... דאָס קעסטל אייער, נישט קיין פאַרקלאַפּטס, ליגט אויף די בענקלעך אויף מש-קולת. אַ ליאַדע שאָקל, און אויף דער נישט-פאַרקערטער פאָדלאָגע

וועט ווערן אַ געלע לאַטע; די פּעלכלער קריכן אַרויס פֿון אונטער די בעטן; חזיר-האָר, אויסגעמישט מיט טרוקענע שוואַרצע יאַגדעס, וואַלגערן זיך אויפֿן קופּערט; די עופֿות פֿאַרפּאַסקודיען דעם טיש, די בענקלער, די בעטן און פֿליִען איבער דער שטוב מיט אַזאַ געקריי, ווי ביים שוחט אויפֿן פֿאַדוויר ערב יום כּיפּור... אויף וועמען וועט זי איבערלאָזן די קינדער? אויף שלמה אַהרונען? און שלמה אַהרונען אַליין? רבונו-של-עולם! וואָס דאָ וועט ווערן, ווען זי וועט שוין נישט זיין...

זי האָט זיך געשטאַרקט, און אויף וויפֿל די כּוחות האָבן איר געקלעקט, ווייטער פֿון קראַנקן בעט אַראָפּ, אָנגעפּירט מיט אַלע ענינים.

— דער מענטש איז מחויב צו טאָן זיינס, — האָט זי, קרעכצנדיק פֿון ווייטיק געזאָגט, — כּל־זמן עס שלאָגט אין אים אַן אָדער. זאָל מיך דער מלאך-המוות נישט טרעפֿן זיצן מיט קיין פֿאַרלייגטע הענט אויפֿן הינטן.

— וואָש זיך די הענט, פֿרומע, נאָך אַזעלכע רייד, — האָט ר׳ שלמה אַהרון אויף דעם געזאָגט.

אַזוי לאַנג האָט זי געפֿירט, ווי אַ מסירת-נפשדיקער קאַפּיטאַן ביים רודער פֿון אַ שיף, וואָס טרינקט זיך, ביז ער פֿאַרכליניעט זיך מיט דעם וואַסער.

פּלוצעם איז איר פּאַר אַ מאָל שלעכט געוואָרן. מען האָט טעלעגראַפֿיש אַרויסגערופֿן דעם עלטסטן זון פֿון טריסק, נחמנען. ר׳ שלמה אַהרון איז געזעסן מיט די דריי זין אַרום טיש, די פּנימער צעפּלאָשעט און פֿאַרחושכט, און זיי האָבן געזאָגט מיט אַ פֿאַרוויינטן ניגון איין קאַפּיטל תּהילים נאָכן צווייטן. זאָל זיך די נשמה פֿון דעם שכיב-מרע טובלען אין די הייליקע געזאַנגען פֿון דוד המלך און געריייניקט און געלייטערט אַרויפֿגיין צום כּסא-הכּבוד. אָבער דער קראַנקערס פֿאַרשטאַנד איז נאָך קלאָר געווען. דער קראַנקערס בליק האָט פֿאַרשנדיק באַטראַכט די פּנימער פֿון די תּהילים-זאָגער,

ווי זי וואָלט אַכטונג געגעבן, צי זיי מאַכן נישט קיין גרייז. ר׳ שלמה אַהרון האָט אָוועקגעלייגט זיין רויטע נאָז-פּאַטשיילע אויפן אָפענעם תּהילים און אַרויסגעגאַנגען — אויף נקיות, מסתמא.

האָבן זיך ברייט צעעפנט דער קראַנקערס אויגן, פולע מיט פּיין און ווייטיק, און זי האָט זיך צעשריגן אויף די קינדער מיט אַ וואָ-בעדיק קול און לעסטערנדיקע ווערטער:

— תּהילים זיך אָוועקגעזעצט זאָגן פאַר מיין נשמה! נאָך מיין טויט, מעגט איר, קינדער, מיט מיין געביין דעם בית-עולם-פּאַרקאָן אונטערשפּאַרן... אָסור, אויב איך וועל אויף עמעצן פון אייך אויף יענער וועלט פאַראיבל האָבן... אָבער... כּל-זמן איך זשיפּע נאָך — ראַטעוועט מיך, קינדערלעך... פירט מיך צו גרויסע דאָקטוירים.

אויף די לעצטע ווערטער איז פון קיך אַריינגעקומען ר׳ שלמה אַהרון. אָפּטרייסלענדיק די געוואַשענע הענט, איז ער שטיין גע-בליבן, די הענט צעשפּרייט, די אויגן פאַרגלאָצט, און אַ שעפּטשע געטאָן ווי אַ תּפילה:

— דעם ווילן פון אַ שכיב-מרע מוז מען מקיים זיין!

די עלטערע אויסגעגעבענע זין, נחמן מיט שמואל שׂמחהן, האָבן אָוועקגעפירט די מאַמע קיין קיִעוו, אָבער צוריק זענען זיי, אַנ-שטאָט מיט איר, געקומען מיט זאַמד אין די קאַמאַשן.

נאָך דער שבעה האָבן די קינדער אַליין ווייטער געפירט די שטוב, די קראָם און דעם מיסחר. ר׳ שלמה אַהרון האָט זיך ווייטער געלעבט לויטן אַלטן שטייגער, כאָטש אויף טריט און שריט האָט זיך געפילט: נישטאָ די מאַמע... ס׳איז אַ שיף אָן אַ רודער.

וועגן אַריינגעמען אַ צווייטע עקרת-הבית אין שטוב אַריין האָט ר׳ שלמה אַהרון אַפילו נישט געדאַכט. ער האָט, ווייזט אויס, פרומען נישט געקאָנט פאַרגעסן, כאָטש ריידן וועגן איר האָט ער קיין מאָל נישט גערעדט. נאָר פרייטיק צו נאַכטס, ווען ער פלעגט מיט אַ פייערלעך אומעטיקן ניגון אויסזינגען דעם „אשת חיל מי ימצא״, האָבן די קינדער געפילט אַז אַרום די שבת-ליכט שוועבט אַרום דער

מאַמעס נשמה, און פאַר איר זינגט עס אַזוי דער טאַטע צניעותדיק־פאַרשטעלט.

אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען יאָרן. עס האָבן חתונה געהאַט די דריי טעכטער. עס האָט חתונה געהאַט דער דריטער זון. די שטוב האָט זיך אויסגעליידיקט. ס'איז אַרויס פון איר דער הו־האַ. ר' שלמה אַהרון האָט שוין געקאָנט דעם גאַנצן טאָג לערנען אין דער היים.

ביי ר' שלמה אהרונס שטוב, באַלעבאַטישקייט און קראָם איז געבליבן דער צווייטער זון, שמואל שמחה, מיט זיין מיוחסדיק און קלוג ווייב, חוהלע פון די שאַפּיראָס. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז שמואל שמחה דאַרף דערפאַר האַלטן ביי זיך דעם טאַטן, כּל־זמן דער אייבערשטער וועט אים שענקען דאָס לעבן. זאָל ער מאריך ימים ושנים זיין און זיצן אומגעשטערט על התּורה ועל העבודה. נישקשה, אויף דער קלוגער חוהלען קאָן מען זיך פאַרלאָזן. מען דאַרף נישט האָבן קיין בעסערע טאָכטער פון אַזאַ שנור.

און ר' שלמה אַהרון האָט טאַקע נישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן. מען איז זיך מיט אים באַגאַנגען אַזוי, ווי ער וואָלט געווען דער באַלעבאָס איבער אַלץ.

האָט זיך ביי די קינדער אין דער פרעמד געמאַכט אַ שימחהלע, אַ ברית צי אַ בריתניצע, האָט מען גלייך דעם טאַטן מודיע געווען, און געוואָרט אויף זיין קורצן מזל־טוב. פאַרקערט ווידער, טאָמער, אַ צרה, איז די ידיעה אָנגעקומען צום שפּעטסטן צום ראַטנער זיידן, ווען דאָס אייניקל איז אַרויס פון דער קראַנקייט, אָדער — חלילה, ביי שלעכט — ווען דער אומגליק איז געווען אויסגעוועפּט, און ער קאָן שוין שאַרף נישט וויי טאָן...

אַזוי איז עס געגאַנגען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען דאָס רוסישע מיליטער איז אָפּגעטראָטן, האָבן די קאָזאַקן פאַרברענט טייל הייזער פון שטעטל, און צווישן זיי אויך ר' שלמה אַהרונס שטוב. מען האָט אַפילו נישט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען דאָס ביסל בעטגעוואַנט, אַזוי אַז ר' שלמה אַהרון איז צוזאַמען מיט זיין זון,

שנור און זייער בת-יחידהקע אָפּגעקומען אין אַ פרעמדער שטוב אין גרויס ענגשאַפט. ר׳ שלמה אהרון האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די כוחות. עס איז אים שוואַכער געוואָרן די שמיעה, און די אויגן האָבן זיך אים פאַרטונקלט מיט אַ טריבקייט. אָבער זיין הדרת-פּנים האָט ער נישט פאַרלוירן.

איין מאָל אין אַ ווינטערדיקן שבת-פרימאָרגן איז ר׳ שלמה אהרון געגאַנגען אין סטאַלינער שטיבל דאַווענען, געגאַנגען מיט אַ פסיעה-קטנה, טראָט ביי טראָט, ווי עס וואָלט אים שוין שווער זיין צו טראָגן אויף זיך די הלבשה: דעם אַלטן פאַרגרינטן און אויסגעקראָכענעם טוליפּ און, איבער אים, די זיידענע זשופּיצע, וואָס לאָזט אַרויסקוקןביים האַלדז איבערן קאָלנער אַ פאַלד פונעם טלית, און אונטן ביי די פיס — אַ געלע ציצה. דער שמאָלער געשפּיציקטער שטריימל קרוינט שטרענג אַרום זיין שטערן מיט דער יאַרמלקע, וואָס פאַרדעקט זיין קאָפּ אַזש ביזן האַלדז. בלויז די לייכט געקרויזטע פּיאות שטאַרצן אין דרויסן. זיינע אויגן, האַלב טריב, האַלב פאַרטרערט מחמת דער קעלט און דעם זון-ליכט, וואָס שלאָגט אָפּ אויף צוריק פון דעם בלענדנדיקן שניי, זענען זיי פאַרגלאָצט. האָט גראָד געדאַרפט טרעפן, עס זאָל ר׳ שלמה אהרונען אַנטקעגנקומען דער דייטשער שטאָט-קאָמענדאַנט. ער איז אַזוי איבערגעראַשט געוואָרן פון דעם הייליקן אויסזען פון דעם גרייזן יודע. אַז ער האָט אויף אַן אויגנבליק פאַרגעסן זיין דייטשע און אַמטלעכע ווירדע, און דעם זקן אָפּגעטראָטן דעם וועג.

אויפן צווייטן טאָג, אום זונטיק, איז אַ יידישער מיליציאָנער אַריינגעקומען צו ר׳ שלמה אהרונען אין דער באַגלייטונג פון צוויי באַוואָפנטע דייטשע זשאַנדאַרן מיט אַ באַפעל פון דעם שטאָט-קאָמענדאַנט, אַז ער, ר׳ שלמה אַהרון, זאָל קומען אין דער קאָמענ-דאַנטור, אָנגעטאָן פונקט אַזוי ווי נעכטן אין דער פרי, בעת ער איז געגאַנגען דאַווענען.

— שוין זעקס זקנים איז אים אַוועקגעפירט אין די שבתדיקע מלבושים, און ער איז אַלץ אין איין רציחה — מען זאָל אים

ברענגען דעם וואָרן הייליקן מאַן... מיינט ער דאָס עס טאָקע נאָר אייך, ר׳ שלמה אהרון. ווי מיר האָבן עס זיך אָנגעשטויסן. נישט געוואָלט אייך מטריח זיין. אַז פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, דער מטורפער יעקע!

אַלע אין שטוב זענען בלאַס געוואָרן: אפשר זאָל מען אָפּחורשן דעם יעקע דאָ?

— דינאָ דמלכותא דינאָ, — האָט ר׳ שלמה אהרון אָפּגעקרעכצט און געלאָזט זיך איבערטאָן אין אַ וואָכנדיקן טאָג (און וואָס נאָך ערגער איז — אום זונטיק) אין די מלבושי-שבת. און מיט דער זעלבער פּסיעה-קטנה, ווי נעכטן, האָט ער זיך געלאָזט פירן פון די באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, און דער ייִדישער מיליציאָנער איז נאָכ-געגאַנגען פון הינטן מפני־הכבוד.

אין שטעטל האָט זיך שוין דערווייל געהאָט געקאָכט מיט דעם אויסטערלישן נייס:

— וואָס דאַרף ער עס האָבן דער מטורף, דווקא דעם אַלטן ר׳ שלמה אהרון? ס׳וואָלט נאָך געווען פאַרשטענדלעך, ווען ער שיקט ברענגען זיין שמואל שמחהן, אָדער זיין איידעם, אָשר דעם גרויסן... אפשר עפּעס אַ מסירהלע וועגן אַ שמוגל. צי וועגן דעם געהילץ-מאַטעריאַל פאַר זייערע הייזער — די וועלדער געהערן צו דער מלוכה...

איז אפשר טאַקע **דאָס**, דער פּלאַץ פון דער דירה איז דאָך ר׳ שלמה אהרונס?

און וואָס-זשע דווקא איז די שבתדיקע בגדים, ווי ער האָט אים נעכטן געזען?

— ס׳איז אַ רעטעניש, און שוין!

חשובע באַלעבאַטים האָבן זיך שוין געקליבן ביים רב אין שטוב. מען האָט זיך מתיעץ געווען, וואָס צו טאָן. און ווען מען האָט דערזען דורך די פענצטער ר׳ שלמה אהרונען צווישן די זשאַנדאַרן, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס זענען נשתנה געוואָרן די סדרי-בראשית. ס׳איז געוואָרן חושך אין שטעטל, ווי בעת אַ ליקוי-חמה.

— ווער ווייסט?... ס׳זאָל, חלילה, דערפון קיין אומגליק נישט אַרויס! פו, פו, פו, להבדיל אלף אלפי הבדלות, האָט מען דאָך אין קאָוולע מיט אַ חודש פריִער געהאַנגען אַן אַלטן גוי...

— אַ משל פעטרישקע! ביי יענעם האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ רוסישער שפּיאָן...

— האָסט אים אַוודאי מיט דיינע אייגענע אויגן געזען דעם שפּיאָן. געכאַפּט האָט מען נישט דעם שפּיאָן, נאָר דעם אַלטן טויבן גוי... ס׳איז מלחמה!

דערווייל זענען אַריינגעפאַלן צום רב אין שטוב, פאַרסאָפּעטע, מיט דערשראָקענע אויגן און גליווערנדיקע בליקן ר׳ שלמה אהרונס זין, שמואל שׂמחה און אָשרקע דער קליינער. איבער זיי האָט אַריבערגעקוקט דער איידעם, אָשר דער גרויסער און זיין איידל פּנים האָט מחמת בלאַסקייט אויסגעזען נאָך בלאַסער. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן די שנור, די קלוגע חוהלע פון די שאַפּיראָס, מיט צעזשאַריעטע אויגן, וואָס וואַרטן, מען זאָל איר, חוהלען, פרעגן אַן עצה, ווערט זי שוין זאָגן וואָס מען האָט צו טאָן. פון דער רביצינס חדר האָט זיך געהערט דער יאָמער פון ר׳ שלמה אַהרונס טאָכטער, כאַסיע ברײנע.

— איך גיי גלייך אַהינצו, — האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון צווישן די פאַרזאַמלטע שאַיע שאַפּיראָ. דער ייִדישער בירגערמייסטער, קוקנדיק גלייך אין די אויגן אַריין זיין פּלימעניצע חוהלע שאַפּיראָ, ווי זי וואָלט אים מיטן בליק פאַרן קאָפּ געפירט: טאָמער, חלילה, וואָס-ווען, וועל איך צו וויסן טאָן.

— וועט דער רב גיין מיט אַ דעלעגאַציע, — זאָגט חוהלע שאַפּיראָ.

— עס וועט מיט גאָטס הילף קיין בייז נישט געשען, — שטאַרקט דער רב זיך אַליין און אַלעמען: — איר האָט דאָך געהערט — ער האָט געהייסן ברענגען צו זיך דעם „הייליקן מאַן״, און וואָס איז דאָ שייך! און ר׳ שלמה אהרון איז דאָך טאַקע אַ הייליקער ייִד. געשיקט זיך?... מיט גאָטס הילף, מיט גאָטס הילף.

און ס׳האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט: שאַיע שאַפּיראַ האָט זיך אומגעקערט מיט אַ בשׂורה:

— אַ פּו, אַ פּו אויפן דייטשס קאָפּ! אַן איינפּאַל פון אַ יעקע. גענומען און אָפּגעפאָטאָגראַפירט אונדזער ר׳ שלמה אהרונען. און דאָס איז עס געווען דער גאָרער געלויף פון די „אַחשתּרנים״.

די שטאָט האָט זיך געפרייט. ווער ס׳האָט געלאַכט, און ווער ס׳האָט געשמייכלט. ר׳ שלמה אהרון אַליין אָבער האָט זיך שטאַרק מצער געווען דערפון, וואָס מען האָט פון אים אַראָפּגענומען אַ פּסל: „לא תעשה לך כל פּסל״, שטייט אין חומש.

אין אַ וואָך אַרום האָט אים זיין אייניקל, די קליינע מאַריידקע, אַריינגעטראָגן אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט אויסגעבעטן ביים שטאָט־קאָמענדאַנט:

— זיידע! זאָל דער זיידע אַליין זען, ווי שיין!

ר׳ שלמה אַהרון האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן זיין געליבט אייניקל, און מיט ציטערדיקע פינגער און מיט דעם געפיל, אַז ער גייט אָנרירן אַן אומווערדיקייט, וואָס „שקץ תשקצנו״, האָט ער אָנגענומען דעם „פּסל״ און זיך איינגעקוקט אין אים. מיט זיין טריבן בליק האָט ער די אייגענע צורה דערזען ווי אַ ליקוי־חמה, און די פאַרגלאָצטע אויגן — ווי די אויגן פון אַן עוף, בעת דער שוחט פאַדדרייט אים דאָס קעפּל, און ס׳טוט פאַר זיי אַ שימער די שאַרף פונעם חלף צווישן דעם שוחטס ציין...

ער האָט זיך דערפילט שוואַך. די פאָטאָגראַפיע איז אים אַרויס־געפאַלן פון די פאַרגליווערטע פינגער, און ער האָט אַ שעפּטשע געטאָן.

— דער דייטש האָט מיך געקוילעט!... מאַריידקעלע, פיר מיך צום געלעגער... און דערלאַנג מיר די קוואָרט וואַסער צו וואַשן די הענט...

אין דעם יאָר האָט ר׳ שלמה אהרון געהאַט די זכיה אויסצוהויכן די נשמה אין זיין זונס, שמואל שׂמחהס, נייער גרויסאַרטיקער דירה אויף זיין אייגן געלעגער.

# ב ר י ד ע ר

## א

פיר ברידער זענען זיי געווען: אַברהמלע, משה, שלומקע און לייבעלע. דעם נאָמען פונעם צווייטן ברודער האָט מען נישט פאַר־צויגן און אין שטעטל האָט מען אים גערופן נישט אויפן יידנס נאָ־מען, ווי די אַנדערע, נאָר אויפן טאַטנס: משה־נחמנס. ער האָט נישט געפּאַסט צו זיין אַן אייניקל פון יעקב־מאירן, דעם אַמאָליקן עילוי פון דובנע און היינטיקן נגיד און גבאי־ראשון ביים טריסקער רבין, וואָס אַפילו זיין איידעם, נחמנען, וואָס איז געזעסן ביי אים אויף קעסט מיטן ווייב און די קינדער, האָט מען נאָך אַלץ גערופן נחמן יעקב־מאירס, כאָטש ער מיטן ווייב האָבן געפירט די אַנגע־זעענסטע קראָם אין שטעטל.

משה האָט זיך אויסגעטיילט פון די אַנדערע ברידער שוין מיט זיין גראָבלעכער צורה: ר׳איז געווען העכער, דיקער און אומבאַ־וועגלעכער פון זיי. זיין פּנים — טונקלהויטיק, מיט ברוינע, מוטנע ביראויגן, מיט אַ געדיכטער פליישיקער נאָז און דיקלעכע ליפּן. זיין קאָפּ איבערן שמאָלן שטערן — באַוואַקסן מיט געדיכטע, דראָבנענ־קע שוואַרצע קרייזעלעך: אַ שעפּסענער קאָפּ. צו אָט דעם קאָפּ האָט זיך בפירוש געפּאַסט דאָס פאַרשטאָפּטקייט פון זיינע געהירן. די מלמדים האָבן זיך געוואונדערט: ווי האָט זיך עס גענומען אַזאַ דעמ־בענער קאָפּ צווישן די אייזערנע קעפּלעך פון זיינע ברידער? ווי שיקט זיך עס אַזאַ קאָפּ ביי יעקב־מאירס אַן אייניקל? אַזאַ קאָפּ פּאַסט פאַר אַ שוסטער־געזעל.

פון דעסטוועגן האָט קיינער פון די מלמדים זיך נישט דערוועגט אַרויפצולייגן אויף אים אַ פינגער אַפילו: פאַרט יעקב־מאירס אַן

אייניקל! זיי זענען אַפילו נישט דרייסט געווען צו זאָגן קלאָר און אָפן דעם זיידן ווי שלעכט דאָס דאָזיקע אייניקל זיינס שטייט אין לערנען. זיי האָבן עס געמאַכט אויסמיידנדיק-איידל:

— אַוודאי, צו אייער אַברהמעלעס קעפל קומט עס נישט. צו שלומקעס אַוודאי און אַוודאי נישט. שלומקעס קעפל בליצט דאָר. אַ שוואַך קעפל ביי אים, ביי משהן, וואָס איז דאָ צו רעדן. נאָר מילא. פאַרט אַזאַ זיידנס אַן אייניקל. מע וועט אים ווי עס איז אונ-טערטרייבן.

ניין, משה-נחמנס האָט קיין מאָל נישט געקריגן געשלאָגן פון אַ רבין, ווי אַנדערע יינגלעך מיט פאַרשטאָפּטע קעפּ, פון אָרעמען אָדער בעל-מלאָכישן גראַד. אָבער געליטן האָט ער. געליטן פון בזיון וואָס דער רבי בייזערט זיך אויף אים און די קינדער אַרום לאַכן, האָבן אין אים, דעם נגידס אייניקל, אַ נקמה. ער קוקט דע-מאָלט, משה, פאַר זיך מבולבל, זעט נישט גאָרנישט און הערט זיך איין ווי אַ טויבער צום רבינס אַריינטייטשן אין זיין דעמבענעם קאָפּ; ווי ער וואָלט אין אים פלעקער אַריינגעקלאַפּט. אין קאָפּ שטייט אים אַ רויטער נעפּל און ס׳בלויטיקט אים דאָס האַרץ.

אוי, וויפל ער ליידט זיך עס אָן אין חדר פון זיינע מלמדים און פון די חדר-יינגלעך צוליב זיין גראָבן קאָפּ! יעקל-מלמד, אַ ייִד אַ קפדן מיט בייזע איבערגעקערטע ווייִעס ווי רויטע ליאַמעווקעס אַרום די שטעכעדיקע אויגן, גייט אָפּט אַרויס פון די כלים צוליב אים. און איין מאָל האָט ער אַ ברום געטאָן ווי אַ לייב:

— כיבע עפּענען דיין שאָפּענעם שאַרבן, אַרויסנעמען די גע-הירן און זיי איבערשווענקען אין זיבן וואַסערן, דאָס זאַמד זאָל פון זיי אַרויס!

דאָס מאָל האָבן די יינגלעך, מחמת שרעק, זיך נישט דערוועגט אַפילו אַ לאַך צו טאָן.

נישט ווייניק האָט משה געהאַט אויסצושטיין אין דער היים, פון די ברידער. זיי האָבן מיט שטאָלץ און ווי מיט פאַראיבל אויף אים, זיך געהאַלטן מן-הצד. נישט געוואָלט אים אַריינעמען אין קאָן,

ווייל ער באַנעמט דאָך גאָרנישט, דער פאַרשטאָפּטער קאָפּ! און ווען ער האָט זיך דאָך מיט טעמפּער עקשנות אַריינגעשטופּט אין זייער שפּיל, האָט אים צוליב אַ ליאַדע וואָס געדראַט אַרויסגעשטויסן צו ווערן מיטן צונאָמען „בופלאָקס", אָדער פאַרקירצט — „בוף". דע־מאָלט פלעגט זיך אים גלוסטן אַ רעווע צו טאָן פאַר ווייטיק ווי אַ בופלאָקס. נאָר ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות באַהערשט, ווייל באַלד וועלן זיי זיך צעלאַכן: אָט־אַ רעוועט ער דאָך טאַקע ווי אַ בופלאָקס!

אָבער ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט זיין, צום שטאַרקסטן האָט ער זיך איבערגענומען פון דער זאַך גופא וואָס ער קאָן נישט לערנען. אוי, ווי ער האָט געוואָלט לערנען, קענען! יעדעס מאָל ווען ס'איז אים אויסגעקומען גובר צו זיין אַ שווערן פּסוק — און פאַר אים איז כּמעט יעדער פּסוק געווען שווער — פלעגט ער ביז ווייטיק קנייטשן דעם שמאָלן שטערן, אויססאָלאָפּען די קליינע אויגן אין רבינס רעדנדיקן מויל אַריין און צופּינטלען מיט די וויִעס צו דער באַוועגונג פון רבינס ליפּן. זיין פּנים האָט זיך געבראָכן אונ־טערן צער פון אַ קראַנקער, שטומער צונג. ער האָט זיך געפּייניקט איבער אַן אים אומפאַרשטענדלעכער שורה מיט דער זשעדנעקייט פון אַ הונגעריקן הונט איבער אַן אויסגעסמאָקעטן ביין. דאָס אָרט אויפן גמרא־בלאַט ווו ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ סענק, פלעגט ער אַזוי שטאַרק קוועטשן מיט די ווייזפינגער פון ביידע הענט, מיט אַלע כּוחות, ווי ער וואָלט וועלן אַרויסדריקן דעם לעבע־דיקן תּמצית פון די אומפאַרשטענדלעכע אותיות. ס'האָט געוויינט אין אים זיין עם־הארצישע נשמה.

אוי, האָט ער מקנא געווען די ייִנגלעך אין חדר און די ברידער אין דער היים, וואָס ביי זיי זענען די שטערנס ווי אָפענע פענצטער און די ווערטער פליִען אַריין אין זייערע קעפּ ווי פייגעלעך אין די נעסטן. ביי זיי אין די קעפּ איז ליכטיק, זענען זיי פריילעך, זינגען זיי. ביי אים אין קאָפּ איז שטאָק־פינצטער, איז ער אומעטיק, גלוסט זיך אים וויינען.

ווער האָט פאַרשטאַנען דעם „בופלאָקס" און ווער האָט אים

מיטגעפילט? בלויז די מאַמע, די קלוגע רייזיע יעקב-מאירס. וואָלט ביי יעקב-מאירן אין שטוב זיך געפּאַסט צו צערטלען און קושן די קינדער, וואָלט זי דערמיט פאַרלייכטערט זיין שווער געמיט. אָבער דאָ אין שטוב איז צערטלען, ווער שמועסט נאָך אַ קוש טאָן אַ קינד וואָס גייט שוין אין חדר, געהאַלטן געוואָרן פאַר אומפּאַסיק, פאַר אומגעזונטער ווייבלעכקייט וואָס קאָן דעם קינד, דעם מאַנצביל שוין, פאַרשאַטן חלילה. פלעגט די מאַמע בלויז אַ זיפץ טאָן איבער זיינע ליידן, פירהאַלטן די קינדער פאַר זייער שלעכטן באַציִען זיך צו אים און אים אונטעררוקן אַ צוקערקע אָדער אַ מאַרמעלאַדקע, ווען ער איז געקומען אַליין אין קראָם אַריין.

געקומען אַהין איז משה זעלטן. ער האָט זיך בכלל גאַנץ ווייניק געשפּילט. האָט ווייניק צייט געהאַט דערויף. האָט כּמעט תּמיד אי־בערגעחזרט און איינגעחזרט מיט עקשנות וואָס ער האָט געלערנט און אַזוי שוואַך באַנומען. האָט געקנייטשט און נאָך שמעלער גע־מאַכט זיין שמאָלן שטערן. געגריזשעט זיך דאָס האַרץ איבערן חומש מיט רש״י און דער גמרא, ביז צווישן די שורות האָט זיך אָנגעהויבן דורכזען אַ בלייך ליכט. דאַכט זיך אים אַז די אויגן האָבן זיך אים געעפנט, ער הייבט אָן זען יעדע שורה, יעדעס וואָרט באַזונדער. אַ וואַרעמע זיסקייט צעגיסט זיך אים אין אַלע שמאַכטנדיקע גלידער. ס׳צינדט זיך אָן אין אים אַ גלויבן אין די אייגענע כּוחות. אויף אַ רגע ווערט ער שטאָלץ מיט זיך, ווי ס׳פּאַסט פאַר יעקב-מאירס אַן איי־ניקל און רופט זיך אַליין משה יעקב-מאירס.

אַ רגע, בלויז אַ רגע, ביז ער נעמט ווידער לערנען.

אַזוי האָט ער זיך אַלע זיינע חדר-יאָרן געמאַטערט, געראַנגלט זיך מיט דער אייגענער גייסטיקער טעמפּקייט, איבערגייענדיק פונעם דרדקי-מלמד אַלץ העכער און העכער. אַזוי — ביז צו יעקל-מלמד מיט די איבערגעקערטע וויִעס ווי רויטע ליאַמעווקעס אַרום די שטע־כיקע אויגן. דאָ, ביי יעקלען אין חדר, איז ער שוין שטעקן געבליבן ווי אין אַ זומפּ. אַזוי פון יאָר צו יאָר, ביז ס׳האָט אים דאָ אָנגעיאָגט דער פערטער ברודער, לייבעלע, וואָס האָט אַן אָפענעם מוח צום

לערנען, כאַטש אין שטוב האָט ער דעם צונאָמען „קעלבעלע״, צו־ליב זיין שטענדיקער פאַרטראַכטקייט און נישט וויסן אויף וואָסער וועלט ער געפינט זיך. פון אַריבערפירן אים, משהן, צום העכערן מלמד — האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין; ביז אים אַליין, אַ בחור וואָס לייגט שוין תפילין, אַן אויסגעוואַקסענער און צעוואַקסענער, איז געווען נישט איבערצוטראָגן דעם בזיון צו לערנען מיט אַזעלכע קליינע יינגלעך. בפרט אַז לייבעלע, אַזאַ קליין-געוויקסיקער, לערנט שוין אויך דאָ און קען בעסער פון אים. ער זעט דען נישט ווי לייבעלע שעמט זיך מיט אים? יעדעס מאָל ווען ער, משה, קאָן פון עפּעס נישט אַרויסקריכן, טוט דער רבי אַ גלאַנץ מיט די איבערגע־קערטע פייכטע וויִעס:

— אַנו, לייבעלע, קליינינקער, גיב עס אים נאָר צו פאַרשטיין, דיין גרויסן ברודער!

האָט איין מאָל משה זיך איינגעעקשנט — און ער האָט געקאָנט טעמפּ זיך איינעקשנען ווען ס'איז געגאַנגען אין האָנאָר — ער וועט מער צו יעקל-מלמד נישט גיין. ער שעמט זיך צו לערנען מיטן „קעלבעלע״ אין איין חדר. האָבן טאַטע-מאַמע, באַקומענדיק דעם זיידנס הסכּמה, באַשלאָסן: צו וואָס זאָל דאָס קינד זיך מאַטערן אומזיסט? קיין רב וועט פון אים סיי ווי נישט אויסוואַקסן. גענוג מיטן חדר! זאָל ער לערנען ביי יאַנקל שרייבער יעדן טאָג אַן „אוראָק״, וועט ער זיך אויסלערנען אַ יידיש בריוול אָנשרייבן, אַ חשבון מאַכן מיט דער פען, אַן אַדרעס אויף רוסיש איבערלייענען און אָנשרייבן. וויפל צייט ס'וועט אים פאַרבלייבן נאָכן צוגרייטן די „אוראָקן״ — וועט ער קומען צוהעלפן אין קראָם. זאָל ער אויך דאָ עפּעס אויס־לערנען. קיין גרייטער קרעמער ווערט מען אויך נישט געבוירן. זאָל פון אים כאַטש אַ לייטישער קרעמער אויסוואַקסן. בגוואַלד קאָן מען ביים אייבערשטן גאָרנישט נישט נעמען. אַז שלומקען מיט אַזאַ פייערדיק קעפּל האָט דער בראַנד פאַרברענט און דער מלאך-המוות צוגענומען... זאָל אים, משהן, דער אייבערשטער נאָר געבן געזונט און לעבן.

אָבער נישט מער ווי איין וואָך אַרום האָט משה אויפגעהערט קומען אין קראָם. ס׳איז אים, האָט ער געטענהט, ליידיק די צייט, מיינענדיק צו זאָגן אַז אין קראָם איז אים לאַנגווייליק. בעת אַ גרויסן יאַריד, ווען אַברהם און לייבעלע קומען אין קראָם אַכטונג געבן, וועט ער אויך קומען. אַזוי, אין גלאַט אַ טאָג, וויל ער נישט. ער וויל ווייטער לערנען.

קיינער פון די עלטסטע מלמדים האָט נישט געוואָלט אַריינגעמען אים אין חדר. זיי וועלן דאָך נישט פּראָווען קיין חדר פּאַר איין תּלמיד באַזונדער. רב יעקב-מאיר מוז דאָך עס פּאַרשטיין. און די טאַטעס פון די איבעריקע תּלמידים וועלן דען דערויף מסכּים זיין?

יעקב-מאיר איז צוליב דעם אַרומגעגאַנגען ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר אויסגעלאָזט האָט ער צו משהן:

— קאָנסט גיין זיך אָנדינגען פּאַר אַ פּאַסטעך, אַז דו ווילסט נישט גיין אין קראָם. מיינסט ס׳אַ בזיון? יעקב-אָבינו איז אויך געווען אַ פּאַסטעך.

אויפן צווייטן טאָג האָט משה, נישט פרעגנדיק ביי קיינעם, אָנגעהויבן גיין אין בית-מדרש אַריין. כ׳וועל איבערחזרן, האָט ער געטראַכט, דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געלערנט אין די חדרים. כ׳וועל זיך מוטשען אַליין.

ב

אין בית-מדרש איז געווען דער איינפיר, אַז אַלע בחורים און יונגלעך לערנען די אייגענע מסכתּא. די מסכתּא וואָס מ׳האָט דאָרט געלערנט צו משהס אָנקומען איז גראָד געווען אַזאַ, וואָס ער האָט קיין מאָל אין חדר נישט געזען. אַ שווערע מסכתּא. ער איז אַפילו נישט געווען ביכולת אַריינצובייסן זיך אין איר ערשטער מישנה. ווי אירע ווערטער וואָלטן זיין קרעמענעס. אָן עמעצנס הילף וועט ער זיך אין איר פון אָרט נישט רירן.

האָט ער אָנגעהויבן צוגיין „פרעגן" ביים עלטערן ברודער, ביי אַברהמען. נאָר אַברהם פלעגט אים אויפנעמען נישט בסבר-פּנים-

יפות, זיך געשעמט מיטן יינגערן ברודערס פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ פֿאַר זיינע חברים, די עלטערע פון אים. ער פֿלעגט אים ענטפערן מיט אַן אויפגערעגטן טאָן; איז טייל מאָל געווען אַפילו גראָב צו אים. גאָר- נישט לויט זיין טבע, אַברהמס:

— מיט אַ גראָבן קאָפּ קאָן מען די בית-מדרש-ווענט נישט דורכברעכן, — האָט ער איין מאָל שטיל אָבער הייס, ווי צו זיך אַליין, זיך אַ בייזער געטאָן.

איז ער שוין, משה, גערנער געגאַנגען „פרעגן" ביי פרעמדע. יענע ווערן כאָטש נישט אויפגערעגט פון זיין צוקומען צו זיי. נאָר אויך ביי זיי פלעגט זיך טרעפן אַז דער געפרעגטער, אַפילו אַ יינגל פון אַ נידעריקער כיתה, זאָל זיך צעלאַכן אויף אַ קול:

— דאָס מינדסטע חדר-יינגל קאָן דאָך עס פֿאַרטייטשן!

די בושה האָט נישט בלויז געפלאַמט אויף זיין פּנים, נאָר גע- ברענט אים אין די טיפענישן. ס'איז אים אַ שאַנד געווען נישט נאָר פֿאַר זיך אַליין, נאָר אויך פֿאַר טאַטע-מאַמע און דער עיקר פֿאַרן זיידן, יעקב־מאיר, און דער באָבע, פּינע יעקב-מאירס.

צוליב זיין צער האָט משה ביסלעכווייז פֿאַרלוירן דעם אַפּע- טיט צום עסן און געבליבן איז ביי אים בלויז דער אַפּעטיט צום לערנען. די פֿאַרב פון זיין פּנים האָט זיך אָפּגעבליאַקעוועט. ער איז אָפּגעצערט געוואָרן. די מאַמע האָט שוין געזען באַשיימפּערלעך אַז מיטן קינד איז עפּעס נישט פּשוט און גענומען אים אויספֿאָרשן. משה האָט זיך ביטער צעכליפּעט און די ווערטער זענען אַרויסגע- פֿאַלן פון זיין האַלדז ווי הייס בליי:

— כ'קאָן נישט אַליין לערנען. כ'קאָן נישט. קיינער וויל מיר נישט העלפן. דער אייגענער ברודער, אַברהם...

— נו, זאָל מען אפשר פּרווון פועלן ביי יעקל-מלמד ער זאָל דיך צוריק אַריינ...

— ניין! — רייסט ער איר איבער פון געוויין אַרויס — דאָרט לערנט לייבעלע, אַזאַ קליינינקער... כ'האָב זיך נאָך מיט שלומקען געשעמט.

— איז וואָס זשע ווילסטו, קינד מיינס, — פאַרגייען דער מאַמעס אויגן מיט טרערן צוליב שלומקען וואָס איז „פאַרברענט געוואָרן ווי אַ קינדל״ און צוליב אים, משהלען, וואָס ליידט נעבעך פונעם פאַרשטאָפּטן קעפּל און זיין באַגער צו קענען לערנען. אַ צענטל פון שלומקעס קעפּל וואָלט דאָך פאַר אים געקלעקט. האָט דער אייבערשטער ד ע ם פאַרנומען צו זיך און ד ע ם געלאָזן אויף ווינד-און-וויי פאַר אים אַליין און פאַר אונדז אַלע.

— איך ווייס נישט — כליפּעט ער מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי אַ זינדיקער — כ׳וויל קענען לערנען.

האָט יעקב-מאיר, נאָך אַ שמועס מיט דער קלוגער רייזיע, געדונגען פאַר אים אַ יונגן-מאַן — בערל טוביהס — אַן איידעמל אויף קעסט, אַריינצוקומען יעדן טאָג אין שטוב און לערנען מיט משהן אַ שעה אָנדערטהאַלבן די מסכתא וואָס מע לערנט אין בית-מדרש. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ סוד פאַר די בית-מדרש-לערנערס און משה האָט זיך לכתחילה דערמיט שטאַרק דערפרייט. אָבער אין אַ וואָך אַרום האָט זיך אים געדאַכט אַז נישט ע ר באַנעמט נישט וואָס דער רבי פאַרטייטשט און דערקלערט — נאָר דער רבי אַליין פאַרשטייט נישט וואָס ער לערנט מיט אים. דער יונגערמאַן איז טאַקע געווען אַ גאָר שוואַכער בעל-מסביר. און ווען ער האָט איין מאָל אַ פּרוּוו געטאָן „אָנצוטאַפּן משהס מוח הינטן אַרומער״, אים אַ שאַרפן קניפּ געטאָן אין געזעס, איז דער תּלמיד אויפגעשפּרונגען, אַ שטויס געטאָן דעם רבין אין דער זייט און אים איבערגעלאָזן אַליין ביי דער אָפענער גמרא.

פונקט ווי פאַר די בית-מדרש-לערנערס איז געווען אַ סוד דעם יונגנמאַנס אַריינקומען אַהער — אַזוי איז ביי יעקב-מאירן אין שטוב פאַרבליבן אַ סוד דער אופן ווי אַזוי דער יונגערמאַן איז אַוועק זיך מער נישט אומצוקערן. ער האָט יעקב-מאירן דערקלערט אין בית-מדרש:

— איך וויל נישט שפּילן אין אחיזת-עינים. כ׳וויל נישט נעמען ביי אייך קיין געלט אומזיסט. איר פאַרשטייט, רב יעקב-מאיר? האָט

קיין פּאַראיבל נישט. כ׳בין נישט קיין האָלצהעקער. און כ׳זיץ, ברוך-השם, אויף קעסט ביי מיין שווער, רב טוביהן.

— אַז משה רבנון איז אָנגעשטאַנען צו זיין אַ שטיינהאַקער, אַרויסצושלאָגן מים, האָט דיר, להבדיל אלף-אַלפי-הבדלות, געמעגט אָנשטיין צו זיין אַ האָלצהעקער, אַרויסצושלאָגן תּורה — אין מים אלא תּורה.* — האָב איך, הייסט עס, געהאַט אין דיר אַ גראָבן טעות. דיין שׂכר פאַר דער וואָך האָלצהעקעריי ביי מיר אין שטוב וועל איך דיר אָפּשיקן מיט יאַנקעוו-שיִען דעם שמש, כ׳זאָל דיין תּמעוואַטן פּרצוף שוין מער נישט אָנקוקן! — האָט יעקב-מאיר גע-רעדט צו אים מיט רוגזה און פאַרענדיקט מיט צאָרן, זיך אַוועקגע-דרייט און אַוועקגעגאַנגען.

דער יונגערמאַן בלייבט שטיין אַ געפּלעפּטער, דאָס פּנים צע-פּלאָמט, דאָס מויל האַלב אָפן, און קוקט נאָך מיט ברייט-צעעפנטע אויגן יעקב-מאירס הויכע אָפּצאָסן פון די שטאַרק גלאַנציקע שטי-וועלעך, וואָס קיינער אין שטעטל טראָגט נישט אַזעלכע. זיין האַנט, דעם יונגנמאַנס, טוט זיך מאַשינעל אַ באַוועג צו דער זייט מיט די צעווייטיקטע ריפּן, ווו דער תּלמיד איז אים נעכטן פאַרפאָרן מיטן פעסטן קוליק. ער באַטאַפּט דאָס אָנגעווייטיקטע אָרט, ווי זיך צו איבערצייגן אַז ס׳איז אים טאַקע אַזעלכעס געטאָן געוואָרן פון יעקב-מאירס אייניקל. אין זיין צעטומלטן מוח הייבן זיך אָן טומלען רעיו-נות: דאָס אייניקל מיטן פאַרשטאָפּטן קאָפּ האָט מיך געשטויסן אין גוף; שור שנגח — אַ בופלאָקס וואָס האָט געשטויסן זיין רבין, און דער זיידע, דער אַמאָליקער דובנער עילוי, כאָטש היינט לערנט ער וויניק, דער אַמאָליקער מתנגד, כאָטש היינט איז ער משמש דעם רבין — אין דער נשמה דער אַמאָליקער... דער אַמאָליקער... עמלק!

אַ בלייך שמייכעלע פון צופרידנגעשטעלטער נקמה טוט אַ פלאַ־טער אויף זיין צעהיצט פּנים און זיינע מחשבות רייכערן זיך ווײַ-טער: דער נגיד און אויסבאַהאַלטענער מתנגד „מנגד" — שמייסט

---

* מים — וואַסער — מיינט דאָ: תּורה.

דעם קבצן, דעם חסיד. ווי זאָגט די גמרא אין פּסחים? טוביה חטא וזיגוד מינגד — טוביה האָט געזינדיקט און זיגוד ווערט געשמיסן. טוביה — דאָס איז זיין אייניקל משה, מיין תּלמיד, און זיגוד — דאָס בין איך, זיין אייניקלס רבי. שוין אין זיינע הויכע אָפּצאָסעלער, יעקב-מאירס, וואָס דאַרפֿן העכער מאַכן זיין נידעריקע פיגור, שטעקט זיין גאַרע גאווה. ער גייט אויף שטאָלצן און רעדט זיך איין אַז ער איז הויך.

האָט משה ווייטער געוויינט און די מאַמע איז געווען פאַר-צווייפלט:

— איז וואָס זשע קאָן מען נאָך מער טאָן? איז וואָס זשע וויל-סטו, משהלע? מעג מען דען כּסדר דערצערענען דעם זיידן?

— איך וויל... איך וויל — האָט ער אומבאַהאָלפן אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין, נישט פון אַ יינגל נאָר פון אַ מאַנצפּאַרשוין וואָס לעבט איבער אַ האַרצרייסנדיקן בראָך — איך וויל קענען לערנען! לער...

און די מאַמע האָט געוויינט צוזאַמען מיט אים...

— אוי, ווען איך וואָלט קאָנען מיין קאָפּ אויף דיר אַרויפזעצן, אומגליקלעך קינד מיינס.

גאָר אומגעריכט האָט זיך צו משהן צוגעשאַרט אַ חבר אין בית-מדרש, אַברהמטשיק פייגע-מלכּהס. אַברהמטשיק, אויך אַ בחורל מיט נישט קיין געהויבענעם קאָפּ, האָט געהאַט אויסגעפּועלט ביי זיך אין דער היים אַז מע וועט אים לאָזן פאָרן אין אַ ישיבה, אויב נאָר אַ קינד פון אַ לייטישער היים וועט פאָרן אַהין. ער איז געווען אַ ספּריטנער חברה-מאַן, חנוכּה פון די ערשטע געווינערס אין די קוויטלעך, האָט ער זיך געכאַפּט אַז משה-נחמנס, דער גראָבער קאָפּ, דער „בופלאָקס", וועט זיך לאָזן פירן אויף זיין שטריקל. חוץ דעם, וועט משה האָבן דאָרט מער געלט פון אים און וועט זיך לאָזן מעלקן ווי אַ בהמה. ביסלעכווייז האָט זיך אים איינגעגעבן איינצו-שמועסן משהן אַז די ישיבה עפנט ממש די מוחות ביי די תּלמידים

ווי מיט אַ שליסעלע און די תורה גייט אַריין אַהין פון זיך אַליין. מיט דער היץ פון אַ סוחר וואָס לויבט אויס זיין סחורה, האָט ער אים אויסגעמאָלן ווי זיי לערנען דאָרטן צוזאַמען, ווי זיי וואַקסן פון טאָג אויף טאָג אין לערנען. אין אַ צוויי יאָר אַרום, און אפשר אַפילו אין אַ יאָר, וועלן זיי זיך אומקערן אַהיים אמתע ווילערנערס. די בעס־טע בית־מדרש־בחורים וועלן זיי פאַרשטעקן אין די גאַרטלען.

משהס קאָפּ האָט די זאַך גאָר נישט לייכט באַנומען. אָבער אין דער ישיבה האָט ער געזען זיין איין־און־איינציקע רעטונג, האָט ער זיך דערין אָנגעכאַפּט.

פאַר פּסח, ווען דער זיידע איז נאָך געווען אין וועג מיטן רבין, האָט משה אָנגעהויבן צושטיין צו דער מאַמען מיט רייד און מיט גע־וויין, מע זאָל אים נאָך יום־טוב שיקן צוזאַמען מיט אַברהמטשיק פייגע־מלכּהס אין דער מאַליוועו ישיבה.

אין יענע יאָרן האָט זיך, אמת, געטראָפן אין שטעטל, אַז אַ יינגל איז געפאָרן קיין ראָווּנע אין דער ישיבה. אָבער דאָס איז געווען אַ קינד פון אַ בעל־מלאָכה אָדער פון גאָר אָרעמע עלטערן. בלויז אַזעלכער. פאַר אַזאַ שטוב ווי יעקב־מאירס איז עס געווען אַ גרויסע שאַנד. ווי שיקט מען דאָס אַוועק אַ קינד פון דער היים אין דער פרעמד צו „עסן טעג״? רייזיע יעקב־מאירס האָט דעריבער דעם קינדס „משוגענעם״ איינפאַל איין מאָל אַוועקגעמאַכט ביטולדיק מיט דער האַנט, אַ צווייט מאָל מיט אַ בייזלעכן „לאָז מיך צו רו, משה, מיט די נאַרישקייטן!״

— פאַר וואָס? הלמאַי אַברהמטשיק פייגע־מלכּהס?

— מילא, אַז זיין מאַמען, פייגע־מלכּהן, איז אָנגעשטאַנען איינ־צוקויפן שניט אַזש אין לאָדזש און מאַכן אַן אָנזעץ, כּדי מען זאָל קאָנען ביי זיי אין שטוב עסן אַלע טאָג קאָטלעטן, ווי ביים רבין אין הויף — פאַסט איר אויך דאָס, אַז איר קינד זאָל ביי פרעמדע טישן „עסן טעג״... ביי אונדז עסט מען נישט אַלע טאָג קיין קאָטלעטן פון פרעמד פאַרמעגן, דאַרף מען קיין פרעמד ברויט אויך נישט עסן.

האָט משה גענומען אַרויסווייזן נישט נאָר זיין שטאַרקע תּשוקה

צום לערנען, נאָר אויך דער מומע ברכה יעקב-מאירס עקשנות ביים וועלן דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל — די ישיבה. ער האָט אויפגע-הערט עסן. דאָס מאָל נישט ווייל ער האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, נאָר ווי אַ מיטל אין זיין געראַנגל. ער האָט טועם געווען בלויז אַזוי פיל, און דאָס אויך בגנבה, וויפל ס'איז נייטיק דאָס לעבן צו דער-האַלטן. די מאַמע האָט דערזען פאַר זיך די סכּנה דאָס קינד זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרמאַרען אָדער, נאָך ערגער, נישט אַראָפּ פון זינען, ווי איר ייִנגערע שוועסטער ברכה...

— אוי ווי צו מיר! צו וואָס וועט דאָס אים צום סוף דערפירן?

— האָט זי פאַרצווייפלט געפרעגט ביים מאַן, אין פאַרבאָרגענער דערוואַרטונג ער זאָל אַ זאָג טאָן: פאַרפאַלן, זאָל ער פאָרן, דער „בופלאָקס"! זי האָט נישט געוואָלט ס'זאָל אַרויסקומען פון איר מויל פריִער.

איין מאָל, אַהיימקומענדיק פון קראָם, האָט נחמן יעקב-מאירס אַ רוף געטאָן משהן אין דער מומע ברכהס אַלקער אַריין (זי האָט זיך דעמאָלט געפונען אין וואַרשע, אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע) און פאַרמאַכט די טיר. אויפמערקזאַם דערויף — איז גע-וואָרן איין לייבעלע. ער האָט נייגעריק געקוקט אויף דער פאַרמאַכ-טער טיר: וואָס דאַרף דאָרט פאָרקומען? עפּעס אויסערגעוויינ-לעכס — דער טאַטע האָט משהן אַ רוף געטאָן מיט אַ ווייכער שטים, אָבער אין זיין בליק איז געווען בעת-מעשׂה כּיטרעקייט. דער טאַטע האָט משהן פאַרנאַרט. משה, דער גראָבער קאָפּ, האָט זיך נישט גע-כאַפּט אַז אַזוי האָט אַברהם-אָבינו פאַרנאַרט יצחקן צו דער עקדה... כאָטש רש"י זאָגט אַז יצחק האָט געוווסט.

לייבעלע דערנענטערט זיך אויף די שפּיץ פינגער צו דער טיר, פּרוּווט זי אָפּלענען אַ ביסל. זי איז אָפּנים פאַרקייטלט. וואָס זשע קומט דאָרט פאָר? פאַר וואָס רעדט דער טאַטע אַזוי שטיל? וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַנג? אַ פּאַטש? דער טאַטע פּאַטשט דעם „בופל-אָקס"? וואָס הייסט עס?...

שלאָגן אַ קינד — איז נאָך דאָ אין שטוב נישט געהערט גע-

וואָרן. וואָס וואָלט דערויף געזאָגט דער זיידע? די ערגסטע שטראָף פאַר אַ קינד איז דעם זיידנס בייזערן זיך.

אין דעם אויגנבליק טוט זיך האַסטיק אַ קייטל אויף די טיר, אַ צעפּראַל זיך, און דער טאַטע לויפט אַרויס אין בהלה. זיין קליין בלאָנדלעך בערדל — ווי אַש אויף טליִענדיקע קוילן. ער לויפט אַריין צו זיך אין אַלקער ווּהין די מאַמע איז נאַר-וואָס פון קראָם אַריינגעגאַנגען. ער שושקעט איר עפּעס דאָרט איבערראַשט און פאַרסאַפּעט אין אויער אַריין. און די מאַמע קוקט אויף אים מיט אַ באַצערט, צעמישט פּנים.

ערשט קומט משה אַרויס פון דער מומעס אַלקערל פאַרשפּיליענדיק זיך די הויזן. זיינע קליינע אויגן קוקן פאַר זיך טעמפּ. אָבער זיין פּנים זעט דווקא אויס ווי פון עפּעס צופרידן. ווי אַ געשמיסענער האָט גאָר אויסגעזען דער טאַטע — טראַכט לייבעלע און נעמט אויספאַנטאַזירן: די מאַמע מיטן טאַטן האָבן געהאַט צווישן זיך אָפּגערעדט — ער עסט נישט, דער „בופלאָקס", וועט ער שטאַרבן. דאַרף מען אים אַריינפּיצקען אין ווי-הייסט-מען-עס, וועט ער באַקומען אַפּעטיט צום עסן. דער טאַטע האָט אים שטיל געסטראַשעט: זאָג, „בופלאָקס" איינער, ׳עסט נעמען עסן, צי נישט? — נישט! וועל איך שמייסן... וועסט נעמען עסן? — ניין! האָט דער טאַטע אים געטאָן אַ לייג אַנידער אויף די קני און גענומען אויפשפּיליען די הויזן: וועסט נעמען עסן? וועל איך פּיצקען! — האָט דער „בופלאָקס" זיך געטאָן אַ ריס, אויפגעשטעלט און דערלאַנגט דעם טאַטן אַ פּאַטש אין פּנים.

לייבעלע ווערט בלייך ביי דער דאָזיקער פאָרשטעלונג. ער איז דערשראָקן פון דער מעשה-נבלה וואָס דער „בופלאָקס" האָט אָפּגעטאָן — מכה אביו ואמו מות ימות — ווער עס שלאָגט טאַטע-מאַמע, דער זאָל געטייט ווערן! אָבער דער טאַטע האָט דאָך אים פריִער געוואָלט שלאָגן. ווּעמען וועט דער זיידע געבן גערעכט?

אויף מאָרגן איז געקומען צו פאָרן דער זיידע. די מאַמע האָט זיך מיט אים לאַנג געסודעט. פון צייט-צו-צייט האָט זיך געלאָזט

הערן איר דערשטיקט געוויין. דער זיידע האָט זיך דאָרט, אין טאָ-טע-מאַמעס אַלקער, שטאַרק געבייזערט. האָט מסתמא געזידלט דעם איידעם הינטער די אויגן: ווי האָט ער זיך דערוועגט צו שלאָגן זיינס אַן אייניקל? ווער האָט עס אים געמאַכט פאַרן בעל-הבית איבער די קינדער? ער שפייזט זיי און קליידט זי און צאָלט פאַר זיי שׂכר-לימוד? דערווייל זיצט ער נאָך ביים שווער אויף קעסט, דאָס זאָל ער אויף קיין איין רגע נישט פאַרגעסן, דער פאַליעשוק! ער האָט שוין אַפּנים פאַרגעסן די פאַלעסיער קיטיע אָן געשמילץ...

שפּעטער, נאָך דער מיטאָג-סעודה, האָט מען פאַררופן משהן צום זיידן אין אַלקער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַרויסגע-קומען, משה, מיט אַ זיידן גלאַנציק האַלדזטיכל אַרום האַלדז. לייבע-לע האָט באַלד געהאַט אַ חשד, אַז דאָס האָט אים דער זיידע אַוועק-געגעבן די מתנה וואָס ער האָט געבראַכט פאַר אַברהמעלען, דאָס באַליבטסטע אייניקל זיינס. פאַר וואָס עפּעס? איבער דעם גלאַנץ פון דעם טיכל האָט עפּעס געשיינט דאָס גאַנצע פּנים, משהס, ווי דער זיידע וואָלט אים געשענקט זיין „וויגרישנעם בילעט" און פאַר-זיכערט דאָס גרויסע געווינס. נאָך מער האָט מען זיך אין שטוב גע-וווּנדערט וואָס משה האָט אָנגעהויבן עסן ווי אַ מענטש. מערער נאָך — ער האָט געגומען עסן מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלייך ווי אַ „גייץ" פונעם קאַרפּ ביים ערשטן סדר וואָלט אין אים אַריין, ווי ער וואָלט אָפּגעגעסן פאַר דער גאַנצער צייט הונגערן, אָדער זיך פאַרגרייט צו קאָנען הונגערן אַ צווייט מאָל. פון די גוטע, פעטע, פּסחדיקע מאכלים האָט ער זיך אין משך פון דער יום-טובדיקער וואָך אַזוי אויסגעפּאַשעט, אַז ס'זאָל אין אים גאָר קיין עין-הרע נישט שולט זיין.

גלייך נאָך פּסח איז דאָס שטעטל איבערראַשט געוואָרן פון אַן אויסטערליש נייס: צוויי יינגלעך פון „דער גילדענער פאָן" — משה-נחמנס, יעקב-מאירס אַן אייניקל און אַברהמטשיק פייגע-מלכּהס סראָל-מאָטיעס — פאַרן אַוועק אין ישיבה. נייע צייטן קומען אָן! די גמרא-מלמדים האָט עס אונטערגעטראָגן: אַ געפערלעכער

קאָנקורענט רוקט זיך אויף זייערע קעפּ, די ישיבות! נאָר וואָס קאָ-נען זיי טאָן קעגן אַזעלכע מיוחסים, בערן?! פאַרפאַלן! האָבן זיי בלויז געוואָרטשעט אין די וואָנצעס און צייטנווייז אויסגעלאָזט זייער ביטער האַרץ צו די פּלוניתטעס און די תּלמידים.

ג

ביי יעקב-מאירן אין שטוב האָט ווי קיינער נישט געבענקט נאָכן אַוועקגעפאָרענעם. פאַרקערט, ביי די ברידער איז געווען דאָס גע-פיל, ווי אַ נישט-געקאָלכט שטיקל וואַנט אין שטוב — לזכר דעם חורבן-בית-המקדש — וואָלט פאַרווייסט געוואָרן. בלויז די מאַמע האָט אָפּגעהיט און געצערטלט טיף אין האַרצן איר צער פאַרן ליידנדיקן קינד. אַוועקגעוואָגלט נעבעך פון דער זאַטער, וואַרעמער היים. צי וועט ער דאָרט, אין דער קאַלטער פרעמד, עסן צו דער זעט? דאָ, אין דער היים, כאַפּט זי זיך נישט איין מאָל אַראָפּ אין מיטן דער נאַכט פון געלעגער, אַ קוק צו טאָן ווי ס'שלאָפט זיך זיי, די קינדער. אַן אומרויִקער שלאָף ביי זיי אַלע. און דאָרט — ווער וועט אים צודעקן, משהלען, ווען די קאָלדרע וועט זיך אים פון געלעגער אַראָפּגליטשן? אוי!

אויך די באָבע, טראַכנדיק אַן אויפהער מיט אַ צעבראָכן געמיט וועגן דער יִינגערער טאָכטער, ברכהניו, וואָס שמאַכט דאָרט אין וואַרשע אין אַ שפּיטאָל און אפשר, חלילה, אין אַ משוגעים-העמדל, לאָזט אַ מאָל הערן אויך אַ זיפץ וועגן משהן:

— וויי צו דער באָבען! וואָס טוט נעבעך דאָס קינד דאָרט אין מאַליוו? ווי אַ לאַך אין קאָפּ האָט עס אים געפעלט. אַזוי ווי דאָס משוגעת וואָלט זיך, חלילה, אויך צו אים צוגעקלעפּט.

צום אַוועקפאָרן האָט משה געקריגן פון דער מאַמען אַ פּאָר צענדליק פּאָסטקאַרטלעך, מיטן אַדרעס אַהיים אויף יעדן און מיטן בקשהדיקן אָנזאָג:

— למען-השם, קינד, זשאַלעווע נישט אָנצושרייבן יעדע וואָך, אַפילו צוויי מאָל אין וואָך, ווי עס גייט דיר דאָרט אין אַלצדינג. טאָ-

מער, חלילה, עפּעס נישט אַזוי... שעם זיך נישט. די היים איז תּמיד אַ היים.

משה האָט עס צוגעזאָגט בלויז מיט אַ שאָקל פון זיין שעפּסע-נעם קאָפּ און אַ ברום פון אונטער זיין געדיכט-פלײשיקער נאָז, אָבער געהאַלטן וואָרט. ס׳איז פון אים אָנגעקומען אַ קאַרטל נאָך אַ קאַרטל. מע האָט זיך פון זיי גאַנץ ווייניק געקאָנט דערוויסן, ווייל קיין סך איז אין זיי נישט געווען געשריבן. איינס האָט איבערגעחזרט דאָס צווייטע. ס׳האָט אויך נישט געקאָנט זיין קיין סך געשריבן — משהס אותיות זענען געווען גרויסע, מגושמדיקע (בופלאָקסישע, האָט לייבעלע געזאָגט) און האָבן מיט אַ פּאָר שורות פול געמאַכט דאָס קליינע פעלד פונעם קאַרטל.

— זיינע קאַציעבעס און לאָפּעטעס וואָלטן געננוג זיין פּאָר אַ שיבער אויף אַ גאַנצן ערב-פּסח מצות צו באַקן — האָט זיך גע-וויצלט דער עלטערער ברודער, אַברהם.

מ׳האָט געלאַכט פון דעם געראָטענעם אַברהמעלעס געראָטע-נער חכמה. אָבער נישט געלאַכט — האָט די מאַמע. זי האָט די קאַרטלעך געלייענט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ווי געזוכט עפּעס צווישן די שורות. וואָס איז דאָ פּאָר אַ קיילעכדיק פּלעקעלע, ווי אַן אָרבעס די גרייס? נישט אַ פּאַרטריקנט טרערעלע? דורכן אַנוואַלגער פון די „קאַציעבעס און לאָפּעטעס" האָט די קלוגע רייזיע יעקב-מאירס מיטן שפּירעוודיקן מאַמע-האַרץ נישט איין מאָל דערזען בחוש, כאָטש ווי דורך אַ צוים, איר קינדס בלייך און פאַרוויינט פּנים אין דער ווייטער פרעמד. און דאָס האַרץ רייסט זיך אַזוי צו אים, רייסט זיך — ס׳זאָל זיך נאָר נישט אָפּרייסן.

:

משה-נחמנס האָט זיך דאָרט אין דער ישיבה,ביים שטענדער און אין דער אַכסניה, אויפן געלעגער, גאָר גיך אַרומגעזען אַז די ישיבה האָט אים דעם קאָפּ נישט געעפּנט. אַברהמטשיק האָט אים אָפּגענאַרט דעריין מיט אַן אויסטראַכטעניש. דערצו נאָך האָט ער ביי אים געליִען עטלעכע רובל און אָנגעזעצט, ווי זיין מאַמע, פייגע-

מלכּה, די לאַדזשער סוחרים. ער זעט אים שוין גאָר נישט. אין דער ישיבה דאָ איז בלויז פאַראַן אַ גרעסערע צאָל ייִנגלעך און בחורים אויף אָפּצולאַכן פון זיין מוח-עצירות. וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָ האָט קיינער נישט קיין דרך-ארץ פאַר אים, באַשר ער איז יעקב-מאירס אַן אייניקל. אַז ער האָט איין מאָל איינעם, וועלנדיק זיך חשוב מאַכן, אַ זאָג געטאָן אַז זיין זיידע איז אַ גבאַי ביים טריסקער רבין, האָט זיך יענער צעלאַכט: „וואָס? אַ שמשׂ ביי אַ רבין? טאָקע אַ וואָזשנער יִחוס! שוין חשובער אַ שמשׂ אין אַ קלויז״. און דער שפּאָט איבערן זיידן האָט אים געבריט דאָס פּנים ווי קראָפּעווע. אויס מיוחס! אַ ישיבה-ייִנגל צווישן אַ סך און דערצו נאָך מיט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. ס׳איז נאָך אַ נס וואָס מע ווייסט נישט דאָ אַז זיין מומע ברכה איז אין אַ משוגעים-הויז. צייטנווייז האָט ער אָנגע-הויבן שפּירן אַז זיין קאָפּ איז דאָ נאָך פאַרשטאָפּטער געוואָרן. ס׳קומט פאַר אין אים, אינעם קאָפּ, אַזאַ מין פאַרטונקלעניש און ס׳ווערט אים פאַר די אויגן אַזוי ווי איין מאָל אין דער היים, ווען ס׳איז אין הימל געוואָרן אַ ליקוי-חמה. די שורות אין דער גמרא ברעכן זיך איבער, די אותיות שיטן זיך פון זיי אַרויס און פאַלן צוזאַמען, ווי ס׳וואָלט איינגעפאַלן אַ הייזעלע פון פּיטשינקע-מאַנ-טשיקע שוואַרצע ציגל. דאָס איז דעמאָלט ווען דער הונגער נאָגט אים אונטערן לעפעלע און מיט אַ מאָל טוט אים אַ קלעם דאָס האַרץ, ווי אַ שערעלע וואָלט עס מיטן שפּיצינקן שנעבעלע אַ פּיק געטאָן.

די „טעג״ אויף וועלכע ס׳האַלטן זיך אויס די ישיבה-לייט, האָבן אים נישט אָנגעזעטיקט. אין דער היים איז ער געוווינט געווען צו עסן — אַ סך מער פון די ברידער, צו עסן ווען נאָר ס׳פאַרגלוסט זיך אים. פאַרקערט, אין דער היים האָט נאָך אַ מאָל די באָבע, אַ מאָל די מאַמע אַ מאָן געטאָן ביי אים: אפשר חלשט דיר דאָס האַרץ? ער פלעגט אַזוי זאָט זיין ביים טיש, אַז ס׳איז אים אַפילו נישט שווער געווען איבערצולאָזן שיריים אויפן דנאָ פון יעדן טעלער, ווי ס׳האָט געלערנט דער דרך-ארץ. נישט איבערלאָזן פון דרך-ארץ-

וועגן, האָט זיך גערעכנט פּאַר עם-הארצישער גראָבקייט ביי יעקב-מאירס טיש. דאָ אָבער, אין דער פרעמד, קאָן ער עסן נאָר צו אַ באַשטימטער צייט, יעדן טאָג ביי אַן אַנדערן פרעמדן טיש (ער, יעקב-מאירס אַן אייניקל! ס'פלאַמט אים דאָס פּנים צוליבן זיידנס שאַנד...) און איבערלאָזן עפּעס-וואָס פון דרך-ארץ-וועגן מוז מען דאָך אויך. אַ שאָד, אַ שאָד! און נישט נאָר דאָס אַליין. איינע אַ בעל-הביתטע — געזען אַז ער לאָזט איבער, האָט זי, ווייזט אויס, דערפון געדרונגען אַ ס'איז צו פיל פאַר אים און אָנגעהויבן אים דערלאַנגען ווייניקער. ווי זשע קאָן ער ריזיקירן איבערצולאָזן?

בעטן געלט פון דער היים, כדי כאָטש טיילווייז איבערצוגיין אויף אייגענע קעסט, האָט ער זיך נישט דערוועגט: זיי האָבן אים געבעטן פאָרן אַהער? און די מיאוסע מעשה וואָס ער האָט דאָרט אָפּגעטאָן!

האָט ער געהונגערט און דאָס געוויסן האָט אים געגריזשעט דאָס האַרץ. וויי, וויי! און וואָס וועט זיין מיטן לערנען? ווי גוט איז געווען אין היימישן בית-מדרש, וווּ ס'לערנט דער ברודער אַברהם, וווּ אַלע ווייסן ווער ער איז — יעקב-מאירס אַן אייניקל! וווּ יעקב-מאיר איז גבאי-ראשון און נישט קיין שמש. ס'ווערט אומעטיקער זיין גמרא-ניגון, ער גיסט זיך איבער אין געוויין. וואַרעמע טרערן גליטשן זיך אים איבער די אָפּגעמאָגערטע באַקן און פאַלן אויפן בלאַט פון דער גמרא. ער טוט גיך אַ פאַרשטעל מיט ביידע הענט דאָס פּנים, די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן שטענדער, אַז זיינע שכנים זאָלן נישט דערזען אים אין זיין פּיין און שאַנד.

די בענקשאַפט אַהיים, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן גלייך אויפן צווייטן טאָג פון זיין קומען אַהער, אַנשטאָט זי זאָל זיך פון טאָג-צו-טאָג אויסוועפּן, איז, אַדרבה, שטאַרקער געוואָרן. גאָר אָפט פלעגט ער זיך אויפכאַפּן ביי נאַכט מיט געוויין אויף זיין האַרט גע-לעגער און אויסגעווייקטן קישן. דורך דער טרערנגעץ האָט זיך אים געדאַכט צו זען ווי די מאַמע דערווייטערט זיך פון זיין געלעגער נאָכן איבערדעקן אים מיט דער דעק וואָס האָט זיך אין שלאָף פון

אים אַראָפּגעגליטשט אויף דער שמוציקער פּאָדלאָגע. ער הערט נאָר, דאַכט זיך, איר געשעפּטש: מיר זאָל זיין פּאַר דיר, מיין אומ-גליקלעך קינד. — אוי, ווען דאָס וואָלט נישט געווען קיין חלום!

אַזעלכע שווערע נעכט פלעגט ער האָבן נאָך דעם ווי ער האָט ביי טאָג באַקומען אַ בריוו פון דער מאַמען. דער טאַטע קאָן דאָך אים נישט שרייבן נאָך יענער מעשה...

איין מאָל האָט ער שטאָט אַ בריוו באַקומען געלט. האַלטנדיק עס אין דער האַנט, האָט ער געהאַט דאָס געפיל אַז ער ווערט באַ-רירט פון אַ הייליקער זאַך. ער האָט געמיינט אַז די פּאָסט גיט אָפּ ממש דאָס זעלבע געלט וואָס איז אויפגעלייגט געוואָרן. און אויפ-געלייגט האָט דאָך עס די מאַמע, די טייערע מאַמע, די הייליקע מאַמע!

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט ער באַקומען אַ בריוו. ער איז, ווי שטענדיק, געווען געשריבן פון דער מאַמען. די אותיות אָפּגעזונ-דערט איינס פונעם אַנדערן, מסתּמא ס׳זאָל אים גרינגער זיין צו לייענען. לייענענדיק אים אין דער ישיבה, ווו ער האָט אים באַקו-מען, געבויגן איבערן שטענדער, האָט ער אים אַלע מאָל געמוזט אָוועקנעמען פון פאַר זיינע אויגן, כּדי צו לאָזן אויסטריקענען די אָנגעקוואָלענע טרערן. די מאַמע שרייבט: זי בענקט, גייט אויס נאָך אים. עס פייניקט איר דאָס האַרץ וואָס איר געליבט קינד קומט אָפּ אין דער פרעמד, עסט ביי פרעמדע טישן. אַ מאַמעס האַרץ איז אַ נביא און זי ווייסט אַלצדינג. אַ מאַמעס אויגן זעען אַפילו דורך אַ שלייער אויף ווייטע מיילן. צוליב זיין גלות, ווייס איר געמיט נישט פון קיין רו, נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט ווען ער קומט איר צו חלום. מיט וואָס. קינד, — פרעגט זי — איז אַ ישיבה אין דער פרעמד ליבערשט פון אַ בית-מדרש אין דער היים? זיצן דאָך אין היימישן בית-מדרש לערנערס וואָס וועלן מיט דער צייט רבנים ווערן! צווישן זיי טאַקע דער אייגענער ברודער, אַברהמעלע. אַז מע וויל עפּעס דערגרייכן, קאָן מען עס אומעטום, לויט די כּוחות וואָס דער איי-בערשטער האָט יעדן געשאָנקען. אַלע קאָנען דאָך נישט ווערן קיין

רבנים. ס׳מוזן דאָך זיין פּראָסטע ערלעכע ייִדן אויך. ס׳איז שוין די העכסטע צייט אַז ער, משהלע, זאָל צום פאַרשטאַנד קומען און אומ־קערן זיך אַהיים. דערויף האָט זי אים דאָס געלט געשיקט. אויף הוצאות. צו אַברהמטשיק פייגע־מלכּהס רייד זאָל ער זיך נישט צו־הערן. ער איז אַ פאַלשער חבר. זיין מאַמע האָט שוין דערווייל גע־מאַכט אַ צווייטן אַנזעץ און דאָס עפּעלע פּאַלט נישט ווייט פון ביי־מעלע. אַלץ וואָס איז געשען פאַר דיין אַוועקפאָרן איז שוין פאַר־געסן געוואָרן ווי אַ בייזער חלום. קיינער וועט דיר וועגן דעם קיין איין וואָרט נישט דערמאָנען. אַ סימן — דער טאַטע שרייבט אַליין צו אַ גרוס. און דער עיקר — אַזוי באַפעלט דער זיידע, זאָל גע־זונט און שטאַרק זיין. און ער לאָזט דיר גריסן.

דעם טאַטנס גרוס האָט ער שוין נישט באַוויזן איבערצולייענען: אַ פויסט פון טרערן האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאָרגל, אינעווייניק, און גענומען שטיקן. אַ שוואַרצע בלוטכוואַליע האָט אים פאַרפלייצט די אויגן. דער שטענדער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן מיט אים צוזאַמען.

ווען ביי יעקב־מאירן אין שטוב האָט מען שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן צוליב משהס לאַנגן שווייגן דווקא נאָכן שיקן אים אויף הוצאות אַהיימצוקומען — צי איז ער, חלילה, נישט דאָרט פאַרקראַנקט געוואָרן? אפשר קלאַפּן אַ טעלעגראַמע צום ראש־ישיבה? — איז ער אין איינעם אַ בייטאָג אַהיימגעקומען און, ווי אַ שאָטן, זיך אַריינגעשאַרט אין שטוב. ער האָט ערשט געטראָפן די באָבע אַליין.

— אוי אַ פרייד, אַ פרייד! — האָט די באָבע אויסגערופן און באַלד צוגעשאָקלט באַדויערנדיק מיטן פאַטשיילעטן קאָפּ: וויפל איז ער עס דאָרטן געוועזן אין דער ישיבה? נישט מער ווי צוויי חדשים און וויי־וויי! ווי דאָס קינד האָט זיך געביטן! וויי איז נעבעך צום קינד און וויי צו דער באָבען. — זי איז געווען צעטומלט און נישט געוווּסט וואָס אָנצוהייבן.

דערווייל האָט דער קלאַנג אין שטעטל וועגן זיין קומען אַהיימ־

געבראַכט די מאַמע פון מאַרק און די ברידער — אַברהמען פון בית-מדרש און לייבעלען פון חדר. מ׳האָט עטלעכע רגעס שטום גע-גלאָצט אויף אים. די מאַמע האָט אים נישט אַרומגעכאַפּט קושן און די ברידער — נישט אויסגעשטרעקט די הענט אָפּצוגעבן אים שלום. זיי האָבן אים באַטראַכט ווי אַ בייז-וווּנדער. ער איז דינער און ווי לענגער געוואָרן. דער האַלדז — אויסגעצויגן ווי ביי אַן אויסגעמאָ-גערטן גאַנער. דער קנאָפּ אין אים לויפט אומרויִק אַרויף און אַראָפּ. דאָס פּנים איז אָפּגעצערט און געלבלעך-בלייך. און די אויגן — עפּעס ווי זיי וואָלטן פון שרעק גרעסער געוואָרן.

— זעט נאָר! — האָט לייבעלע אַ געשריי געטאָן — ער האָט דאָך שוין אַ וואָנצעלע אויף דער ליפּ.

— ווען ס׳וואָלט נישט געווען צום וויינען — האָט גאָר שטיל אַ זאָג געטאָן אַברהם — וואָלט געווען צום לאַכן.

— לאַך, לאַך באַבע פּאַר פּרייד — האָבן זיך ביי דער באָבען אַ קאָרטשע געטאָן די ליפּן צום וויינען און זי האָט אַן ווערטער פאַרענדיקט אין זיך: מיט יאַשטשערקעס...

פון דער מאַמעס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. זי איז געווען ווי שטום. ערשט איז אַברהם צוגעגאַנגען צום גאַסט, אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— שלום-עליכם, משה.

— שלום-עליכם, משה — האָט אים נאָכגעטאָן לייבעלע.

— איך האָב אַזוי געבענקט אַהיים, מאַמע — האָט משה ווי ערשט באַקומען דאָס לשון, — מאַמע... איך... וואָלט... וועלן עפּעס עסן.

— מיר זאָל זיין פּאַר דיין קאָפּ, נשמה מיינע! — האָט זיך אַן אייל געטאָן די באָבע צום פּריפּעטשיק — ס׳איז טאַקע נאָך פאַר-בליבן עפּעס פון אָנבייסן. כ׳גרייט דיר שוין צום טיש. נעם וואַש זיך די הענט.

בעת משה איז שוין געזעסן ביים געגרייטן טיש און געקייט גי-ריק ווי נאָך אַ לאַנגן תּענית, האָבן זיך אַלע געמאַכט דאָס נישט זע-

ענדיק. אויף דער מאַמעס ווונק זענען אַברהם און לייבעלע אַרויס־געגאַנגען. דער גאַסט האָט געקייט פאַרטראַכט אין דער אַרומיקער שטילקייט, ווי צוגעהערט זיך צום אייגענעם מאָלן מיט די ציינער. די מאַמע איז אַרויסגעגאַנגען צוגרייטן פאַר אים אַ געלעגער. נאָכן עסן איז ער גלייך געגאַנגען צום בעט, ווי אַן אויסגעהונגערטער אויף נאָך אַ ביסל שלאָף. ווי נאָר ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, איז ער באַלד איינגעשלאָפן מיט אַן עקשנותדיקן שלאָף. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט באַטראַכט רחמנותדיק זיין אָפּגעצערטן פנים מיט אַ דורכדרינגענדיקן, פאַרשנדיקן בליק און אויפגענומען מיט אַן אויער זיין שווערן אָטעם. אַריבערגעבויגן זיך צו זיין צו־פוסנס, האָט זי גענומען אַראָפּציִען פון אים די שיך. ס׳איז איר פינצ־טער געוואָרן אין די אויגן: די זאָקן זענען אויסגעריבן און ס׳קוקן פון זיי אַרויס זיינע פיאַטעס, פאַרשוואַרצטע. ציט זי אַראָפּ פון אים אויך די זאָקן און צווישן די אומריינע פינגער פון זיין רעכטן פוס פאַלן אַריין אירע לויטערע טרערן. זי גלייכט זיך אויס ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, פאַרדעקט זיינע הוילע פיס מיט אַ שפּיץ קאָלדרע, גייט אַרויס פון אַלקער אויף די שפּיץ פינגער און זיפצט שווער און טיף אָפּ:

— מיר זאָל זיין, קינד, פאַר דיין גראָבן קאָפּ. נעבער...

## ד

צו מאָרגנס איז משה אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, האָט גיך אָפּגעַ־דאַוונט, אָפּגעגעסן מיט אַ זשעדנעם אַפּעטיט און איז אַוועק אין בית־מדרש. גלייך ס׳וואָלט מיט אים גאָרנישט פאָרגעקומען. ער האָט זיך ווידער געשאָקלט איבער דער גמרא מיט אַ ניגון, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפילט זשעדנעקייט און וויינערישע מתיקות. זיין פּנים האָט דערביי אויסגעזען באַצערט. דער שמאָלער שטערן האָט זיך אָנגעשטרענגט געקנייטשט. מיט די פינגער האָט ער געקוועטשט די שורות, ווי ער וואָלט וועלן מיט כּוח אַרויסקוועטשן פון זיי דעם פאַר אים פאַרבאָרגענעם זינען.

אַזוי פון טאָג אויף טאָג. נאָך אָפטער ווי פריִער האָט ער אין זיך גובר געווען דעם בזיון פאַר זיין שעפּסענעם קאָפּ און איז צוגע-גאַנגען צום עלטערן ברודער, צו אַברהמען, אָדער צו אַ צווייטן עלטערן בחור, מע זאָל אים פאַרטייטשן וואָס אים איז שווער צו באַנעמען. שוין ביי אַלע אַ שפּאַר ביסל צייט פאַרנומען — איז ער אַפילו צו אַ יִינגערן פון זיך צוגעגאַנגען. איין מאָל, אַ צווייט מאָל, ביז אים האָט זיך געדאַכט אַז איצט פאַרשטייט ער שוין, הגם דער אויפקלערער איז נאָך מסופק געווען דערין.

אַברהם האָט זיך שוין מער אויף אים נישט געבייזערט, אַפילו ווען ער איז צו אים צוגעקומען אַן איבעריק מאָל. די עלטערע בית-מדרש-לערנערס האָבן אים שוין אַפילו אָנגעהויבן מיטצופילן. דרך-ארץ באַקומען פאַר זיין עקשנותדיקער התמדה און גרויסער עניוות. פאַר זיין קידוש-השם — ווי ס׳האָט עס אָנגערופן דעם דיינס ברו-דער, נחמן-בער, דער מושלם און פרומער, לויטן שניט פון רב שמשון-רפאל הירש, דעם מחבר פון החורב.

— אַלאַ וואָס שייך קענען — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ דין שמייכעלע פון אונטער זיין איידעלער, ציטערדיק-צעפליגלטער נאָז — קען שוין זיין עלטערער ברודער, אַברהם, אויך פאַר אים. אַזוי טרעפט עס אין לעבן זייער אָפט: צוויי לייבלעכע ברידער און איי-נער איז אָרעם, דער צווייטער רייך. ווי אין „קמח״, אַזוי איז אויך אין „תורה״. און דו, אַברהם, דאַרפסט תמיד געדענקען דעם פּסוק: וכי ימוך אחיך... והחזקת בו... — אַז דיין ברודער וועט אָרעם ווערן, זאָלסטו אים אויפהאַלטן. בפרט אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַן אָרעמאַן. מיר מעגן אים אַלע מקנא זיין. זאָגט דאָך די גמרא אין בבא-מציעה) דף פה, עמוד ב: כל המקטין עצמו על דברי תורה בעולם הזה נעשה גדול לעולם הבא — יעדער ווער ס׳מאַכט זיך קליין אויף דער וועלט, ווערט גרויס אויף יענער וועלט.

נעמט אים דער אַלטער בחור, יאָסל, יעקל-מלמדס אייניקל, אי-בערשפּאַרן:

— אָבער דאָ, נחמן-בער, איז דאָך נישט דער פאַל. ער, משה,

איז זיך דען מקטין? ער איז דאָך באמת אַ קטן. ער שטעלט זיך אַרויס אַזעלכער ווי ער איז. דעריבער איז מיר אַ גרויסער ספק צי וועט ער דאַרטן ווערן אַ גדול...

נאָר נחמן-בער, וואָס זעט אין משהס תורה-האָרעוואַניע קידוש-השם, וויל נישט אָפּטרעטן. ער טוט אַ קנייטש זיין ווינקלדיקן שטערן, זיך עפּעס צו דערמאָנענדיק, זיינע גרויע אויגן טוען אַ לייכט אויף מיט פרייד און ער זאָגט מיט היץ און עקשנות:

— אָבער מיר אַלע זעען דאָך באַשיימפּערלעך ווי ער דערנידע-ריקט זיך אַפילו כּלפּי יִנגערע פון אים און נישט קיין גרעסערע למדנים פון אים. וועל איך אייך דאָ מוסיף זיין נאָך אַ מאַמר חז״ל, אין עירובין, דף יג, עמוד ב: כל המשפיל עצמו הקדוש-ברוך-הוא מגביהו — יעדער וואָס דערנידעריקט זיך, דערהייבט אים דער איי-בערשטער... איין קליינוקייט! דער אייבערשטער בכבודו ובעצמו דערהייבט אים! יאָסל, טייל אים צו כּבוד, משהן!

נאָך נחמן-בערס דאָזיקער סמיכות פאַר משהן, האָט זיך שוין מער קיינער פון די בית-מדרשניקעס נישט דערוועגט צו טרייבן שפּאַט איבער משה-נחמנס.

פון דעסטוועגן האָט זיך משה געפילט עלנט סיי אין דער היים, סיי אין בית-מדרש. נישט קיין שותף צום לערנען, נישט קיין חבר. זיין איינציקער חבר איז ווידער פאַרבליבן די גמרא, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזוי פיל פיין און אַזוי ווייניק פאַרגעניגן. ער האָט גע-מוזט זיך ווענדן צו אַלע: צו אים האָט זיך קיינער נישט געוואָנדן. ווער אינטערעסירט זיך מיט אים?

יאָ, אין דער היים האָט זיך גאָר אומגעריכט עמעץ מיט אים פאַראינטערעסירט — דער טאַטע אַליין. איין מאָל, אין אַ שבת, האָט ער זיך מיט אים אַוועקגעזעצט לערנען דאָס קאַפּיטל פון ישעיה. געלערנט מיט אַ וואַרעמען זיסן ניגון. מיט גרויס געדולד אים פאַר-טייטשט די ווערטער אָן אַ שיעור מאָל. איז קיין איין מאָל אויף אים נישט בייז געוואָרן. אַ גוטער רבי! האָט דאָס אים, משהן, פאַרשאַפט אַ פולן נחת-רוח. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט שבת-אויס, שבת-

איין, לאַנגע חדשים. אָבער גאָר אין גאַנצן איז עס אים נישט איינ־געגאַנגען, כאָטש ווען ער האָט דאָס קאַפּיטל איבערגעחזרט אין דער וואָכן אַליין, האָט ער שוין אַ סך ווערטער געקאָנט פאַרטייטשן צו זיין אמתער פרייד. יעדעס מאָל ווען ער איז מיטן טאַטע צוגעקומען צום פּסוק: בנים — קינדער; גדלתי — האָב איך אויפגעהאָדעוועט; ורוממתי — און דערהויבן; והם — און זיי; פשעו בי — האָבן פאַרבראָכן קעגן מיר — פלעגט זיך אים אויסדאַכטן, משהן, אַז מיט דעם נביאס ווערטער מיינט דער טאַטע טאַקע זיך אַליין און אים, דעם בן. ער דערמאָנט אים דערמיט דאָס וואָס ס׳איז דעמאָלט געשען אין דער מומע ברכהס אַלקער. און ער פלעגט נעמען שטאַמלען די ווערטער מחמת שרעק, אַז אָט־אָט טוט זיך דער טאַטע אַזוי ניגונדיק אַ צעבייזער: און איינער פון די בנים ביסטו און וועגן דיר האָט עס ישעיה הנביא געזאָגט! און אויב דאָס געשעט נישט, איז עס נאָר צוליב דעם וואָס דער טאַטע שרעקט זיך פאַר דער מאַמען וואָס ליגט דאָרט אין אַלקער און הערט זיך צו צו זייער לערנען.

אויך אין בית־מדרש האָט זיך עמעץ גענומען פאַראינטערעסירן מיט אים — דער שמש יאַנקעוו־שיִע דער שיכּור. ער פלעגט אַרומ־שפּאַצירן איבערן בית־מדרש, נאָכן אויסטרינקען הינטערן אויוון אַ קריטשיקל ניינציקער, פאַרזונקען אין זיינע שיכּורע דמיונות, פון צייט־צו־צייט שטיין בלייבן און אונטערברומען אַזאַ פאַרקלערט גע־דאַנקעלע אין זיין פּייכטער וואַנצע אַריין, וואָס ער פאַרגעסט אָפּצו־ווישן נאָכן טרינקען. אָפּט פלעגט ער זיך פאַרקוקן מיט איין אָפן אייגל, ווי אַ הון אויף דער זון, מבינותדיק, אָפּשאַצנדיק, דאָ אויף איין בית־מדרש־לערנער, דאָ אויף אַ צווייטן. און אַ מאָל, אַז זיין אויג האָט זיך אַרויפגעשרויפט אויף משה־נחמנס געקנייטשטן שטערן, האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן מיטפילנדיק:

— ער באַגגערט נעבעך אין גאָטס תּורה, אַ שטומע צונג נע־בעך, ס׳אַ צער־בעלי־חיים!

משמעות, מחמת רחמנות אויף דער שטומער צונג, פלעגט ער

זיך, יאַנקעוו-שיִע, שטילינקערהייט צו אים צושאַרן און וואַרעם-בראַנפנדיק אַריינאָטעמען אין אויער:

— גיב, משהניו, אַ פּינפּערל אויף אַ גלעזעלע וואַרעמס. כ'האָב נאָך היינט קיין וואַרעמס נישט געהאַט. כ'על אויסטרינקען, 'עלן מיר די מחשבות לויטערער ווערן. און דיינע אין דער גמרא אויך. צו-ליב דער מיצווה פון דערכאַפּן אַ ייִדישע נשמה...

מען קאָן נישט זאָגן אַז יעקב-מאירס, דעם חשובן נגידס אייניק-לער, זענען רייך געווען אין טאַשנגעלט. אַזאַ פּריצישער איינפיר אויסצוטיילן טאַשנגעלט די קינדער — איז דאָרט אין שטוב נישט געווען. דאַרפסטו געלט — זאָג אויף וואָס! איז עס נייטיק, וועסטו קריגן. צעלאָזן אַ קינד טאָר מען נישט. אויסצוגעבן געלט אויף נאַ-שערייען טאָר מען נישט צוגעוויינען. מע דאַרף פון קינדווייז אָן לערנען צו שאַנעווען דעם גראָשן. ער קומט קיינעם לייכט נישט אָן. סיידן אפשר דעם רבין.

ביי יעקב-מאירן אין שטוב האָט אַ קינד באַקומען קליינגעלט סיידן אויס נויט: ווען ס'איז קראַנק געווען און נישט געוואָלט איינ-נעמען ריצנאייל, אָדער נישט געלאָזט דעם פעלדשער אויסשמירן דעם האַלדז מיט אַ פעדער געטונקען אין יאָדינע מיט גליצערינע. דערצו האָט מען דעם קינד נאָכן געזונט ווערן איינגערעדט צו „קלייבן" דאָס געלט ביים טאַטן, עלעהיי מאַרגאַליע, די דינסט, קלייבט אַלע יאָרן איר פאַרדינסט ביים זיידן: ווען זי וועט אַ כּלה ווערן, וועט איר דער זיידע געבן אַ גאַנצן נדן.

חוץ דעם האָט יעדעס קינד תּמיד געהאַט עפּעס געלט פונעם חנוכּה-געלט וואָס מ'האָט באַקומען פון זיידע-באָבע אויף צו שפּילן אין קוויטלעך. אויף די דאָזיקע הכנסות האָבן זיך די קינדער אַ גאַנץ יאָר געלערנט צו זיין שפּאָרעוודיק. האָט משה, אין דער האָפענונג אַז פאַר אַ פּינפּערל וועלן אים די מחשבות אינעם לערנען קלאָרער ווערן, נישט געזשאַלעוועט דאָס פּינפּערל און עס אַריינגעשטופּט יאַנקעוו-שיִען אין דער זשמעניע, נישט ווי קיין נדבה, נייערט ווי אַ באַצאָלעכץ פאַר דער רפואה וואָס ער האָט אים אַנטפּלעקט. אַז אַ

דאָקטער פאַרשרייבט אַ רעצעפּט, איז מען אויך נישט זיכער צי די רפואה וועט העלפן.

צייטנווייז פלעגט זיך אים נאָך דעם דאַכטן אַז די מחשבות זע-נען אים טאַקע לויטערער געוואָרן. איין מאָל האָט ער יאַנקעוו-שיִען אונטערגעטראָגן דאָס פינפערל נאָך איידער יענער האָט עס ביי אים געבעטן און דערפאַר באַקומען פון אים אַ גלעט אין דער באַק און אַ ברכה: גאָטס תורה זאָל דיר אַריינשיינען אין קאָפּ ווי די זון אין תמוז.

אַזוי איז געגאַנגען די צייט, אַ יאָר נאָך אַ יאָר. משה איז פון בית-מדרש עקשנותדיק נישט אָפּגעטראָטן. ס'האָבן אים נישט אָפּ-געהאַלטן אום ווינטער די פרעסט ער זאָל נישט גיין פאַר טאָג אין ווייטן, הויפישן בית-מדרש, צו זיין דאָרט דער ערשטער. אין זומער האָט אים נישט אַרויסגעטריבן פון דאָרט די היץ און שטויביקע דוש-נעקייט, ביז ער וועט נישט זיין דער לעצטער. ער האָט געהאָרעוועט ווי אַן אָקס וואָס ציט דעם אַקער איבער אַ שטיינינקן באָדן און קוים-קוים וואָס ער רייסט אים אויף.

געווען שוין בלעטער גמרא וואָס משה האָט געקאָנט זיי פאַר-שטיין נישט אָנקומענדיק צו עמעצנס הילף. אויך ביי יאַנקל שרייבער האָט ער זיך עפּעס אויסגעלערנט. אין דער צייט איז דער יִינגסטער פון די ברידער, לייבעלע, דאָס „קעלבעלע", אַריבערגעגאַנגען פון איין מלמד צום אַנדערן, אַלץ העכער. זיין גוטער שם איז אים גע-גאַנגען פאָרויס. ער האָט שוין געלערנט אַזעלכע זאַכן וואָס משה האָט אַפילו מורא געהאַט טאָמער וועט ער נישט ווי ס'קער צו זיין אַרויסזאָגן זייער נאָמען: **חושן משפט, קצות החושן, אורים ותומים.** משה „בופלאָקס" האָט אַרויפגעקוקט אויף לייבעלע „קעלבעלע" און אים האָט זיך געדאַכט: ער פאַררייסט דעם קאָפּ צום באַרג סיני, וואָס זיין שפּיץ שטעקט אין די וואָלקנס. פאַר לייבעלען האָט ער נאָך מער דרך-ארץ און מורא געהאַט ווי פאַר אַברהמען. האָט אים מקנא געווען און אפשר אויך פיינט געהאַט ווייל ער, לייבעלע, האָט פאַרכאַפּט אַלץ און פאַר אים גאָרנישט איבערגעלאָזט; כאָטש

ער איז דאָך עלטער פון לייבעלען — ווער האָט אים נישט גע-לאָזט פאַרכאַפּן? ער האָט שוין ביי דער מאַמען אין בויך אַ שעפּ-סענעם קאָפּ געהאַט.

אָט איז שוין אויך לייבעלע אַריין אין בית-מדרש. משה האָט שוין דאָ נאָך אַ ברודער ביי וועמען צו פרעגן אַ שטיקל גמרא. נאָר לייבעלע איז אַזוי קליין-געוויקסיק, אַז צום שטאַרקסטן שעמט ער זיך צו אים צוצוגיין. עפּעס שעמט ער זיך פאַר לייבעלען נאָר דווקא דערפאַר וואָס ער איז זיינער אַ ברודער. פון דעסטוועגן טוט ער עס, משה, מיט אַ שווער האַרץ. איז גובר אין זיך די חרפּה פאַר לייטן און די בושה פאַר לייבעלען אַליין. ער פּרוווט עס פאַר-דעקן מיט אַ פאַרטל — גייט צו צו לייבעלען אויף אַזאַ אופן:

— זע נאָר, לייבעלע, דאָ-אָ. ווי האָסטו עס פאַרטייטשט?

דאָס האָט געזאָלט הייסן: איך ווייס און פאַרטייטש דאָס שווע-רע אָרט אַליין; נישט מער — איך בין אומיסטן טשיקאַווע צו הערן ווי אַזוי דו האָסט עס פאַרטייטשט...

אין אָנהייב האָט זיך לייבעלע נישט געכאַפּט אויף משהס פאַרטל. ס׳איז גאָר נישט פאַר זיין קאָפּ. ס׳האָט אים, לייבעלען, פאַרשאַפט נחת וואָס אַלע אַרום זעען ווי זיין עלטערער ברודער קומט צו אים ווי צו אַ רבין. אָבער שפּעטער, ווען דער נחת האָט זיך אים צוגעגעסן, האָט ער זיך דערוויף געכאַפּט און איז אַריין אין גרימצאָרן: וואָס איז, ער האַלט אים נישט פאַר ראוי דערצו? ווייל ער איז שוין אַ גרויסער? אַ „בוף”. עמעץ זאָל הערן ווי אַזוי ער פרעגט עס אים, וואָלט ער געקאָנט מיינען אַז דער „בופלאָקס” קומט אים פאַרהערן! און חוץ דעם: ער, לייבעלע, האָט פיינט אַז מע גייט נישט מיטן אמת. און ס׳דאַכט זיך אים אַז טאַקע רק צוליבן אמת צעבייזערט ער זיך אויפן עלטערן ברודער:

— פריִער לאָמיר נאָר הערן צי דו אַליין האָסט דאָ כאָטש איין-און-איינציק וואָרט פאַרשטאַנען!

משהס פּולע באַקן טוען זיך אַ צינד אָן, ווי דורך די מערבדיקע פענצטער פון בית-מדרש וואָלטן זיי פאַרגאָסן געוואָרן מיטן בלוט

פון דער שקיעה. ער קוקט אויף לייבעלען מיט הייסע אויגן און שטאַמלט מיט די פולע ליפּן וואָס ציטערן; לאָזט אַראָפּ די אויגן אויף דעם בלאַט גמרא און זיין אָנבליק נעמט זיך איינברעכן ווי אָט באַלד וועט ער זיך צערעווען, דער „בוף״.

טוט לייבעלע אַ טראַכט: ער איז שוין גענוג באַשטראָפט געוואָרן פאַר זיין גיין נישט מיטן אמת. ווערט ער ווייכער און נעמט אים אויסטייטשן:

— איז וואָס אַרט דיר דאָ, משה?

ה

משהס פייניקן זיך איבער דער גמרא און זיין שטענדיק גובר זיין אין זיך דעם בזיון פון אָנקומען כּסדר צו דער הילף פון יינגערע, בפרט פון לייבעלען — האָט זיכער נישט קיין קליינעם חלק געהאַט דערין וואָס ער איז פאַרקראַנקט געוואָרן. ביי נאַכט פלעגט ער שטאַרק שוויצן און ביי טאָג — הוסטן. די קרענק האָט געזאָלט אים חשובער מאַכן ביי די שטוביקע און דאָס איז אים געווען צום האַרצן. אָבער די דאָקטוירים האָבן אין אָנהייב איינגעפונען אַז ס׳איז אַ קלייניקייט: מע דאַרף אים אויסשניידן די פּאָליפּן פון דער נאָז און אַלץ וועט זיך איבערנעמען. האָט זיך זיין חשיבות ווייניק וואָס געהויבן. דערצו איז שוין אַברהם דעמאָלט קראַנק געווען אויף די לונגען. פּאָליפּן אין דער נאָז איז דאָך נישט, חלילה, קיין לונגען-פעלער. נאָר ווען מ׳האָט אים ענדלעך אין דער קרייזשטאָט געמאַכט די אָפּעראַציע און זיין שוויצן ביי נאַכט און הוסטן ביי טאָג האָט זיך פאַרט נישט איינגעשטילט — האָבן די דאָקטוירים איינגעזען אַז אויך ביי אים קומט פאַר אַ פּראָצעס אין די לונגען. אָבער אַפילו דעמאָלט איז נישט ע ר געווען דער מיוחס אין שטוב, נייערט אַברהם. דער ויידענער חתן-בחור, דער צווקונפטיקער רב אין אַ ייִדיש שטעטל.

מע האָט פאַרשטענדלעך געטאָן אַלץ אַז אויך משה זאָל קומען צוריק צום גאַנצן געזונט, אָבער נישט אַזוי פיל ווי פאַר אַברהמען. ס׳איז אויסגעקומען אַז פונקט ווי משה קאָן נישט אַזוי לערנען ווי

אַברהם, קאָן ער אויך נישט אַזוי לייטיש קראַנק זיין ווי אַברהם. משה איז עפּעס ווי אַ קראַנקער פון אַ צווייטער מדרגה. אַברהמען האָט מען יאָר-איין, יאָר-אויס געשיקט קיין אָטוואָצק; משהן איז מען אָפּגעקומען מיט שיקן אים אויף אַ פּראָווינץ-דאַטשעאָרט. אַפילו די „פּילנעס" אין דער היים זענען פאַר אַברהמען געווען בעסערע. משה האָט אים דערויף מקנא געווען, נישט ווייניקער ווי אויף זיין קענען בעסער לערנען, אָבער ער האָט קיין עוולה דעריין נישט גע- זען — אַברהם איז דאָך אַברהם. ער קען דאָך דעם יורה-דעה אויף אויסנווייניק און וועט זיין אַ רב. ער, משה, וואָס? קוים וואָס ער שוויצט אויס אַ שטיקל גמרא. און אַברהם איז דאָך שוין אַ חתן! נאָך אַברהמס חתונה וועט ער ווערן דער מיוחס. צוליב זיין קרענק. אוי, ווען אַברהם וואָרט שוין געזונט און האָט חתונה! וועט מען אויך אים אָנהייבן רעדן שידוכים.

דער שדכן וואָס האָט אויסגעפּירט אַברהמען דעם שידוך איז געווען — וואָס אין לעבן קאָן אַלץ טרעפן! — בערל-טוביהס, דער יונגערמאַן וואָס איז אַמאָל געווען אַ וואָך צייט משהס רבי, ביז דער תּלמיר, דער פאַרשטאָפּטער קאָפּ, איז אים איין מאָל פאַר- פאָרן מיט אַ קוליק אין דער זייט צווישן די ריפּן און דאָרט איבער- געלאָזט אַ ווייטיק אויף אַ לאַנגער צייט. ווען בערל איז נאָך יענער חרפּהדיקער נאָר שוין פאַרעלטערטער מעשׂה אַריינגעקומען דאָס ערשטע מאָל צו יעקב-מאירן אין שטוב מיט שטילע, קווענקלדיקע טריט פון אַ שאָטן, האָט זיין שרעקעוודיקער, אָנגעשטרענגט-פאַר- שערישער בליק גלייך באַמערקט אויף יעקב-מאירס פּנים אַ שאָטנדל פון נישט-ניחאדיקייט, און זיין נאָז — ווי זי וואָלט זיך אַ קנייטש געטאָן מיט הקפּדה. הייסט עס, דער בעל-גאווה גייט נאָך היינט אויף די שטאָלצן פון זיינע הויכע אָפּצאַסן פון די שרייענדיק-גלאַנצנדיקע שטיוועלער; האָט אים, בערלען, נישט מוחל געווען זיין כּלומרשט זיך אָפּזאָגן פון צו „האַקן האָלץ" מיט זיין אייניקל. אַ שוואַכקייט איז באַפאַלן זיין האַרץ. זיך שוין אויסדרייען און, אָן אַ גוטן-טאָג, אַרויסגיין, אָבער פּרנסה מאין תּמצא? — פון וואַנען וועט זיך נע-

מען פּרנסה? ער איז דאָך שוין אַראָפּ פונעם שווערס קעסט, מי-שטיינס געזאָגט. שווייגט ער אַ ווײַלע, ווי דאָס לשון וואָלט אים אָפּ-גענומען געוואָרן, נעמט זיך אָן בעל-כּרחו מיט מוט, וואָס ביי יעקב-מאירן קאָן עס הייסן חוצפּה און מורמלט אַרויס מיט אַ רחמנות-פּנים אַ פּאַרקרימטס:

— רב יעקב-מאיר, כ׳בין ערשט געקומען צו אייך, פּאַרצולייגן אַ שידוך פאַר אייער גרעסטן אייניקל, אינעם זיידן גרעסטענעם אייניקל... פאַר אַברהמען. כ׳האָב אַמאָל נישט געטויגט ווי אַ רבי פאַר זיין יינגערן ברודער, אפשר וועל איך טויגן פאַר אים ווי אַ שדכן...

זיין הכנעה, בערל-טוביהס, און זיין מודה זיין אַז ער האָט נישט געטויגט ווי אַ רבי, פאַרווייכט יעקב-מאירס אָנגעברוגזט האַרץ. דאָס שאָטנדל אויף זיין פּנים ווערט אָפּגעווישט, די נאָז גלעטיקט זיך אויס און ער באַוויליקט, כאָטש מיט אַ שאַרפן שטאָך, אָבער מיט אַ ווייכלעכן מוחלדיקן טאָן, אים צו ענטפערן:

— אַז מע רעדט צו אַ מענטשן, דאַרף מען רעדן ווי אַ מענטש. אַזוי אַז יענער זאָל נישט דאַרפן אָנשטעלן די אויערן. כ׳האָב גע-הערט, געהערט. איז הער אויך דו! יעדער מלמד קאָן זיין אויך אַ שדכן, אָבער נישט יעדער שדכן — אַ רבי. אפשר ווי אַ שדכן וועסטו יאָ טויגן. מילא, כ׳וועל דיך פאַרהערן. זעץ זיך אָט דאָ צום טיש און רעד מיט אַ מענטשלעך קול. וואָס פאַר אַ מין שידוך לייגסטו פאַר יעקב-מאירן?

דער שדכן פאָלגט, זעצט זיך אַ ביסעלע דרך-ארצדיק-געבויגן. יעקב-מאירס ווייך געוואָרן פּנים גיט אים צו מוט. ער דערציילט, שוין נישט פאַרהיקענדיק זיך, וועגן דעם מחותּן אין אַ פרעמדער שטאָט, אַ ייִד אַ וווילערנער, אַ בעל-ייִחוס, וועגן זיינע מיסחרים און דעם נדן און קעסט וואָס ער איז גרייט צו געבן זיין צוקונפטיקן איידעם, וועגן דער כּלה, דער בת-יחידה, איר צניעות-פרומקייט, ייִדישן חן און אויך היינטוועלטיקייט. צום סוף לאָזט ער אויס, שווער אָפּאָטעמענדיק, ווי נאָך אַ קאַטאָרזשנער אַרבעט:

DENVER
PUBLIC LIBRARY

— דאָס איז עס, רב יעקב-מאיר, דער שידוך וואָס איך לייג פאָר.

— נו, האָסט גוט אויסגעהאַלטן, בערל, דיין ערשטן עקזאַמען. געערדט צו דער זאַך און פאַרגעלייגט אַ זאַך וואָס לייגט זיך אין פלוג אויפן שׂכל. גוט. כ׳וועל זיך אין משך פון דער וואָך נאָכפרעגן, געוווירר ווערן אַלצדינג און באַשליסן צי ס׳איז דאָ וועגן וואָס צו רעדן. קום אַריין אַהער אין אַ וואָך אַרום, דינסטיק לאָמיר זאָגן, און וועסט, אם-ירצה-השם, הערן פון מיר תּשובה.

יעדעס מאָל ווען דער שדכן האָט זיך באַוויזן אין שטוב, האָט אַ בושה-רויטקייט באַפאַרבט משהס פּולע באַקן און אים געצוווּנגען זיך אָפּטראָגן אין אַן אַלקער אַריין. פון דאָרט האָט ער זיך איינ-געהאָרכט צום שמועס פונעם זיידן מיטן שדכן. ס׳איז אים גאָר שטאַרק נישט געווען צום האַרצן, וואָס גראַד זיין אַמאָליקער, פון אים געניזוקטער רבי, איז אַברהמס שדכן. זיינער וועט ער דאָך אויף געוויס נישט וועלן זיין.

אומדערוואַרט, סיי פאַר יעקב-מאירן, סיי פאַרן שדכן, האָט ער אויסגעהאַלטן אַלע ווייטערע עקזאַמענס און ס׳האָט זיך צו דער גרויסער פרייד פון אַלע אין שטוב געענדיקט מיטן ברעכן טעלער. מזל-טוב! אַברהמעלע איז אַ חתן געוואָרן. און ס׳פרייען זיך אויך זיינע חברים, אַלע עלטערע פון אים, אין בית-מדרש. ס׳פרייען זיך אויך דאָס גאַנצע שטעטל. נישט צוליבן נגיד יעקב-מאיר, נאָר צו-ליבן שטילן און ווילן, עניוותדיקן, זיידענעם אַברהמעלע.

אויך משה פרייט זיך שוין איצטער, כאָטש דעם שידוך האָט אויסגעפירט בערל-טוביהס. מילא, בערל איז דאָך נישט דער איינ-ציקער שדכן אויף דער וועלט. נישט ע ר, וועט זיך אָפּגעפינען אַן אַנדערער. ער, משה-נחמנס, איז דאָך יעקב-מאירס אַן אייניקל. אַ ביסל לערנען קען איך דאָך אויך — טראַכט ער — מע וועט קאָנען מיך פאַרהערן אין דער מסכת קידושין. כ׳על קריגן אַ כּלה. אַ גע-לערנטע. מיר׳ן חתונה האָבן. כ׳על זי שטאַרק ליב האָבן. זי מיך — אויך. כאָטש איך האָב אַ שוואַכן קאָפּ. אַז מ׳האָט מיך גערופן „בופל-

אָקס״ וועט זי דאָך נישט וויסן. ווער ׳עט עס איר דערציילן? אַלע קאָנען דאָך נישט זיין קיין רבנים, ווי די מאַמע זאָגט. כ׳זאָל נאָר געזונט ווערן. אין זכות פון מיין מיִען זיך אין גאָטס תּורה, ווי די באָבע זאָגט אַזוי פרום.

משהס תּשוקה צום לערנען באַגעגנט זיך איצט מיט אַ צווייטער תּשוקה, אַ נאָך לעבצנדיקערע — געזונט צו ווערן. ער זאָל, חלילה, נישט שטאַרבן איידערן פאַרזוכן דעם טעם פון חתונה האָבן, פון ליב האָבן דאָס שיינע, געלערנטע ווייב. אוי, ווי ס׳שרעקט אים ביז אַנגסטן דער אויסמאַטערנדיקער הוסט! נאָך מער — דער שליים וואָס איז דורכגעפעדעמט מיט דינינקע רויטע פעדעמלעך און איז אין גאַנצן ראָזלער באַפאַרבט. פלוצעם דערמאָנט ער זיך, אַליין זיך חידושנדיק, אַ פסוק וואָס ער געדענקט נישט ווו ער שטייט ערגעץ: כּי — וואָרום; הדם — דאָס בלוט; היא הנפש — איז דאָס לעבן...

טייל מאָל, ווען ער זיצט איינער אַליין אין בית-מדרש איבער דער גמרא, הייבט ער אַרויף דעם קאָפּ, קוקט טעמפּ פאַר זיך, אין זיך אַריין. ער זעט און באַטראַכט זיינע קראַנקע לונגען. אין זיינע קאַנאַלעכלעך ציִען זיך ווייסע ווערעם און טאַטשען ווייטער, ווייטער... אָט די לעבלעך אַפּנים דאַרף מען פאַרגיסן מיט פעטס, ווי די באָבע מיט דער מאַמען שמועסן. דאַרף מען עסן וואָס מער לויזע אייער מיט פּוטער אין זיי צעשמאַלצן און גיסן אין זיך מילך. וואָס מער, וואָס מער.

אַברהמען האָט די באָבע און די מאַמע כּסדר געדאַרפט דערמאָנען אַז די פאַרפאַרעטע אייער ווערן קאַלט — וואָס פאַר אַ טעם וועלן זיי האָבן? און אַברהם שמייכלט אומעטיק: און וואָרעמערהייט האָבן זיי דען יאָ אַ טעם? זיי קריכן דאָך מיר שוין פון האַלדז אַרויס; צי אַז דער קאַקאַאָ קאָן זיך שוין אויף אים נישט דערוואַרטן, און אַברהם שמייכלט טרויעריק: און אַז איך קאָן זיך אויף משיחן נישט דערוואַרטן?

צייטנווייז האָט מען געמוזט צו אים צושטיין, צווינגען אים מיט

רייד, אָדער מיט דער מאַמעס שבועה: איך זאָל אַזוי לעבן, אַברהמ-עניו, ווי דו וועסט שוין אויסטרינקען די גלאָז מילך.

משה אָבער האָט אַלץ צו רעכט געמאַכט נאָך איידער מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט. זיינע אויגן האָבן שטום, נישט דרייסט, געמאָנט נאָך. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט פון אַברהמס שיריים און אַברהם פלעגט זיך וויצלען בסוד פאַר לייבעלען, זיין ליבלינג: ווען כ׳וואָלט נישט געזען מיט די אייגענע אויגן ווי ער שלינגט די לויזע אייער און לעקט אויס זייער שאָלעכץ, ווען כ׳וואָלט נישט געזען ווי ער גיסט זיך אַריין אין האַלדז דעם קאַקאָאָ מיטן חשק ווי יאַנקעוו-שיִע דעם ספּירט, וואָלט איך געזאָגט אַז מלאכים עסן און טרינקען פאַר אים, ווי ס׳שטייט געשריבן: צדיקים מלאכתן נעשׂית על-ידי אחרים — און ער פאַרטייטשט אויף משהס שטייגער: צדי-קים — צדיקים; מלאכתן — זייער מלאָכה; נעשׂית — ווערט גע-טאָן. על-ידי — דורך; אחרים — אַנדערע.

אַ הויך-געוויקסיקער און ברייטפּלייציקער, האָט משה אָנגע-זאַמלט אויף זיך פלייש און פעטס, וואָס האָבן אים אויפגעבלאָזן ביז משונהדיקער צעוואָקסנקייט און אומגעלומפּערטקייט. אַפילו זיין פליישיקע נאָז איז זיך צעוואַקסן, כאָטש די פּאָליפּן זענען שוין אויסגעשניטן געוואָרן. די שוואַרצע, דראָבנע קרייזעלער אויף זיין גרויסן קאָפּ האָבן אויסגעוויזן צו זיין נאָך דראָבנער. ערשט איצט האָט ער באמת אויסגעזען ווי אַ בופלאָקס, לויט מ׳האָט זיך אָט די חיה — וואָס מ׳האָט קיין מאָל פאַר די אויגן נישט געזען — גע-קאָנט פאַרשטעלן.

ווי נאָך מער אונטערצושטרייכן זיין משונהדיקייט, האָבן זיך אויף זיינע אויפגעפּוישטע באַקן פון וועלכע ער האָט, ווי אַלע בית-מדרש-לערנערס, אויסגעפּוצט מיט די נעגל, איינציקווייז דעם יונגן האָראָנאָוווקס — געדיכט באַזעצט רויטע פּרישטשיקלעך, „ווילנער-לער״, מחמת לעבצעניש חתונה צו האָבן. די דאָזיקע „ווילנערלער״ האָבן געפּייניקט מיט בושה. אויך אָט די דאָזיקע פּיין פּונעם גוף

און דער נשמה האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגיסן און אויסגעזעצן געזונט, שוין איבער-געזונט.

— אוי, וואָס „צו" איז איבעריק — האָט די מאַמע, מחמת אומרו צוליב דעם, אָפּגעקרעכצט, כאָטש דער דאָקטער פון לודמיר, גראַבאָטשעווסקי, האָט געהאַלטן אַז הלוואַי אויף אַברהמען גע-זאָגט געוואָרן. — און וואָס ס'איז איבעריק, האָט אונדזער רב אַב-רהמעלע געלערנט, איז ווי ס'וואָלט פעלן.

— אוי — האָט איר די באָבע נאָכגעזיפצט, — אַוודאי וואָלט אים די „לודמירער מויד", זכר צדקת לברכה, געהאָלפן מערער פון אַלע דאָקטוירים אויף דער וועלט. זאָל זיי טאָקע, ביידע קינדער, איר זכות ביישטיין. ווי אויך דער זכות פון רב לייב-שׂרהס, וואָס כ'בין פון זיין גזע.

משה פלעגט זיך אָפּט אַזוי אַ צעהוסט טאָן, אַזוי הויך זיך פאַר-קייכן, אַז ס'פלעגט זיך אויסדאַכטן דער הוסט קומט נישט פון קיין לונגען, נייערט פון אַ פּאַס וואָס האָט זיך צעטרייסלט אויף אַלע אירע קליעפּקעס. אויב מע וועט זי נישט באַלד אַרומשלאָגן מיט אייזערנע רייפן, וועט זי צעפאַלן, חלילה. אַברהם אָבער — שטיל און איינגעהאַלטן. ס'איז אויסגעקומען אַז אַפילו אין זייער קראַנקייט זענען זיי פאַרשיידן: דער זיידענער אַברהם הוסט בנעימות, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ תּלמיד-חכם, און דער „קאַרטענער" משה — אויף קולי-קולות, ווי ס'שטייט אָן אַן עם-הארץ נעבעך, אַ „בופלאָקס". אָבער גערופן האָט מען שוין דעמאָלט אויך משהן, נישט משה-נחמנס, נייערט משה יעקב-מאירס. און דאָס האָט אים אַ סך גע-טרייסט.

ו

אין אַ תּמוזדיקער הייסער נאָכמיטאָג-שעה, אין וואַרטע-צימער ביים דאָקטער פיינשטיין אין דער קרייזשטאָט, קאָוולע, זיצן אַ צענד-ליק פּאַציענטן אין דערוואַרטונג אויפגענומען צו ווערן לויט דער ריי. טייל שווייגן פאַרזונקענע אין זייערע מחשבות וועגן זייערע

קראַנקייטן. טייל שמועסן שטילערהייט וועגן זייערע חולאתן און די שטאָטישע דאָקטוירים. פון צייט-צו-צייט בלייבן זייערע בליקן שטיין אומגעדולדיק אויף דער פאַרמאַכטער טיר פונעם דאָקטערס קאַבינעט, ווו עס זיצט שוין איינער. עס געדויערט זייער לאַנג. נישט אומזיסט איז דאָקטער פיינשטיין אַזוי באַליבט אין שטאָט, ער קוקט נישט אויפן זייגער. איז נישט קיין געלטפרעסער ווי אַנדערע דאָקטוירים.

אין אַ ווינקל, אין שאָטן, אויף דער איינציקער שטול דאָרט, זיצט אַ יונגערמאַן קעגן איבער זיי. אויך ער ציט צו פון צייט־צו־צייט זייערע בליקן, וואָס דריקן אויס חידוש און זיי קוקן זיך איבער מיט אַ שטומער שאלה: נישט שוין זשע איז עס אַ קראַנקער? ער זעט דאָך גאָר אין גאַנצן נישט אויס ווי אַזעלכער! אַ הויכוואוקסיקער, ברייטפּלייציקער, צעוואַקסענער און אויסגעפּאַשעטער. היפּש אַנגעפּוישטע באַקן, ווי ער וואָלט נאָר-וואָס זיך אומגעקערט פון אַ דאַטשע. דאָס וואָס ער ווישט אָפּט מיטן נאָזטיכל דעם שווייס פונעם שטערן אונטערן דאַשיק פונעם היטל — זאָגט דאָך גאָרנישט וועגן זיין שוואַכקייט. פולשטענדיק געזונטע מענטשן כאַפּן אויך אַ שוויץ אין דער איצטיקער חמימה. אפשר זיצט ער דאָ בלויז אָפּצוהיטן די ריי פון זיינעם אַ נאָענטן חולה וואָס דאַרף קומען אַהער? דאָס לייגט זיך גיכער אויפן שׂכל. וואָלט ווער פון זיי אַ טאָפּ געטאָן ביי אים דעם דופק, זיצט ער אָבער צו ווייט מען זאָל קאָנען אַריינכאַפּן מיט אים שטילערהייט אַ שמועס.

אָט גייט שוין ענדלעך אַרויס דער פּאַציענט פונעם קאַבינעט און דאָס הויזמיידל רופט אויס דעם נאָמען פונעם ווייטערדיקן אין דער ריי. האָט זיך דער פאַרשוין שווערלעך אויפגעשטעלט, ווייזט אויס צוליב זיין היפּשער וואָג, און איז מיט פּאַמעלעכע טריט אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט. פאַרבינדט זיך דאָ איצטער אַן אַלגעמיינער שטילער שמועס וועגן אָט דעם אויסטערלישן פּאַציענט: אַז ווער זאָל זיך עס ריכטן, קוקנדיק אויף אים, אַז ער ליידט פון עפּעס אַ חולאת! מ׳זאָגט אַרויס וועגן דעם פאַרשיידענע השערות. ס׳איז

אַוודאי נישט קיין געוויינלעכע קראַנקייט. ווער ווייס ווי לאַנג דער דאָקטער וועט זיך מיט אים פּאַרנעמען. אָבער ס׳געשעט גאָר קאַ־פּויער. ווען ער גייט אַרויס פונעם קאַבינעט — זעט נאָר זעט! — בלייבט דער דאָקטער שטיין אין דער רעם פון דער טיר און קוקט אים נאָך באַדאַכט ווי ער גייט פּאַמעלעך אַרויס פון וואַרטע־צימער. גלייך ווי ער פאַרשטייט אויך נישט צו וואָס ער איז אַהער געקומען. איינער פון דעם דאָקטערס אַלטע פּאַציענטן, וואָס פילט זיך שוין מיטן דאָקטער זייער היימיש, דערלויבט זיך אַ טרייב צו טאָן אַ שפּאַס:

— הער דאָקטער — טוט ער זיך אויפשטעלנדיק אַ זאָג, מיט אַ צעשמייכלט פּנים — איצט זעען מיר אַלע ווי אויסגעצייכנט עס גייען דעם דאָקטערס ענינים. נישט נאָר קראַנקע קומען צו אים נאָך הילף, נאָר אַפילו אַטלעטן...

די אַרומיקע, ווער עס צעשמייכלט זיך און ווער עס צעלאַכט זיך פון דער דאָזיקער גאָר נישט גרייטענער חכמה. דעם דאָקטערס פּנים בלייבט ערנסט. ער האַלט אָבער, משמעות, אַז מחמת העפ־לעכקייט דאַרף ער עפּעס זאָגן:

— יאָ, — זאָגט דער דאָקטער מיט באַדויער אין דער שטים — איבער דעם קאָפּ פון אייער אַטלעט, ווי איר זאָגט, הענגט אַ פליגל פון מלאך־המוות...

אַ רגע גליווערט אין וואַרטע־צימער אַ שווער שטילשווייגן. ביי אייניקע שטאַרק קראַנקע פאַרהייבן זיך די אויגן צום סופיט, ווי צו דערבליקן דאָרט — אפשר פלאַטערט אויך איבער זיי אַ פליגל פון מלאך־המוות.

דער דאָקטער דרייט זיך אויס צוריק צום קאַבינעט. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אים און דאָס הויזמיידל רופט דעם ווייטערן אין דער ריי. ווי גאַרנישט וואָלט דאָ נישט פאַרגעקומען. מאַלע וואָס אַ מענטש האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישן וויץ.

אַרויסגעקומען אין דרויסן, אויף דער אָנגעגליטער ווי פאַרגלי־

ווערטער לופט, וואָס פֿאַרבלענדט מיט איר העלער שיין, טוט דער פּאַרמישפּטער פּאַציענט, משה יעקב-מאירס, זיך אַ טאַפּ די וועסטל-קעשענע ווו ער האָט אַריינגעלייגט דעם דאָקטערס פֿאַרשריבענעם רעצעפּט. מיט שוואַכע טריט און אָפּגעפּילטער שוואַכקייט אין אַלע אברים לאָזט ער זיך גיין מיטן טראָטואַר אויף דער שאָטנדיקער זייט, צום וואָקזאַל. ער איילט זיך אַהיים צו פֿאָרן. ער ווישט דעם שווייס פֿון פּנים און טראַכט וועגן די באַרויִקנדיקע רייד וואָס ער האָט גע-הערט פֿונעם דאָקטער — מיט אומצוטרוי: כ'האָב גלייך אויפֿן אָרט געשפּירט אין זייער ווייכקייט ווי... ער וואָלט מיר עפּעס שולדיק גע-ווען און דאַרף מיך איבערבעטן, אַז ער גענאַרט מיך. קאָן זיין אַז נישט ווייל ער איז אַ שלעכטער מענטש... חלילה... פֿאַרקערט: ער איז דווקא אַ מענטש מיט אַ גוט ייִדיש האַרץ. צו וואָס האָט ער גע-דאַרפֿט פֿאַרשרייבן מיר דעם רעצעפּט? ער וועט דען עפּעס העלפֿן? אויך כּדי מיך אָפּצונאַרן, צו באַרויִקן, ווי כ'וואָלט זיין אַ נאַריש קינד. אַ גוטער דאָקטער. די מאַמע זאָגט אַז ער איז אַ גאַר-גאָר גוטער דאָקטער. ר'איז אויך מסתּם אַ גוטער מענטש, אָבער העלפֿן מיר קאָן ער נישט. כ'שפּיי דאָך שוין עטלעכע יאָר מיט בלוט. כּי — ווייל; הדם — דאָס בלוט; היא הנפש — איז דאָס לעבן... כ'שפּיי אויס מיין יונג לעבן. אָבער לערנען — כּל-זמן כ'על קאָנען, 'על איך...

אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען אין דער היים, אַן אויס-געווייקטער אין שווייס. די מאַמע האָט באַלד געזען אַז די טעמפּע-ראַטור האָט זיך ביי אים שטאַרק געהויבן. זי האָט נישט גענומען מעסטן אים די היץ כּדי אים נישט איבערצושרעקן. זי האָט יוצא געווען מיט צולייגן די וואַרעמע ליפּן צו זיין הייסן, פֿאַרשוויצטן שטערן און שוין געוווּסט. פֿון דעם פֿאַרגעלייגטן עסן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. אַ גאָר שלעכטער סימן ביי אים. זי האָט קוים געפּועלט ער זאָל אויסטרינקען אַן אויסגעקילטע גלאָז מילך, אָפּצופֿרישן זיך פֿון דער דושנער היץ אין שטוב. דערווייל האָט זי אויף גיך אים צו-געגרייט דאָס געלעגער און ער האָט זיך געלייגט אויסרוען נאָך דער

היינטיקער נסיעה קיין קאָוולע און צוריק. זי האָט אים איינגעדעקט מיט אַ דינעם ליילעך און צוגעווונטשן ער זאָל מאָרגן אויפשטיין פריש און געזונט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, איז אָבער נישט גלייך איינגעשלאָפן. האָט אָנגעבונדן זיינע מחשבות צו זיין טראַכ־טעניש גייענדיק אין קאָוולע צום וואָקזאַל: אָבער לערנען — כּל־זמן כ׳על קאָנען, אפשר איז מיין שלאָפקייט אַ שטראָף פון הימל פאַר דער מעשׂה מיטן טאַטן אין דער מומע ברכהס אַלקער? ומכּה — און ווער עס שלאָגט; אביו — זיין טאַטן ואמו — אָדער זיין מאַ־מען, מות ימות — זאָל געטייט ווערן... אָבער דער טאַטע האָט דאָך מיר שוין פון לאַנג מוחל געווען און איז גוט צו מיר, ווי אַ טאַטע. כ׳בין דאָך שוין משה יעקב־מאירס. אפשר איז עס צוליב דער מעשׂה מיטן רבין, בערל־טוביהס? באַלד, באַלד, לאָמיך זיך נאָר דערמאָנען וואָס ס׳האָט מיט מיר געלערנט דעם דיינס ברודער, נחמן־בער. יאָ: מורא — דאָס שרעקן זיך; רבך — פאַר דיין רבין; כּמורא — דאַרף זיין ווי דאָס שרעקן זיך; שמים — פאַרן הימל. דאָס הייסט פאַר גאָט. אויף דערויף האָב איך שוין קיין שום תּירוץ נישט. אָבער גאָט האָט דאָך מיך שוין געשטראָפט נאָך פאַר די דאָזיקע זינד מיינע מיט... מיטן געבן מיר אַ פאַרשטאָפטן קאָפּ. ווען מיין קאָפּ וואָלט נישט זיין קיין פאַרשטאָפּטער, יאָ, וואָלט איך דאָך שׂכל געהאַט נישט צו טאָן אַזעלכע מעשׂים־רעים.

דאָ האָט ער מיט דער מחשבה גענומען רעדן צו גאָט:

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט, גאָט! ווי אַזוי זאָל איך דיך פאַרשטיין, אַז דו אַליין האָסט מיר געגעבן אַ פאַרשטאָפטן קאָפּ? האָב רחמנות אויף מיר, גאָט, כּרחם — ווי ס׳דערבאַרעמט זיך אָב — אַ טאַטע על בניו — אויף זיינע קינדער. אויב אַפילו איך בין אויך ביי דיר נישט מער ווי אַ „בופלאָקס“, דערבאַרעם זיך אויף מיר, ווי אַ גוטע בעל־הביתטע דערבאַרעמט זיך אויף איר קראַנקער שטומער צונג אין שטאַל. וועסט זאָגן, גאָט, דיין בופלאָקס וועט זיך מיִען אין דיין תּורה ביז די לעצטע כּוחות וועלן אים אויסגיין. איך פיל, זיי גייען מיר שוין אויס...

ביי דעם געדאַנק איז ער איינגעשלאָפן. האָט נישט געפילט אַז די מאַמע און די באָבע שטייען ביי זיין צוקאָפּנס. די מאַמע האָט געשעפּטשעט:

— ווייי צו אונדז, דאָס קינד ברענט נעבעך. — און טרערן האָבן אַראָפּגעקאָפּעט אויף זיין קישן. און די באָבע האָט מיט איר ניגונ-דיקן געשעפּטש, ווי זי לייענט די צאנה-וראנה, זי באַגלייט:

— רבונו-של-עולם, האַר פון אַלע וועלטן, פיר אים אַרויס, אונדזער קינד, דעם פרומען און גאָטפאָרכטיקן, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן באַגערט, ווי יעקב-אָבינו, אין דיין הייליקער תורה, פיר אים אַרויס, ווי דו האָסט אַרויסגעפירט אַברהם-אָבינו פונעם ברע-נענדיקן קאַלכאויוון נמרודס... ווי איך האָב עס געלייענט אינעם הייליקן מנורת המאור.

# דעם רבס עצה איז נישט פאַר מיר...

רוּוּטשע שוסטער, חוץ זיין שווער לעבן, ווי דאָס שווערע לעבן פון אַלע שוסטערס אין שטעטל, ווייל די אַרבעט גיט זיי נישט צו פאַרדינען אויף פרנסה-בדוחק, האָט געהאַט נאָך אַ באַזונדער צרה, וואָס איז אַ ווייטיק אין האַרצן, ווען קיינער ווייסט נישט וועגן איר, און אַ בושה אין פּנים, ווען זי דערטראָגט זיך צו לייטישע אויערן.

ס׳איז דאָך בשעתו פאַרן גאַנצן שטעטל, פון דער בית-מדרש-גאַס ביז, להבדיל, דער באָד-גאַס, פאַר קיינעם קיין סוד נישט געווען, אַז ער, רוּוּטשע פישל שוסטערס, שפּילט אַ ליבע מיט אַ ריוּוטשע עוזר שניידערס. און די ליבע האָט, נישט צו פאַרגלייכן מיט אַנדערע אויסבאַהאַלטענע ליבעס, געהאַט אַ גוטן סוף: זיי האָבן מיט מזל חתונה געהאַט, און אַראָפּ פון מאַרק. שוין איין מאָל אַ ליבע! זי האָט שוין אַפילו אַ ביסל צו שנעל געגעבן פּרוכט, ווייל אַז ריוּוטשע איז געלעגן געוואָרן מיטן ערשטלינג, האָט מען נישט אַנדערש ווי געמוזט רעכענען, אַז ער איז אַ זיבעלע, כאָטש זיין אויסזען און זיין וואָג, וואָס די „באָבע" שרה די ליטוואַטשקע, האָט מיט אַ כיטרע שמייכעלע אָפּגעפּילט מיט אירע געניטע הענט, האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער איז אַ ניינטעלע.

— דער כּלה אונטער דער חופּה טאָר מען נישט אַרונטערקוקן הינטערן שלייער... פאַרשלייערט איז פאַרשלייערט... און צו דער יולדת טאָר מען נישט דורכקוקן דורך דער שפּאַרונע פּונעם ליילעך מיטן „שיר-המעלות", — האָט שרה די ליטוואַטשקע אָנגעשטעלט לסוף אַ כיטרע פּנימל, — מיינע הענט אָפּצוּווּעגן נייגעבוירענע זענען טאַקע ווי אַ בעזמען, אָבער פאַר די טאַטע-מאַמע און גאַנץ קהל איז

געוווּנטשענער אַ כּשר זיבעלע, איידער, חלילה, אַ נישט-כּשר
ניינטעלע... מזל-טוב דעם שטעטל מיט אַ כּשר זיבעלע!

דער שטאָט-לץ, מאירקע שולדינער, האָט זיך אויך מיט אַ גאָר ערנסט פּנים איינגעשטעלט פאַר דעם (זאָלן אַנדערע שמייכלען, אונ-טערלאַכן אַפילו פון זיינע רייד, ער רעדט ערנסט):

— אַז סיי דער ברית-מאַכער און סיי די ברית-מאַכערין זאָגן: ס׳אַ זיבעלע, דאַרף מען שוין קיין בעסערע עדות גאָרנישט האָבן, ווייל געווען דערביי זענען זיי דאָך, נישט קיין אַנדערע. און ס׳איז דאָ אַ שׂכל דערביי אויך: אין זייער גרויסער ליבשאַפט האָבן זיי געהאַלטן אין איין לעבצן נאָך אַ קינד, די פּרוכט פון זייער הייסער ליבע, וואָס אַפילו די חתונה האָט נישט באַוויזן אָפּצוקילן, זי זאָל דערפרייען זייערע ליבנדיקע הערצער, — דאָס ממ...פו-פו!... ווי דאָס פּאַסקודנע מויל איז עס אַ מסור... כ׳מיין די פּרוכט טאַקע... אַ געראָטענע פּרוכט, אַ געראָטן קינד! נאָך ביי דער מאַמען אין בויך האָט עס שוין מקיים געווען די מיצווה פון כּיבוד-אב-ואם... דערויף זאָגט עס דער פּסוק: „שׂישׂו בני מעי״ — פרייט זיך מיינע געדערעם... וואָס שמייכלט איר? נישטאָ דאָ וואָס צו שמייכלען. נאָך מיר נאָך, דאַרף אַזאַ ברית פּראַווען דאָס גאַנצע שטעטל...

נו, ביי דעם זיבעלע איז עס נישט שטיין געבליבן. פון היינט אָן און ווייטער האָט שוין ריוּוטשע רוּוטשעס געבוירן, כּמעט אַלע צוויי יאָר, אַ ניינטעלע, און — פאַרשטומט זאָלן ווערן שׂונאימס בייזע צינגער!

יעדעס ניינטעלע האָט אפשר נישט פאַרגרעסערט די ליבע אין דער מאַמעס הארצן צום טאַטן, אָבער זיכער פאַרגרעסערט דאָס דחקות און די נויט אין טאַטע-מאַמעס הייזל: ווען אַ קינד זייגט, פאָדערט זיך, אַז די זייגנדיקע מאַמע זאָל מער און דערנערנדיקערס עסן און טרינקען; און דאָס קינד, ווען מען אַנטוויינט עס פון דער ברוסט, ווערט עס פון אַ זייגערל — אַ פּיקערל. ווו נעמט מען עס פון דעם וואַרשטאַט מיטן שוסטערבענקעלע צו דאָסטאַרטשען האָמעניו פאַר די אַלע פּיקערלער? און חוץ דעם פּיקן, דאַרף דאָך

אַ קינד, אַ וואָרעם, האָבן כאַטש אַ העמדל אויפן לייב, דאָס געזעסל צו פאַרדעקן!... און אַז אַ הונגעריקער נפש כאַפּט אַריין עפּעס „אַ נאַש", וואָס צעבורטשעט אים דאָס מעגעלע און ער הייבט זיך אָן דרייען פון בויכווייטיק, ווי אַן אויפגעגראָבענער וואָרעם, מוז מען דאָך נאָך קויפן פאַר אים דעם לעפל ריצנאייל, וואָס דער „פעלד-שער" משה גייליס באַפעלט...

נאָך דאָס אַלץ וואָלט רוּוּטשע שוסטער, מיט פאַרביסענע ציין און פאַרשנורעוועטע ליפּן רויִק אַריבערגעטראָגן: אַזוי איז זי שוין די אָרעמע באַלמעלאָכישע מערכה. אין אַ יאַרמאָ ווערט דער באַלמעלאָכע געבוירן, און אין אַ יאַרמאָ וועט ער שטאַרבן. אַזוי איז עס געווען מיט די פריִערדיקע באַלמעלאָכישע דורות, און אַזוי וועט עס זיין מיט די קומענדיקע. אַז דער אל-מלא-רחמים אַליין וועט נישט איבערמאַכן די וועלט, וועט זי שוין אַזוי אויף אייביק פאַרבלייבן. קלאַפּ זיך עס אַריין, רוּוּטשע שוסטער, מיטן העמערל אין קאָפּ אַריין, ווי די פלעקלער אין דער פאָדעשווע... ביי דער גרעסטער טייל באַלמעלאָכעס אין שטעטל איז דען בעסער?... כאָטש — איז דאָס דען אַ טרייסט? נאָר אַזוי איז עס שוין: אַז מ'חאָט נישט צו פרייען זיך מיט אייגענע שׂימחות, פרייט מען זיך מיט פרעמדע צרות און... זאָלן יענע מיטן אייגענעם דיך אָפּדינען... מ'איז דען, חלילה, שׂונאים זיך, ווי ביי די סוחרים און קרעמערס?... דער, וואָס זיצט אויבן און פאַרעט אונטן זאָל נאָר קיין פאַראיבל נישט האָבן, ווען מ'כאַפּט זיך אַ מאָל אַרויס מיט אַ וואָרט אויף די ייִדן מיט די גראָבע טייסטערס... ביי אַ נאַשבראַט אַן ערלעכן שוסטער איז דער אמת וואָס אויף דער לונג — אויפן צונג...

רוּוּטשען קוועטשט דער שוך גאָר אויף אַן אַנדער נאַגניאָטקע: מילא, אַז ביי די אַנדערע שוסטערס... (ס'איז קיין סוד נישט — סודות זענען דאָ נאָר אויף יענער וועלט) איז דער שלום־בית אַ צעקאַלויטשעטער, אַ צערודערטער און קומט צו אַ שטיקל מנוחה ערשט אויפן בית-עולם, קאָן מען עס פאַרשטיין און מאַכן דערמיט שלום — זיי האָבן דאָך חתונה געהאַט, געשטאַנען אונטער די פיר

דרענגלער, נישט אויס ליבע... זיי האָבן אַפילו נישט געוווּסט, מיט וואָס מען עסט עס, אָדער מ׳קושט עס... אָט האָט מען חתונה געהאַט, מ׳איז געוואָרן אַ פּאָרפאָלק, ווי אַ פּאָר שיך אַ שטייגער: איינער איז אַ רעכטער, דער צווייטער אַ לינקער, יעדער קוקט אַוועק פון צווייטן און ציט אין אַ צווייטער זייט... נישט מער — די פּיס האַלטן זיי אין קלעם... ווען שיך וואָלטן באַקומען מיילער און אָנגעהויבן רעדן, ווי בלעמס אייזל אין חדר, וואָלט מען אַוודאי געהאָרכט, ווי זיי זאָגן זיך אַריין איינער דעם אַנדערן: — „אַ רוח אין דיין פלעקל-שבפלעקלס טאַטע-מאַמע אַריין״! „אַ רוח אין דיין חזירישן דראַטווועשנויץ, וואָס האָט דיך גאָר צוזאַמענגענייט!״ ...און ווען זיי באַקומען שוין יאָ אַ מאָל מיילער אויף דער עלטער, האָבן זיי שוין דעמאָלט מחמת זיקנה קיין כּוח נישט אַ וואָרט פון מויל אַרויסצוברענגען... שווייגן זיי און זענען זיך נוקם אין די פּיס, וואָס האַלטן זיי אין קלעם, מיט ברענענדיקע נאַגניאָטקעס... אַנדערש אָבער אַ שוסטער מיט אַ שוסטערקע — זיי האָט דאָך דער אייבער-שטער יאָ געגעבן אַ מויל מיט אויערן, שרייען זיי, שילטן איינער דעם אַנדערן ביז אַרויף צו אברהם אָבינו און ביז אַראָפּ צו די וואָס וועלן אויפשטיין תּחית-המתים... מילא, איז עס צו פאַרשטיין... אָבער ביי אים?! — ביי רוּווטשען, וואָס האָט מיט זיין ריוווטשען יאָרן לאַנג פאַר דער חתונה אַ ליבע געשפּילט... אויף די וועגראַנדן אונטער דיביימער, אין פעלד און אין וואַלד, און אַפילו הינטער גוייִשקע געפלאָכטענע פּלויטן, אויב נאָר די בייזע הינט האָבן פון דאָרט נישט פאַרטריבן, — ביי אים זאָל אַזוינס געשען! ס׳הייסט, נישט ביי אים, ער וואָלט נאָך היינט די ליבע געשפּילט, נאָר ביי איר, ביי ריוווטשען! זי זאָל אים געבן נאָך פאַרן לעבן די סמאַלינעס פונעם גיהנום צו שמעקן! וואָס רעדט ער שמעקן?! טאַקע צו דערפילן מיט אַלע רמ״ח אברים, ביז אין דער טיף פון האַרצן אַריין, ביז ס׳הייבט אים אָן אַזש אין בויך צו גרימען...

ער האַלט זיך נישט פאַר קיין נאַר, רוּווטשע, ער זאָל איר אָפּצאָלן „עין תּחת עין״ — אַ קאָפּיטע פאַר אַ קאָפּיטע, ס׳הייסט, צוריק

שרייען, צוריק זידלען, צוריק שעלטן און צוריק דאָס האַרץ אויסיאַדען. און חוץ זיין חכמה, קאָן ער עס טאַקע נישט בטבע אויך. אָט אַפּנים, אַז ביי אים איז נאָך טאַקע די ליבע פון בחורווייז אין האַרצן נישט אָפּגעקילט געוואָרן... „רויז מיינע" פלעגט ער זי אין וואַרעמע מינוטן רופן, און פאַר אים איז נאָך די רויז נישט פאַרוויאַנעט געוואָרן, כאָטש אירע קאָלירן זענען שוין היפש אָפּגע-בליאַקעוועט געוואָרן און... כאָטש ער טיילט דאָך היינט זיין ליבע צווישן איר און זייערע קינדערלעך, „די רויזעלעך"... נישט איין מאָל, ווען ער מאַכט אַ פאַר קאַמאַשן מיט זיידענע גומעס אין די כאַליעווקעס, טוט אים אַ קום אַרויף אויפן זינען, אַז די ליבע אין מענטשנס האַרצן איז געגליכן צו אַזאַ מין זיידענע גומע, וואָס ציט זיך אויס, ציט זיך אויס, ווען ס'איז נייטיק... נאָר ווייזט אויס, אַז ביי איר אין האַרצן, ביי ריווטשען, האָט זיך די זייד-גומע שוין אויסגעריבן, איז צעקראָכן געוואָרן... די ליבע צו אים הייסט עס... וואָרום פאַר זייערע קינדער וואָלט זי דאָך אין פייער און וואַסער געגאַנגען. מחמת ליבע צו זיי דרייט זי דאָך אים אַראָפּ דעם קאָפּ פון די פלייצעס: „זה כפרתי!"... פון איר הייסער ליבע צו אים, פון איר מיידלשן פייער איז אַ וואַסער געוואָרן, אַ בייז וואַסער. ווי דאָס געוויסער פאַר פסח, ביים קאַטליערס טייך, וואָס פאַרגיסט די ברעגעס און איז עלול צו פאַרטרינקען די אָרעמע הייזלעך... זי שרייט, זידלט, שעלט, און מיט אַזעלכע באַנומענע קולות, ווי די געקוילעטע עופות ביים שוחט אין פירהויז אום ערב יום-כיפור. כאָטש נעם און באַגראָב זיך לעבעדיקערהייט אין דרערד אַריין ביז איבער די אויערן... ווי מיט אַ נאַהייקע שלאָגט זי דיך מיט איר צונג איבער אַלע דיינע גלידער, שלאָגט מלקות, זאָלסט אַפּנים האָבן אָפּ-געקומען פאַר אַלע דיינע בחורישע זינד און היינטיקע, זינדיקע מחשבות... און דו, רווּוטשע, קאַרטשע זיך, ווי אַ וואָרעם, ביי אירע פיס... און זע דערביי אויף צו להכעיס: אירע פיסלעך זענען נאָך היינט אויך אַזוי שיין!... זאָל אַ רוח אין דעם טאַקער, וואָס האָט אַזעלכע אויסגעטאָקט! (...זעסט, איך שעלט שוין אויך!)... זי זידלט,

שעלט און טוט אַפילו אַ מאָל אַ שפּיי אים אין פּנים אַריין. און ער — ווי די גאַל ווערט אים נישט צערונען איבער אַלע אברים, ווי דאָס האַרץ איז אים נישט איין שטיק קלעמעניש, איין שטיק ווינד-און-ווייעניש, — ווערט רויט פון בושה פאַר זיין געדאַנק דערבּיי, איר מוחל צו זיין און פאַרענטפערן: פאַר וואָס טאַקע קומען איר נישט קיין גאָלדענע פאַנטאָפעלעך פאַר אירע אָזעלכע שיינע פּיסע-לעך? די פּיסעלעך שפּייען דאָך נישט... און אַז זי פּירט אונטער דעם סך-הכל: רוּווטשע בראָך! דו ביסט אַ שקאַפע, שוין נאָר די פעל פון איר אַראָפּצושינדן... וועט מען אויך פאַר איר קיין מי־יודע נישט געבן... — פּירט אויך ער אונטער אַ סך-הכל אין געדאַנק: „זי איז דען נישט גערעכט, ריווטשע?"

אָבער אויף אייביק איז עס אַזוי נישט פאַרבליבן. אַפילו אַ שיק-סע ביי אַ רב לערנט זיך אויס פּסקנען שאלות, האָט אויך ער, רוּוו-טשע שוסטער, מיט דער צייט זיך אויסגעלערנט, פון איר אַליין טאַקע, פון זיין ריווטשען — ניין, נישט שעלטן, חלילה, זאָל אים דאָס מויל פריִער אָפּגענומען ווערן! נאָר אַ געשריי טאָן אויף צוריק, זיך אָפּבייזערן, אַפילו אַ קלאַפּ טאָן ווייך אין טיש, בלויז מיט דער כּוונה, זי איינצושטילן. ס'האָט אָבער קנאַפּ-וואָס פּועל געווען. אים איז איבערגעבליבן צו טאָן בלויז דאָס אייגענע: טראַכטן היינט און טראַכטן מאָרגן — ווי אַזוי שטילט מען איין דעם סמבטיון? ווי אַזוי לעשט מען איין דעם פייערטאָפּ פון גיהנום?

לאַנגע יאָרן איז פון דעם טראַכטעניש גאָרנישט אַרויסגעקומען: רוּווטשע טראַכט, און ריווטשע... — ניין, זי לאַכט נישט — זי יאָדעט, און שעלט, און שפּייט, ווי אַ קאַץ אויף אַ הונט. און ער — לאָזט אויס זיין פאַרגאַלט האַרץ מיטן שטאָך פון דער אָל אין דער פּאָ-דעשווע אַריין, מיטן העמערל צו די פּלעקלעך און טוט אַפילו אַ מאָל אַ שפּיי... זיך אין די הענט אַריין, זיי צוצוגעבן קוראַזש.

איין מאָל, בעת ריווטשעס רייד זענען אין אים שוין אַריין, ווי אַן עסנדיקער זשאַווער, אין די ביינער, און ער האָט געפילט: ער טראָגט עס מער נישט איבער, כאָטש נעם קלאַפּ זיך די פּלעקלעך

אין אייגענעם שאַרבן אַריין! — האָט אים מיט אַ מאָל עפּעס ווי אַ בליץ געטאָן אין מוח, און אַ שמייכל האָט זיך אים צעגאָסן איבערן פּנים, — אין גערעכעניש איז אים אויפגעגאַנגען אַ לעבעדיק בילד פון זיינע חדר-יאָרן — — —

...ווי אַ שוסטערס, פישל שוסטערס, אַ ייִנגל, איז ער אין חדר געווען עלנט, ווייל אַלע אַנדערע תּלמידים זענען געווען פון באַלע-באַטישן גראַד, און קיינער האָט נישט געוואָלט זיך חברן מיט אים, ווייל אַנגעקומען איז ער אין אַט דעם חדר נאָר אין זכות דערפון וואָס זיין טאַטע, פישל, איז געווען דער שוסטער פון רבינס „הויף״. דערצו, וואָס אמת איז, איז זיין קעפּל געווען אַ שוואַכס, און נאָכ-גיין זיי אין דער גמרא מיט רש״י איז געווען נישט פאַר זיין כּוח און נישט פאַר זיין מוח. ער האָט זיך זיי תּמיד נאָכגעשלעפּט, ווי אַ הינקענדיקער נאָך גייענדיקע, און פלעגט נישט זעלטן אַריינכאַפּן פון רבין סטוסאַקעס, אַ מאָל אַליין פאַרדינטע, אָבער טייל מאָל אויך פון אַנדערע פאַרדינטע — פאַרן נישט גיין געהעריק אין שפּאַן, אָדער פאַר אַראָפּגיין פונעם גלייכן וועג, און יאַנקעלע „פּאָדסווי-ניק״ פלעגט דערביי בליצן אויף אים מיט די אייגלעך און אַריינ-שעפּטשען אין דער גמרא: „זה כּפּרתנו״... אַפילו פּשוט רעדן מיט אים האָט קיינער נישט געוואָלט. האָט ער אַליין זיך געהאַלטן פון זיי פון דער ווייטנס. ער פלעגט זיצן פאַרטראַכט אין זיך, ווי אין גאַנצן אַ זייטיקער. אָבער תּמיד האָבן די אויערן פאַרשטעקט צווישן די חברים-נישט-חברים, זיך איינגעהאָרכט צו דעם וואָס זיי רעדן.

האָט ער זיך איצטער, רוּוטשע, אין צענדליקער יאָרן אַרום, דער-מאָנט אין עפּעס: דעם רבס ייִנגל, דודל, מיט די גאָלדענע פּאהלעך-לעקעלעך איבער די ווייס-ראָזלעבע פּוכקע בעקעלעך, ווי אייער-קיכלעך, רעדט אַריין אין הערשעלע דעם שניטקרעמערס, כּאָטש שטיל, נאָר מיט אַ באַרימערישן טאָן:

— מיין מאַמע, כּאָטש אַ רביצין, האָט אַ טבע אַריינצופאַלן אין גרימצאָרן. דעמאָלט פאַרגעסט זי אַפילו, אַז מיין טאַטע איז אַ רב,

צעשרייט זיך אויף אים, ווי אויף אַ מאַרק-ייִדן, און... און כאַפּט זיך אַ מאָל אַרויס אַפילו... אַפילו מיט אַ קללה...

„און דיין טאַטע?..."

— מיין טאַטע שווייגט. ער איז דאָך אַ רב, און נישט קיין ייִדענע. וועט ער גיין האָבן צו טאָן מיט אַ מאַרק-ייִדענע?! אמת טאַקע, מיין מאַמע איז אַ רביצין, אָבער דאָס איז דאָך נישט אין איר זכות, נאָר אין זיין זכות, מיין טאַטנס...

„כ'פאַרשטיי נישט, ס'הייסט?"

— פאַרשטיי, הערשעלע, לייג צו קאָפּ: אויב זי טוט אים אַ שעלט, איז ער דאָך פאַר איר נישט קיין רב, ווייל קיין רב טאָר מען נישט שעלטן, און אַז ער איז נישט קיין רב, איז זי דאָך שוין נישט קיין רביצין, נאָר אַ פּראָסטע ייִדענע, עלעהיי אַ סעדעכע אין מאַרק... וועט ער, מיין טאַטע דער רב, האָבן מיט אַזעלכער צו טאָן?!

„און דאָס איז אַלצדינג?" — האָט אים הערשעלע אָנגעצויגן.

— ניין, מעגסט הערן ווייטער. איין מאָל, אין אַ פּראָסטן דאָ-נערשטיק, האָט די מאַמע געהאַט עפּעס ווייניק געלייזט פאַר די הייוון — ווייסט דאָך, דער הייוון־פאַרקויף איז דעם רבס חזקה און זיינע שׂכירות, — האָט זיך איר פאַרגלוסט אַ נעם טאָן צום טאַטן, אַז פאַר וואָס שווייגט ער? פון וואָס וועט זי מאַרגן שבת-מאַכן? נישט אַנדערש, אַז הינטער זיינע שטריימל-ווײַדעלעך פאַרקויפט נאָך ווער הייוון אין שטעטל... און ווער ווייסט, אויב נישט טאַקע עמע-צער פון זיינע לייטישע „באַלעבאַנדעס"?... איז פאַר וואָס מאַכט ער, דער „ראַבינטשיק", נישט קיין געוואַלד? ער האָט חזקה אויף די הייוון, אָדער נישט? ער איז רב אין שטעטל, אָדער נישט?...

„נו, און דיין טאַטע, וואָס?"

— מיין טאַטע האָט די גאַנצע צייט, ווי שטענדיק, קיין איין וואָרט איר נישט געענטפערט. האָט נאָר שטאַרקער פאַרקנייטשט דעם שטערן און נישט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ פונעם ספר, אין וועלכן ער האָט אַריינגעקוקט. און אָט האָט ער גענומען אונטערברומען עפּעס אַ ניגון... דאָ האָט זיך דער מאַמעס פּנים ווי צעפלאַקערט:

„אַז ברומען זאָל שוין אויף דיר אַ בער אין וואַלד!... אַז שטי-קער זאָל ער רייסן פון דיין „שטריימפּל", ווי אין מיר ווערט דאָס האַרץ פאַר צרות אויף שטיקער צעריסן!

„נו?" — איז הערשעלע שוין גאָר אומגעדולדיק.

— אייל זיך נישט, הערשעלע, קיינער וועט ביי דיר נישט אויס-כאַפּן. דאַ האָט מיין טאַטע אַרויסגעהויבן דעם פאַרקנייטשטן שטערן פון ספר אַרויס, אַ קוק געטאָן אויף מיין מאַמען, אַרויפגעלייגט די שנופּטאַבּעטשיילע אויפן אָפענעם ספר, געלאָזט זיך פּאַמעלעך צוגיין צום געפעס-שענקל און אָנגעהויבן אַרויסנעמען גלעזער מיט דער רעכטער האַנט אַ טעלער נאָך אַ טעלער און זיי אַנשטעלן אויף דער לינקער האַנטפלאַך... די מאַמע איז שוין געשטאַנען שטיל, ווי שטום געוואָרן, און מ'האָט געהערט ווי זי סאָפּעט... אירע אויגן, אָנגע-שטעלטע פאַרוווּנדערט אויפן טאַטן, האָבן געפרעגט: „וואָס זאָל דאָס באַדייטן?... ער איז, חלילה, אויסן זינען?"...

„נו?!" — גליִען הערשעלעס צעעפנטע אויגן, ווי איינצושלינ-גען.

— און אַז מיין טאַטע האָט שוין געהאַט אָנגעשטעלט אויף זיין לינקער האַנט לעבן האַרצן אַ גאַנצן שטויס טעלער, האָט ער זי פּאַ-מעלעך איבערגעדרייט, די האַנט, און דער גאַנצער שטויס — באַץ אויף דער פּאָדלאָגע... דער מאַמעס פּנים איז אין דער רגע געוואָרן ווייס, ווי ליים. אַנשטאָט זיך צו צעשרייען, האָט זי ווייטער געקוקט אויפן טאַטן מיט אַ פראַגע... נאָר די ליפּן אירע האָבן איר געצי-טערט... געציטערט... זי האָט אפשר געמיינט אין דער אמתן, אַז דער טאַטע איז אַראָפּ פון זינען... דעמאָלט האָט מיין טאַטע אויפגעהויבן די אויגן, שטילע און פאַרקלערטע, פון דעם באַרג שערבלעך אויף דער פּאָדלאָגע, אָנגעשטעלט זיי אויף דער מאַמעס ליימערן פּנים, אַרויסגעשפּאַרטע אויגן און ציטערנדיקע ליפּן, און רויִק און קאַלט געזאָגט:

— רביצין, „ככה יעשה" — אַזוי וועט געטאָן ווערן יעדעס מאָל,

ווען פון דער רביצינס מויל וועט זיך, גאָט באַהיט, אַרויסכאַפּן אַ קללה... יִדן האָבן געגוג תּוכחה אין חומש...

— און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט צו איר מיטן רוקן, איז צו־געגאַנגען צוריק צום אָפענעם ספר, אַראָפּגענומען די פּאַטשיילע, פאַרקנייטשט דעם שטערן און גענומען אונטערברומען דעם פריִער־דיקן ניגון...

„און דיין מאַמע, די רביצין ?"

— ערשט דעמאָלט האָט די מאַמע זיך אַ כאַפּ געטאָן מיטביידע הענט פאַר דער קופּקע און איז שטום אַרויסגעגאַנגען. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך פון קיך דערהערט איר כליפּענדיק געוויין... דער טאַטע האָט אויפגעהויבן אַהין די אויגן און דערזען — מיך. מיין פּנים האָט זיך ערשט פאַרקרימט צו וויינען. ס'איז מיר אַ שאָד גע־ווען די מאַמע. ווען זי פלעגט שרייען אויפן טאַטן, פלעג איך זי אַפילו פיינט האָבן. אָבער ערשט, אַז די שערבלעך ליגן אויף דער פּאָדלאָגע, און זי וויינט...

— דודל, — איז דער טאַטע גיך צו מיר צוגעגאַנגען און האָט מיר געגלעט איבער דער באַק, — נעמסט זיך איבער, וואָס די מאַ־מע וויינט ?... מ'דאַרף נישט, קינד מיינס... אַ מאָל איז וויינען אַ רפואה פאַר אַ מענטשן... ס'איז גוט פאַר דער מאַמען וואָס זי וויינט... איר אַליין האָב איך דאָך, חלילה, קיין בייז נישט געטאָן... נאָר צע־בראָכן עטלעכע טעלער, זאָלן זיי זיין פאַר איר די כפּרה... ווי אין מדרש שטייט: דער אייבערשטער האָט אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויפן האָלץ און די שטיינער פון דעם בית־המיקדש, און האָט נישט אויס־געגאָסן זיין צאָרן אויפן פאָלק ישׂראל... און איך, דודל, האָב דאָך צעבראָכן נישט, חלילה, קיין הייליקע טעלער... איך האָף צום איי־בערשטן, אַז מער וועט זיך שוין דער מאַמען, דער רביצין, נישט עפענען דאָס מויל צו שעלטן אַפילו קיין שטריימל...

„נו, און ווייטער וואָס ? — איז שוין הערשעלעס נייגער געווען אַ ביסל געשטילטער.

אין דער רגע איז דער מאַמעס וויינען אין קיך שטיל געוואָרן, ווי

זי וואָלט זיך איינגעהאָרכט אין דעם טאַטנס רייד דורך דער וואַנט, און זי איז שטיל און ווי איינגעבויגן אַ ביסל אַריינגעקומען מיט אַ בעזעם אין האַנט און האָט גענומען פאַרשאַרן די שערבלעך.

„אַ מעשׂה מיט אַ שיינעם סוף...״ — האָט זיך הערשעלע צע־שמייכלט — „דו קאָנסט שיין דערציילן, דודל, ווי אין אַ מעשׂה־ביכל״.

— דו ווייסט, הערשעלע, — האָט זיך דודלס פּנים ווי צעשמאָלצן פון זיין לויב, — און ס׳איז טאַקע אַזוי, ווי מיין טאַטע האָט געזאָגט: פון דעמאָלט אָן הערט מען שוין נישט קיין קללה פון דער מאַמעס מויל... אַפילו ווען זי צעשרייט זיך אַ מאָל אויף מיר, איז עס שוין נישט אויף אַזאַ הויך קול — — —

אין דעם מאָמענט האָט רוּווטשע דערהערט ריווטשעס קללה:

— זעט נאָר, מענטשן טייערע, דאָס פאַרטראַכטעניש זיינס! דאָס מויל איז ביי אים צעעפנט, ווי אַ קבר, און וויל זיך גאַרנישט צו־מאַכן!... איך שריי און שריי, און ער — גאָרנישט!... אַז אַ קבר זאָל זיך שוין פאַר דיר אָן עפן טאָן, גאָטעניו אין הימל, און זאָל זיך שוין מיט דיר אין איינעם אויף אייביק פאַרמאַכן, ליבהאַרציקער פאָטער!

„איך פאָלג דעם רבס עצה!״ — איז רוּווטשען דורך אין רעיון. ער האָט געטאָן אַ שפּרונג אויף, אַ לויף צו דער וואַנט־פּאָליצע, אַ כאַפּ דאָס איינציקע פאָרצעלייענע טעפּעלע, וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט און — אַ שמיץ עס אין דרערד אַריין. ער האָט דערהערט אַ האַרצרייסנדיקן קוויטש און גלייכצייטיק דערפילט איבער די אויגן אַ פלעם פון אַ נאַסער שמאַטע, אויסגעווייקט מיט אַ זודיקער קללה:

— אַזוי זאָל דיר דאָס האַרץ צעבראָכן ווערן אויף פּיצפּיצלעך, ווי דו האָסט צעפּיצלט דאָס איינציקע פּאָרצעלייענע טעפּעלע מיינס!

„איך פאָלג דעם רבס עצה!״ — האָט זיך אים דער געדאַנק אי־בערגעחזרט, און — אַ כאַפּ פון פּאָליצע אַ טעלער און — אַ קנאַק אין דרערד אַריין...

דערויף האָט ער דערפילט: ס׳האָט זיך איבער זיינע אויגן אַ שאָט

געטאָן איין פּלעם מיט דער שמאַטע נאָכן אַנדערן, איז באַגלייטונג פון אַ האָגל קללות:

— אַז צעבראָכן זאָל דיר ווערן דאָס האַרץ!

— אַז צעבראָכן זאָל דיר ווערן דער שאַרבן!

— אַז צעפּיצלט זאָלן דיר ווערן די ביינער!

— אַז אויף שטיקער זאָלן דיר צעפאַלן די קישקעס מיט אַלע דיינע רעמאַכייוועריםֿ!...

— אַז... אַז... אַז...

די הויט האָט אים געברענט אונטער די אויגן. די הענט זענען אים ווי געליימט געוואָרן, האָבן זיך אים שוין מער נישט אויפגעהויבן עפּעס צו ברעכן... „פאַרשפּילט!" — איז אים דורכגעלאָפן אין רעיון — „דעם רבס עצה איז נישט פאַר מיר, דעם שוסטער... המם... און זיין פּלוניתטע איז דאָך פאַרט געווען אַ רביצין... נישט מיין ריוועטשע".

# חברשאַפט און ליבשאַפט

ברכה יעקב מאירס, דעם טריסקער רבינס גבאי-ראשון, האָט זיך נאָר קינדווייז אַרויסגעוויזן מיט אַ קרענקלעכער עקשנות, וואָס לאָזט זיך נישט בייגן אַפילו פונעם טאַטנס הערשערישן ווילן. דער טאַטע האָט זי דערפאַר גערופן דער „אופיר" * — און בפירוש אויסגעמיטן צו קומען מיט איר אין אַ צוזאַמענשטויס.

ברכה איז נישט געווען אַזוי פּראַקטיש-קלוג, ווי רייזיע, איר על-טערע שוועסטער. אָבער פעיִקייטן האָט זי אַרויסגעוויזן גרעסערע פון איר. זי האָט אויך באַקומען אַ העכערע בילדונג פון רייזיען: די צייט גייט פאָרויס, און דאָס לעבן ווערט אויפגעקלערטער און פרייער. זי איז געווען באַהאַוונט אין תּנ"ך און, להבדיל, אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט אַפילו דייטש געלערנט און שעמעוודיק-פאַרבאָרגענערהייט געשריבן לידער אויף ייִדיש, — דערפון די שע-מעוודיקייט און דאָס אויסבאַהאַלטן זיך דערמיט.

אַ באַרימטער דריילינג חברטאָרינס איז געווען אין שטעטל:

זי, ברכה יעקב מאירס — אַ מיטלוווּקסיקע, נישט קיין שטאַלטנע, מיט אַ טונקל-הויטיק פּנים, נישט קיין שיינס, מיט האַרבע שטריכן, נאָר מיט צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס זייער גלי און גלאַנץ גיסן זיך אַריבער זייערע ברעגן און מאַכן שימערן, דאַכט זיך, אירע שוואַרצע האָר; —

ריקעלע דער רביצינס, דעם רבינס ייִנגסטע טאָכטער — אַן איי-דעלע און שטאַלטנע, ווי אַ וואַסערפלאַנץ, מיט אַן איידל-געשטריכט בלאַסלעך פּנימל, פון וועלכן עס קוועלן אַרויס גרויע קינדישע אויגן, מיט האָר פון וועלשענע-ניס-קאָליר; —

---

* אויסדערוויילטע.

און סלאָווע פּראָימס, פּראָים דעם גבאיס עלטערע טאָכטער — אַ הויכע און שלאַנקע, מיט בלוי-בלויע אויגן און שימערנדיק בלאָנ-דע האָר, — אַ געשטאַלט און אַן אָנבליק, וואָס בעט זיך מען זאָל עס פֿאַראייביקן אויף אַ בילד אין קאָלירן.

די דאָזיקע דריי מיידלעך האָבן זיך געלעבט, יעדע באַזונדער און אַלע דריי בשותּפֿותדיק, זייער אייגן נשמה-לעבן, ווי מחוץ די גרענעצן פֿון זייערע היימען און זייער סביבה. האָבן מיטגעלעבט דאָס לעבן פֿון די העלדן פֿון די ביכער, וואָס זיי האָבן געלייענט באַזונדער און בחבֿרותא. סע האָט זיי פֿאַרבונדן אַ ראָמאַנטישע חבֿרשאַפֿט, און זיי האָבן געבילדעט אַן אייגן וועלטל, אַן אָפּגע-זונדערטס. אויסטערליש זענען זיי געווען פֿאַרן שטעטל, און אויס-טערלישע מעשׂות פֿלעגן וועגן זיי דערציילט ווערן. צווישן אַנדערע:

איין מאָל, אין אַ לבֿנה-נאַכט, האָט מען זיי געזען טאַנצן, אָנ-געטאָענע אין גאַנצן אין ווייסן, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט, אַרום דער קרעניצע הינטערן שטעטל. פֿאַרשטעלט פֿון אַ גאַפּריס סעדל, איז זיי נישט איינגעפֿאַלן, אַז עמעץ קוקט זיי נאָך טאַקע פֿונעם סעדל אַרויס. געטאַנצט, געטאַנצט, און שטיין געבליבן, דערנאָך האָבן זיי זיך ווי אויף די קני אַראָפּגעזעצט, אַראָפּגעבויגן די קעפּ מיט די צעלאָזטע האָר, אָפּגעשווענקט זיך די הענט ביז די עלנ-בויגנס אין דעם וואַסער פֿון דער קרעניצע און אויסגעוואַשן מיט איר די אויגן. אויפֿגעשטעלט זיך און אויסגעגלייכט, האָבן זיי ווי פֿאַרכּישופֿטע פֿאַרהויבן די הענט און די קעפּ מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן קעגן דער לבֿנה און געשווווירן זיך אין קעגנזייטיקער אייבי-קער חבֿרשאַפֿט און געטריישאַפֿט. איינע זאָל פֿאַר דער צווייטער קיין שום האַרץ-סוד נישט האָבן. אויב אַפֿילו בלויז איינע פֿון זיי וועט עפּעס פֿאַרהוילן פֿון די איבעריקע צוויי, אויב זייער חבֿר-שאַפֿט וועט זיך איבעררייסן — זאָלן זיי אַלע געשטראָפֿט ווערן מיט פֿאַרלירן דעם קלאָרן זינען...

דערפֿאַר אָפּנים האָבן די חבֿרטאָרינס זיך איין מאָל אַנטפּלעקט דעם טיפֿסטן סוד פֿון זייערע הערצער, די יונגע און פֿאַרבענקטע,

ווענמען זיי האָבן ליב. כאָטש פּאָר יענע צייטן האָבן זיך אין שטעטל יינגלער מיט מיידלער נישט באַגעגנט. מער ווי כאַפּן אַ בליק איי־נער אויפן אַנדערן האָט זיך נישט געשיקט, און ס'האָט זיך אַרויסגע-וויזן צו זייער גרויסער איבערראַשונג: זיי אַלע דריי האָבן ליב איין יינגל... אָבער זייער חברשאַפט טאָר נישט, חלילה, צוליב דעם גע-שטערט ווערן: זיי ריזיקירן מיט זייער קלאָרן זינען! זענען זיי פרייוויליק געקומען צום באַשלוס: זיי וועלן אים אַלע דריי ליב האָבן ווייטער, פּלאַטאָניש, נאָר דער באַשערטער וועט זיין ברכהס. ער איז סיי ווי צו ווייניק אויסדערוויילטער צו זיין דעם רבינס איידעם, און צו פיל אויסדערוויילטער צו זיין פּראָים דעם גבאיס איידעם; ער איז טאַקע ווי אָנגעמאָסטן פּאַר ברכהן און איר טאַטן דעם גבאי-ראשון. חוץ דעם, איז ברכה אַן עקשן: ער איז דאָך אירס אַ שוועסטער-קינד.

*

דער אויסדערוויילטער איז געווען פינציע משה יאָסל דעם מלמדס, ברכהס מומע שבעס בן-זקונים. ווי משה יאָסל איז געווען אין שטעטל אַ שם-דבר מיט זיין תמיד גליִענדיקער פרומקייט, אַזוי האָט זיין פינציע געשמט, און נישט נאָר אין שטעטל, פאַר אַן עילוי: סע וואַקסט אַ גדול בישׂראל! און חוץ דעם איז ער נאָך געווען, פינציע, קלוג, שוואַרצחנעוודיק און שטאַלטנע. נישט אומזיסט האָט ער ביי די שטעטלדיקע צניעותדיקע מיידלער אויפגעריסן די אויגן און די הערצער. און חשובע באַלעבאַטים האָבן באַצייטנס מקנא גע-ווען יענעם, וואָס פינציע משה יאָסלס וועט פאַלן אין זיין חלק פאַר אַן איידעם.

יעקב מאיר האָט שוין לאַנג געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך אין האַרצן: פינציע משה יאָסלס וועט זיין זיין צווייטער איידעם. ער וועט חוץ זיין אייגענעם שטאָלץ געבן אַ גרויסן נדן, אַ גבירישן אויסשטייער, אויסקליידן דעם חתן ווי דעם רבינס אַ זון און זיך מתחייב זיין געבן די קינדער קעסט אומבאַגרענעצט אין צייט. און ווען סע וועט זיך מאַכן, ערגעץ אין אַ שטאָט ווו דער רוב תושבים

זענען טריסקער אַנשי-שלומנו, וועט דער מלאך-המוות אָדער דער רב אַליין פריי מאַכן דאָס דאַרטיקע כּסא-רבנות, — איז ווער וועט פריִער פון אים, יעקב מאירן, זוכה זיין אַוועקצוזעצן אויף דעם זיין אויסגעשפּילטן צווייטן איידעם, פּינציען?! צי אים וועט דער רבי אָפּזאָגן אין זיין בקשה? בפרט, אַז דער איידעם איז טאַקע ראוי-לכך. דער ערשטער זוכה בגורל וועט זיין פּינציע.

אין משך פון יאָרן האָט יעקב מאיר מיט רמזים און האַלבע ווערטער צוגעגרייט דערצו משה יאָסלען, בעת יענער האָט געבעטן ביי אים אַ גמילת-חסד אויף שבת; יאָר נאָך יאָר האָט ער אים באַזאָרגט פּאָר גראָשנס אַ פיינעם אתרוג מיט אַ לולב אויף סוכּות. און כאָטש נישט אָפּגערעדט אויף קלאָר, איז דער ענין געווען לויטער און זיכער ביי ביידע צדדים. אויך דער „חתן", פּינציע, און די „כּלה", ברכה, האָבן זיך דאָס פון אַ ווערטל און אַ שפּאָס אין שטוב אָנגעשטויסן, און זיי האָבן געוואַרט אויף יענעם טאָג, פּונקט ווי אין זייערע היימען.

טרעפט זיך אַ מיכשול: די קינדער, די פּופּצניאַריקע „חתן-כּלה", באַגעגענען זיך צופעליק ביי דער מומע יהודיתל. די מומע יהודיתל איז, פאַרשטייט זיך, אַ פרומע, און ווי קאָן זי נישט זיין אַזעלכע, אַז איר מאַן, סראָליק, איז אַ גבאי ביים רבין. ווי אַ געקומענע אָבער פונעם סקווירער הויף, איז זי שוין וועלטלער, טראָגט אַ שיין פאַר-קעמטן פּאַרוק אַלע טאָג. מע שמועסט אַפילו, אַז זי פּודערט זיך, ווען איר סראָלקע זעט נישט, און איז אַ „הויפישע דאַמע". זי אינ-טריגירט אין הויף קעגן יעקב מאירן לטובת איר סראָליקן, און ס'איז איר אַוודאי נישט צום האַרצן, אַז יעקב מאירס חשיבות זאָל זיך נאָך מער צעוואַקסן צוליב אַזאַ אויסגעשפּילטן איידעם, ווי פּינציע. פאַר-האַלט זי זיי, די קעגנזייטיקע פאַרשעמטע קינדער:

— אייל זיך נישט אַוועקצוגיין, פּינציע... וואָס טראָגסטו זיך אַזוי, ברכהניו?... סע ברענט נישט, חלילה... טאַקע אַ יִנגל מיט אַ מיידל, נאָר — שוועסטערקינדער, וועט חלילה, קיינער נישט זאָגן, אַז ס'איז אַן עוולה... בפרט, אַז די מומע יהודית איז דאָ דערביי...

די קינדער פאָלגן איר, אָבער זייערע אייגענע הערצער דערוועגן זיך נישט פון דעסטוועגן אָנצובינדן אַ שמועס. זיי באַגעגענען זיך בלויז מיט אומדרייסטע, שעמעוודיקע בליקן, און יעדער היט זיך אין געהיים זיין צאַפּלדיק געפיל און שווינדלענדיקע מחשבה.

— וואָס זשע פאַר אַ כּלה ווילסטו, פּינציע, זאָל מען דיר געבן? מע שמועסט ביי לייטן, אַז טאַטע-מאַמע האָבן פאַר דיר אַ ציגיי-נערקע אויסגעקליבן...

פּינציע קוקט אויף זיין „כּלה", וואָס זעט אויס אין זיינע אויגן אַ יפה-פיה, און וויל זיך פאַר איר באַווייזן מיט זיין חכמה און דרייסט-קייט, ער רויטלט זיך און טוט איבערגעאיילט אַ זאָג:

— אַ ציגיינערקע גאָר? קיין „שחורה אני ונאווה" דאַרף איך נישט... פּע!

די „כּלה" ווייסט בעסער פון דער מומע יהודיתל די טייטש פון דעם פּסוק אין „שיר-השירים": איך בין שוואַרץ (דאָס איז מיין חסרון), אָבער שיין מיט מיינע מעשים-טובים (דאָס קויפט אויס מיין חסרון), — און זי נעמט פּינציעס ווערטל אויף איר אייגענעם אַד-רעס... זי געפעלט אים נישט. זי איז אַ שוואַרצע, אַ מיאוסע, זי איז „פּע!". און גלייך ווערט אין באַליידיקטן האַרץ געבוירן אַן עקשנות-דיקער באַשלוס:

...ווי ער קוקט אָן זיינע אויערן פון הינטער די גלעקעלעך פון זיינע פּאות, אַזוי וועט ער זי אָנקוקן אונטער דער חופּה!...

דער „חתן" לייענט איבער אינעם פלאָם פון אירע שוואַרצע אויגן איר צאָרן קעגן אים... וויי-וויי! זי האָט אים פאַרשטאַנען פונקט פאַרקערט!... מע דאַרף שוין... „אם לא עכשיו, אימתי?"...* מתקן זיין דעם מעוות, דעם פעלער, נאָר ווי אַזוי טייטשט מען עס איר אויס, אַז דערביי שטייט די מומע יהודיתל מיט אַ צעשטראָלט פּנים פון אַ שלעכטן מלאך, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ „גוט" שטיקל אַרבעט?

* אויב נישט איצט, ווען דען?

די „כלה״ טוט אַ מורמל: אַ גוטן טאָג, און לאָזט זיך צו דער טיר. איילט זיך דער „חתן״, ווי דורך אַ שׂרפה, צו פאַרריכטן די מערכה, און טוט אַ זיַע דורך די ציין, ווי געריעדט צו זיך אַליין — זי זאָל פאַרשטיין, און די מומע נישט:

„שובי, שובי השולמית״...*

נאָר „שולמית״ נעמט דאָס אָן פאַר אַ ווייטערן אָפּחוזקן פון איר, און טוט אַ לויף אַרויס מיט אַ פאַרקלאַפּ די טיר הינטער זיך.

עפּעס גאָר ווי אַ משוגענע! — איז די מומע יהודיתל ווי ברוגז פאַר אַזאַ נישט שיין אויפפירן זיך ביי איר אין שטוב און פאַרענ-דיקט מיט אַ טרייפן שפּאַס, — זי איז אַפּנים אַזוי קלוג, ברכה, ווי שיין.

און באַלד שוין ערנסט:

— יעקב מאירס מיזינקע... האָט זי איר שטאָלצן טאַטנס טראָץ... אָ, זיין איידעם וועט גאַרנישט זיין וואָס מקנא צו זיין.

פון דעם טאָג אָן האָט ברכה יעקב מאירס געהאַדעוועט ביי זיך אין האַרץ און אין רעיון סיי איר ליבע-געפיל צו פּינציעלען, סיי איר עקשנותדיקן געפיל צו איר „באַליידיקער״: זי וועט זיינע נישט זיין! זי איז פאַר אים נישט מער ווי אַ „שחורה״-פע! פאַר די חברטעס אָבער האָט זי עס אויסבאַהאַלטן, ווי אַ יאַטערנדיקע ווונד.

*

אין יענער צייט האָבן די חברטאָרינס געלייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס נייע ביכל, וואָס יעקב מאיר האָט מיטגעבראַכט פון דער נסיעה מיטן רבין איבער שטעט און שטעטלעך — „אהבת ציון״ פון אַברהם מאַפּו, אין העברעיִש און אין יִדיש. די דריי חבר-טאָרינס האָבן, לייענענדיק די ביכלעך צוזאַמען אין ברכהס צימער, בשותפות אַ סך טרערן פאַרגאָסן אויף די ליבע-ליידן און ליבע-פריידן פון די העלדן, אמנון און תמר. נאָר ברכה, וואָס האָט די

** קער זיך אום, קער זיך אום, שולמית.

ביכלעך צו יעדער צייט געהאַט ביי זיך אין צימער, פלעגט זיי נאָך לייענען פאַר זיך אַליין באַזונדער, און, פאַרבאָרגן פאַר די חברטאָרינס, אונטערן איינדרוק פונעם געלייענטן, וואָס האָט זיי צוזאַמענגעוועבט מיט אירע אייגענע ליבע-איבערלעבענישן, שרייבן לידער אויף ייִדיש.

איר שריפט איז געווען אַ צירלעכע, אַ דין-דינע, ווי דער פּען-שפּיץ וואָלט קוים באַרירט דאָס ווייסע לייב פונעם פּאַפּיר. די אותיות — פּאַרקיילעכיקטע, זיך אַריינצײַענדיקע קאָנוווּלסיוו אין זיך אַריין, אין אייגענעם צענטער, ווי יעדעס אות באַזונדער וואָלט וועלן זיך אויסבאַהאַלטן אין זיך אַליין. אַ שריפט פון אַ נזיר, וואָס בעתן שרייבן רעדט ער צו זיך אַליין.

*

סע זענען אַריבער עטלעכע יאָר. ביז איין מאָל הייבט זיך עס אָן טומלען ביי יעקב מאירן אין שטוב. מע גרייט זיך אויף אַ זעונג צווישן חתן-כלה. צווישן די מחותּנים איז שוין אַלץ אָפּגערעדט, ס'הייסט — יעקב מאיר האָט שוין אַלץ אַרויסגעלייגט אויפן טיש, און משה יאָסל האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן אויף אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט פאַרטאָן געווען אין אַ שטומער תּפילה. מע דאַרף פּראַווען די תּנאים.

שוואַרץ און אָנגעצונדן, ווי אַ ברענענדיקער קין, שטייט די כלה פאַרן טאַטן. אירע דיקלעכע ליפּן צוקן, נאָר די ווערטער פאַלן אַרויס פון איר מויל אָנטשלאָסן און טראָציק:

— איכל זיך מיט אים נישט אָנקוקן!

— מע קאָן דאָך אָבער נישט אַנדערש, — וויל יעקב מאיר באַזאָלבן איר עקשנות, סע זאָל ווייכער ווערן, — לויטן דין פון דער תּורה דאַרף מען פריִער פרעגן דאָס מיידל, צי דאָס ייִנגל געפעלט איר. ווייסט דאָך עס אַליין. און אַז זיי קוקן זיך פריִער נישט אָן...

— ער געפעלט מיר ש ו י ן נישט, טאַטע.

— וו-אָ-ס?

— איך וויל אים נישט.

— דו ווילסט נישט? וואָס הייסט עס? — צינדט זיך אָן יעקב מאירס פּנים, זיין האַריקייט זעט אויס ווי זשאַר, און זיין דיק-לעבע נאָז רייכערט — אָט-אָט וועלן פון איר אַרויסזעצן פלאַמען.

— האָסט דאָך נאַר-וואָס אַליין געזאָגט, טאַטע, אַז מע דאַרף פריִער פרעגן דאָס מיידל... איז וויל איך טאַקע נישט!

— אָבער וואָס הייסט? — דערפילט זיך יעקב מאיר ווי געשלאָגן אום חנוכּה פון פיר טייז און רעדט שוין אָפּגעקילטער, — מיט פנחסלען קלינגט דאָך אַ וועלט... הממ... און דו אַזאַ יפה-פיה ביסטו עס?

— איך ווייס עס... איך בין אַ „שחורה״... און מיט אים קלינגט אַ וועלט... און — פון דעסטוועגן וויל איך נישט... און שוין!

— וואָס הייסט דו ווילסט נישט? — פרווּט יעקב מאיר שוין מיט געמאַכטער בייזקייט, — און ווּ בין איך, יעקב מאיר? דער טאַטע דיינער?

— דו?... ביסט אין מיר... איך בין יעקב מאירס טאָכטער...

ביי יעקב מאירן לאָזן זיך אַראָפּ די הענט. ביי איר עקשנות מוז ער פאַרשפּילן. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס איז ער שטאָלץ אויף איר — אַ טאַטנס אַ טאָכטער. און דער דאָרן פון זיין צאָרנדיקן בליק ווערט פאַרברענט אין דעם זשאַר פון אירע שוואַרץ-ברענענדיקע אויגן. דאָך מיט בייזן אָנשטעל:

— נישט, איז נישט...

און אַ ווענד זיך באַפעלעריש צום ווייב:

— פינע! אַלע צוגרייטונגען צו די תּנאים אָפּשטעלן... איך דאַרף זיך נאָך באַדענקען.

און ווידער צו דער כּלה:

— און דו — באַדענק זיך אויך. איך וואַרט אויף אַ שׂכלדיקער תּשובה פון אַ בר-דעת.

אָבער ער האָט זיך אויף אַזאַ נישט דערוואַרט, דער שטאָלצער יעקב-מאיר.

פאַר פנחסלס אָרעמע טאַטע-מאַמע איז דאָס געווען אַ פּאַטש אין פּנים און אַ ווייטיק אין האַרצן... ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז שפּילט זיך דער גביר מיטן אָרעמאַן. זאָל דער אייבערשטער באַצאָלן פאַרן קינדס בזיון.

ס'איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן, פּנחסלס עלטערן, אַז זייער עילוי האָט זיך מיט דער צייט איינגעעקבערט אין קאָפּ זיינס אַן אייגענעם זאָג: „קיין שחורה אני ונאווה וויל איך נישט. פע!" אַז ער איז דווקא אויפן זיבעטן הימל, וואָס ער איז פון דעם „פע" פּטור געוואָרן. פּנחסל האָט איבער די בלעטער פון דער גמרא, וואָס ער לערנט, שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף ברכהס שיינער חברטאָרין, אויף סלאָוועס פראָימס.

און איין מאָל האָט ער זיך געמאַכט האַרץ, צי דער חשק האָט אים אונטערגעזאָגט: ער וועט גיין צו דער מומע יהודיתל. זי האָט אים עטלעכע מאָל געגעבן אָנצוהערענישן און ער איז ענדלעך געגאַנגען און האָט מיט שעמעוודיקע, בריִענדיקע ווערטער אַרויסגעבראַכט פאַר דער מומען זיין פאַרבאָרגענעם פאַרלאַנג.

— אדרבה... — האָט אויפגעלויכטן דער מומע יהודיתלס געפּודערט פּנים, אירע בלויע אויגן האָבן זיך פייכט צעגלאַנצט, און דער בלאָנדער, געלאָקטער פאַרוק האָט זיך צעשימערט, — קאָנסט זיך שוין אויף מיר, פּנחסל, פאַרלאָזן... זע נאָר דו זאָלסט האָבן אַ לייטישן היתּר-הוראה...

די מומע יהודיתל האָט זיך און די רביצינס טעכטער אַריינגעלייגט אין דעם נייעם שידוך — אויף צעפּיקעניש יעקב מאירן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און פראָים, סלאָוועס טאַטע, איז אַליין געקומען צו משה יאָסלען אין שטוב:

— אַזאַ נגיד ווי יעקב-מאיר איז ער נישט. אָבער מער ווי צוויי טעכטער האָט ער דאָך אויך נישט, — וועט ער אַלץ אָוועקגעבן איר, סלאָוועס. אין אַזאַ כּלי-שלמה, ווי פּנחסל איז, איז כּדאַי אַריינצולייגן אַלץ.

די מחותּנים האָבן זיך זייער גיך דעררעדט. דער חתן האָט פאַר-

שעמט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. די כּלה בלויז האָט צו דער גרויסער פאַרווונדערונג פון די עלטערן געפּרווט נישט מסכּים זיין. עפּעס האָט זי געמורמלט, אַז — נישט זי וויל נישט, נאָר זי קאָן נישט... אָן אַ פאַר וואָס און אָן אַ פאַר ווען. נאָר ווער האָט זי געהאָרכט!

— איך וועל אָפּשמייסן! — האָט דער טאַטע געזאָגט מיט אַ קאָל-טער לעבער, אַז דער איידעלער סלאָווען איז פאַרבייגעלאָפן אַ דראָזש אונטער דער הויט.

אין גיכן האָט מען יעקב מאירס הויזגעזינד פאַרבעטן אויף פּנחסלס תּנאים מיט סלאָווע פראָימס. אַלע זענען געגאַנגען און זיך געפרייט, — צי פון גאַנצן האַרצן, צי בלויז לפּנים? — קיין פענצטערל אין אַ מענטשנס האַרץ איז נישטאָ. אָן אויסנאָם איז גע-ווען ברכה: זי ליידט אויף אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק, — האָט מען זי פאַרענטפערט.

— מאָרגן, אם ירצה השם, ווי נאָר סע וועט איר לייכטער ווערן, וועט זי קומען אָנווינטשעווען דער כּלה און זיך מיט איר צעקושן.

זי איז אויף מאָרגן אויך נישט געקומען, און סלאָווע איז גע-גאַנגען צו איר. זייער פריינדשאַפט האָט זיך נישט איבערגעריסן. זיי האָבן בלויז וועגן איין זאַך נישט גערעדט — וועגן פּנחסלען.

פראָים גבאי איז אַפילו איצט נישט אין גאַנצן זיכער געווען מיט זיין אוצר: און וואָס טוט ער, די שעה זאָל נישט זיין, אַז יעקב מאירן פאַרגלוסט זיך אַ דריי צו טאָן דעם דישל אויף צוריק?... וועד-ליג יהודיתל גיט אָנצוהערן... און ער איילט שטאַרק צו מיט דער חתונה.

אויף סלאָוועס חתונה האָבן זיך אַלע, אייגענע און פרעמדע, געוווּנדערט, פאַר וואָס ברכה יעקב מאירס איז נישטאָ. און מער פון אַלע — די מומע יהודיתל, מיט אַ זיפצעלע און מיט אַ קרעכ-צעלע, און מיט אַ נקמה-שמייכעלע אין זיך אַריין:

— סטייטש און סטייטש? דעם חתנס אַ שוועסטערקינד און דער כּלהס האַרציקסטע חברטאָרין!...

נאָר די כּלה אַליין האָט איר מיט אַ באַצערט פּנים פון אונטערן

וועלאָן דערקלערט, אַז ברכה איז שוין עטלעבע טאָג קראַנק, ליגט צו בעט, אַז וואָס קאָן מען טאָן? אַ שאָד! אַ שאָד...

*

אַלץ איז געגאַנגען כּשורה. נאָר פאַר דער חופּה איז די כּלה נעלם געוואָרן. צווישן דעם חתונה-עולם איז דורכגעלאָפן אַ גע-שעפּטש, ווי אַ געראויש אין וואַלד פאַר אַ שטורעם, און אויף די מחותּנים פון ביידע צדדים איז אָנגעפאַלן אַ שרעק: וואָס באַטייט עס? און ווו הייבט מען זי אָן צו זוכן?

און די כּלה אינעם ווייסן חופּה-קלייד, ווי אַ פּרינצעסין, איז דעמאָלט געשטאַנען איבער ברכהס צוקאָפּנס און זיך געבעטן ביי איר:

— ברכהניו, האַרציקע מיינע! איך פאַרשטיי דיין פּיין. גלייב מיר — איך בין אַ כּלה געוואָרן קעגן מיין ווילן. איך האָב דיך לי-בער פון אים... ער איז דאָך דיין באַשערטער. ס׳איז נאָך נישט שפּעט. זאָג איין וואָרט, און כ׳רייס אַראָפּ דעם וועלאָן פון קאָפּ און צעטרעט אים מיט די פיס. זאָל דער טאַטע אַפילו פּאַטשן מיר אין פּנים... ברכהניו...

און זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויסצופירן עס.

— ניין! — האָט ברכה אַ געשריי געטאָן, אויסדרייענדיק צו איר דאָס פּנים פון דער וואַנט, און אירע אויגן האָבן ווילד גע-שרפעט, — איך האָס אים! ער איז דיין באַשערטער. גיי צו דער חופּה, סלאָוועניו. איך... באַפעל דיר. און זאָל דיר זיין מיט מזל... מיין מזל איז פינצטער...

די כּלה איז צוגעפאַלן צו איר פּנים, און זיי האָבן זיך געקושט דורך געוויין און טרערן.

דו שיקסט מיך, ברכהניו, צו דער עקדה! — האָט זיך אַרויס-געריסן אַ געשריי פון דער כּלהס האַרץ, און זי איז אַרויסגעלאָפן.

אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ברכה דערהערט די מוזיק, וואָס

פירט צו דער חופה, און זי האָט פאַרגראָבן איר הייסן קאָפּ אין דעם קישן מיט אַ שלוכצן.

*

פון מאַרגאָליען, דעם דינסטמיידל, האָט זיך יעקב מאיר אין עטלעכע טעג אַרום דערוווּסט וועגן דער כּלהס וויזיט פאַר דער חופה ביי ברכהן, און זיך גענומען אָנשטויסן, וואָס זיין „אופיר״ לעבט איבער. נאָר פאַרפירן מיט איר אַ שמועס איז דאָך אומזיסט — ער וועט זיך ביי איר גאָר נישט דערשלאָגן. איין זאַך איז קלאָר: מע דאַרף זי וואָס פריִער חתונה מאַכן.

שדכנים האָבן אָנגעהויבן אַלץ אָפטערער צו קומען צו יעקב מאירן אין שטוב אויף אַ גלעזל טיי מיט איינגעמאַכטס, אָדער אַ גלעזעלע בראָנפן מיט אַן אייערקיכל.

ברכה האָט געשוויגן. אַז מע האָט זי ענדלעך צוגעגרייט אָנצו-קוקן זיך מיט אַ חתן, האָט זי זיך נישט קעגנגעשטעלט. יאָ — יאָ, — נישט — נישט.

דער חתן, אַ סידילקאָווער, אַ שטאָט וואָס איז באַקאַנט מיט איר סידילקאָווער ש״ס, איז נישט געווען אַזאַ בר-אורין, ווי פּנחסל, און שוין אַוודאי נישט אַזוי שיין און באַחנט ווי ער, דערפאַר אָבער אַ בר-אַבהן, גאָר פון גרויסן יִחוס — אַ שפּראָץ פון דער טשערנאָבי-לער דינאַסטיע, אַ קרוב פון טריסקער „הויף״. דער דאָזיקער שידוך האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקן אין הויף יעקב מאירס פּאָזיציע קעגן יהודיתלס אונטערגראָבונגען...

דעם חתן איז נישט באַזונדערס געפעלן געוואָרן די כּלה. ער האָט זיך געפּרוּווט קרימען, נאָר אין דער זאַך האָט זיך אַריינגעלייגט דער טריסקער רבי אַליין לטובת זיין גבאי-ראשון, און אין גיכן זענען געפּראַוועט געוואָרן די תּנאים. אויף די תּנאים זענען געווען דער כּלהס ביידע חברטאָרינס, רילקע דער רביצינס און סלאָווע פּראָיִמס — ביידע שוין חתונה געהאַטע, אין פּאַרוקן. און זיי האָבן ביירע שטאַרק געלויבט דעם חתן פאַר דער כּלה.

דער חתן — אַברהם בער האָט ער געהייסן — שוין נישט גאָר קיין יונגער, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ וועלטלעכן בחור, אויף וועלכן ס׳האָט גלייך עדות געזאָגט זיין קליידן זיך. אין אָנהייב האָט עס ביי דער כּלה אויסגענומען. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן: זי איז צו־פרידן. און די פרייד אין שטוב איז געווען גרויס. ברכהן אַליין האָט זיך געכומען אויסדאַכטן, אַז זי הייבט אָן אים ליב צו קריגן. נאָר וואָס ווייטער, אַלץ חשדיקער איז געוואָרן איר בליק אויף אים. אַברהם בער, דער חתן, האָט אין זיינע בריוו רק זי געמינטערט: אָט, זי זאָל פאַרלאַנגען פון טאַטן, אַז אירע זילבערנע לייכטער זאָלן זיין פון אַ שווערער וואָג, אַז איר פוטער זאָל זיין נישט אַנדערש ווי אַ פּ י י ע נ ע ר פון ערשטן סאָרט, זיינער — אומבאַדינגט אַ טכוירע־נער... ער שרייבט איר טאָקע זייער שיין וועגן זייער ליבע, — שיין, אָבער נישט וואַרעם. זיי זענען געשריבן, נישט מיט רויט בלוט, נאָר מיט בלויען. זיי שיינען, נישט מיט זונליכט, נאָר מיט לבנה־ליכט... ער האָט זי נישט ליב. זי איז אַ שוואַרצע, אַ מיאוסע... אַ מענטש איז אַן אָפּנאַרער, קאָן אָפּנאַרן זיך אַליין. דער שפּיגל אָבער איז דער גרעסטער אמת־זאָגער... קוק זיך, ברכה, אָן, זאָגט ער, דער שפּיגל, און זאָג אַליין... פּנחסל איז ווי אַ לויטערער שפּיגל, האָט ער איר געזאָגט דעמאָלט דעם אמת... ער אָבער, אַברהם בער, איז אַן „איי־ניקל" פונעם גוטיִדישן שטאַם, פונעם שטאַם פון די „נעמערס" און „נישט־געבערס", מיינט בלויז איר טאַטנס עשירות. ער האָט ז י ך פאַרקויפט פאַר געלט און ז י געקויפט פאַר זיין יִחוס. האָט גע־האַנדלט מיט זיך און מיט איר, ווי אַ... קצב!

פון דעסטוועגן פלעגט זי פון טאַטן בעטן און פאָדערן אַלץ וואָס ער האָט פון איר געפאָדערט. זאָל זיין אַזוי. זי איז געוואָרן גלייכגילטיק צו זיך אַליין. האָט זיך געפּוילט זיך אַנטקעגנצושטעלן. בלויז פון צייט צו צייט, ווען זי איז געבליבן אַליין מיט זיך און דעם חתנס בריוו, פלעגט עס פון איר אַרויסוויינען; גאָרנישט ווי זי אַליין וואָלט וויינען, נאָר ווי עמעצער פון איר אַרויס, און ז י האָרכט זיך

בלויז איין און האָט רחמנות אויף יענעם. אויף דער מאַמעס כּסדר־דיקע טיף־באַצערטע נישט דרייסטע פראַגעס:

— אָבער וואָס ווייסטו פאַרט, ברכהניו? — האָט זי געהאַט איין עקשנותדיקן ענטפער:

— איך וויין דען? — און שוין שטיל־שטיל — סע וויינט פון מיר אַרויס...

— עפּעס ווי אַ דיבוק וואָלט, חלילה, אַריין אין דעם קינד, — פלעגט איבערגעשראָקן אַ זאָג טאָן די מאַמע, פאַרשטעלן דאָס מויל מיט אַ האַנטפלאַך און דריי מאָל אויסשפּייען, און שפּעטער זאָגן דעם מאַן, אַז מע דאַרף צואײַלן די חתונה. בעת דער סידיל־קאָווער מיוחסדקער מחותן — האָט דווקא אַלץ אָפּגעצויגן, — דעם חתן האָט נאָך עפּעס צוגעפּעלט.

ענדלעך איז געקומען די וואָך פון דער חתונה. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אונטערן רושם פון די צוגרייטונגען. לעם יעקב מאירס שטוב איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שאַלאַש, אין אים — טישן און בענק פונעם בית־מדרש פאַר אָרעמעלייט, היגע און פון דער פרעמד — חתונה־געסט. הינטער דער כּלהס פענצטער האָט איציע אישענער, דער הויפישער קוכער און סאַדאָווניק, פאַרפלאַנצט בלומען פון דער רביצינס גאָרטן. ס'זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן ביידע קאַפּעליעס פון קאָוולע, און מוזיק־טענער בלאָנדזשען אַרום אַפילו אין די הינטערשטע געסלעך.

*

— — — ביי נאַכט, די חתונה איז אין פולן ברען. יעקב מאיר איז שוין געגאַנגען אַראָפּפירן דעם רבין צו דער חופּה. די קלעזמער שפּילן צום באַזעצנס. די צוויי שורות מיידלעך, איינע קעגן דער צווייטער, ווי אַן אַלעע, וואָס פירט צו דער כּלה אויף איר טראָן, שטייען אומבאַוועגלעך, און זייערע אויגן, אין די פאַרפלאַמטע פּנימער נאָך די טענץ, פלעמלען ווי די קאָלירטע הבדלות אין זייע־רע הענט. דער באַרימטער בדחן, יחיאל, שליסט אויף די הערצער

מיט די גאָלדענע שליסלען פון זיינע געגראַמטע און מוסרדיקע רייד, און ס'איז קיינעם קיין חידוש נישט, וואָס אַזוי פיל טרערן פאַלן פון דער גליקלעכער כּלהס אויגן. וואָרום אין דער אמתן וואָס האָט זי צו וויינען? אויף אַלע ייִדישע טעכטער אַזעלכע חתונות געזאָגט גע- וואָרן! און — — — סאַראַ פייערווערק מע צינדט עס דאָרט אין דרויסן ביי דער וואַרטנדיקער חופּה! אַ רויטע שיין שלאָגט אין אַלע פענצטער. נאָר פּלוצעם טוט אַ ברעך אויס אַן אַנגסט-געשריי:

— סע ברענט.

געלויף. בהלה. די שטוב איז אויסגעליידיקט. טירן-פענצטער — צעפּראַלט. חתונה-געסט און מחותּנים מישן זיך אויס מיט לויפנדי- קע אין גאַס. ס'ברענט אין שכנות. געוואַלדן. געשרייען. די קלוי- סטערס גלעקערן און יאָגן אַן שרעק. אַט באַלד וועט זיך אָנצינדן דער בית-מדרש קעגנאיבער. מע שלעפּט אַרויס די שטוב-זאַכן. מע פּאַקט צוזאַמען דאָס בעטגעוואַנט, מע טראָגט אַרויס די שלאָפנדיקע קינדער. און פּלוצעם:

— אוי! וווּ איז די כּלה?! — יאָמערט די מחותּנתטע.

— מע טאָר זי נישט לאָזן אַליין!

— גאָט באַהיט! — ס'קאָן נאָך, חלילה, מיט איר געשען עפּעס בייז...

— מ'האָט די כּלה געזען לויפן מיטן שאַסיי צו דער פאַרשטאָט...

— אוי-וויי! אפשר... חלילה... צום טייך?...

# אַ טרייסט...

בײ אונדז אין שטוב, אין טריסק, אין אונדזער ייִחוסדיקער און נגידישער היים, פלעגט מען פון צייט צו צייט אַ שמועס טאָן וועגן אונדזערע ראַטנער קרובים, די סטאָלינער חסידים, פון אויבן אַראָפּ, מיט פֿלומרשט גוטמוטיקן שפּאָט. אַז מ׳האָט געוואָלט מיין טאַטן, דעם איידעם פון ראַטנע, אַ שטאָך טאָן, האָט מען אָפּגעלצט פון די פאַרגרעבטע „פּאָליעשוקעס״, וואָס דערנערן זיך מיט קוטיע די גאַנצע וואָך און זענען טועם פלייש נאָר שבת, העכסטנס צוויי מאָל אין דער וואָך; פון די „פּאָליעשוקעס״ בכלל און פון די קרו-בים-שטוב בפרט.

אַן אויסנאַם איז, פאַרשטייט זיך, געווען דעם טאַטנס טאַטע, דער ראַטנער זיידע, שלמה אַהרן, וואָס איז אַן איש-תּם און זיצט על התּורה ועל העבודה, ווייל וועגן דער פּרנסה פאַרלאָזט ער זיך אין גאַנצן אויף דער באָבע פרומע, און זי פאַרדינט זיך ביי אים כּשר יעדן שבת זיין „אשת חיל מי ימצא״...

אַן אויסנאַם איז אויך געווען זיין ייִנגסטער איידעם, דער ייִנג-סטער טאָכטערס, כאַסיע בריינעס מאַן — אָשר דער גרויסער. ער איז אין גאַנצן אַנדערש. ער איז דאָך טאַקע נישט קיין ראַטנער — אַ סאַרנער איז ער, דעם ראַטנער זיידנס ברודערס אַ זון. ער, אָשר דער גרויסער, האָט געהאַט דאָס לשון-סגי-נהורדיקע גליק אַהין, קיין ראַטנע הייסט עס, אַ ר י י נ צ ו פ אַ ל ן, פּונקט ווי מיין טאַטע האָט געהאַט דאָס אמתע גליק פון דאָרט אַ ר ו י ס צ ו פ אַ ל ן... ער איז אַן איידעלער, זיידענער און גאָלדענער יונגערמאַן, אַ ווױללערנער און ווױלקענער גלייכצייטיק; שפּילט אַפילו פידל, ווי ס׳איז אָנגענומען אין סטאָלינער רבינס הויף, און זינגט די קאַרלינער ניגונים...

פאַר וואָס רופט מען אים אָשר דער גרויסער? כּדי אים אונטער־צושיידן פון זיין שוואָגער אָשר דעם קליינעם. און פאַר וואָס רופט מען יענעם אָשר דער קליינער, כּדי אים אונטערצושיידן פון אָשר דעם גרויסן.

ווען אַ טייל פון אונדזער פאַמיליע איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פאַר די קאָזאַקן און דעם עסטרייכישן דייטש פון טריסק צום ראַטנער זיידן, ביי וועמען מיר האָבן זיך איינגעקוואַרטירט, האָב איך גלייך דערזען, אַז די ביידע פעטערס מיינע, אָשר דער גרויסער און אָשר דער קליינער, האָבן זיך פאַר־דינט זייערע צונעמען יעדער באַזונדער אין זיין אייגענעם זכות: אָשר דער קליינער איז פאַר זיך אַליין אַ קליינער, אַ קליין פעטערל, און אָשר דער גרויסער — פאַר זיך אַליין אַ גרויסער, אַ גרויסער פעטער.

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב מער אַרויפגעקוקט צום גרויסן פעטער. און ס'איז טאַקע געווען אויף וואָס אַ קוק צו טאָן: אַ הויכער, שטאַלטנער יונגערמאַן, וואָס אַזאַ הויכן האָב איך געזען סיידן צווישן די הונדערטער טריסקער חסידים, געקומענע קיין טריסק אויף יום־טוב צום רבין; ער דערמאָנט מיר אין שאול המלך, וואָס דער פסוק זאָגט אויף אים: „משכמו ומעלה גבוה...״ — פון זיין אַקסל און אַרויף איז ער געווען העכער... ס'פעלט אים בלויז אַ קרוין אויפן קאָפּ, און טאַקע נישט אַנדערש, ווי אַ גאָלדענע! ווייל די האָר אויף זיין קאָפּ און דאָס בערדל זענען — ניין, בשום־אופן נישט קיין געלע, נאָר — דורכויס גאָלדענע! האָר, ווי זיידענע פע־דעם פון גאָלד; ווען ער איז אויפגעלייגט, קוועלט פון זיינע אויגן אַרויס אַ בלויע פריידיקייט; די הויט פון זיין הויכן, ווינקלדיקן שטערן איבער זיי און פון די באַקן אונטער זיי איז אַ דינע און איידעלע, אַ לויטער־ראָזלעכע, ווי זי וואָלט זיין געשמירט מיט אַ באַלזאַם פון דעם „שמן זית זך״ — ריינעם בוימל, וואָס מע פלעגט אַריינטאָן אין די רערן פון דער זהב־טהורדיקער מנורה. און זיין פרוי, די מומע באַסיע, בריינע, אַ היפּש נידעריקערע פון אים, אָבער מיט אַ

שימערנדיקן, העל-בלאָנדן קאָפּ האָר, וועלכן זי פלעגט איבערדעקן מיט אַ טיכל נאָר בעתן אַריינקומען צו איר טאַטן אין שטוב, מיט בלוי־קוועלנדיקע אויגן, תּמיד ווי אַ ביסל פאַרוווּנדערטע, און אַ העל-לויטער פּנים, אַ שפּילנדיקס מיט רויטער בלומען-פאַרב אויף ביידע קינען — האָט זיך אים מיט איר אויסערלעכקייט זייער גע-פאַסט, נישט נאָר פאַר אַ פרוי, נאָר אַפילו פאַר אַ שוועסטער.

אויך זי, די מומע כאַסיע ברײַנע, האָב איך באַטראַכט מיט ניי-גער פון אַ גאַסט, וואָס קומט אויף אַ ווייל און וויל זען פאַר אַ מייל. ווייל איך האָב, פון הערן פון מיין מוטער, געוווּסט, אַז כאַסיע ברײַנע, ברײַנדל, איז מיידלווייז געווען אַ מיידל אַ בראַנד, האָט זיך „פאַרכליאַפּעט" ביז איבער די אויערן אין איינעם אַ קאָוולער קאַ-וואַליר, וואָס איז געווען אַ שטיקל צייט צו-גאַסט אין ראַטנע ביי זיינע קרובים, אַ בחור אַ קראַסאַוועץ, אַ שיינער, ווי יוסף הצדיק... אַלע קאָוולער פריילינס זענען געווען נאָך אים אַ כּפּרה; נישט מער — אָט דער יוסף איז שוין גאָר קיין צדיק נישט געווען. ער איז עס אָבער יאָ געווען בנוגע דעם פּראָסטן מיידל פון די ראַטנער „פּאָליעשוקעס" און איז פון איר אַנטלאָפן צוריק קיין קאָוולע... אמת, זיין מאַנטל האָט ער ביי איר נישט איבערגעלאָזט, פלעגט אָבער גערן צונעמען אירע זיידענע מיט אירע אייגענע הענט אויסגעהאָפ-טענע העמדלעך, געשיקטע צו אים בסוד קיין קאָוולע; — פון די מתּנות פון איר פּלאַטאָנישער ליבע האָט ער גראָד געהאַלטן און זיך מיט זיי באַרימט... איז דער סוד געוואָרן אַנטפּלעקט פאַר גאַנץ בראָד, פאַר ראַטנע הייסט עס, און איר טאַטע איז פון איר אויסגע-שטאַנען גרויס עגמת-נפש און בזיון. ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן — ער מוז זיין איר חתן. קיין שום אַנדערער! ביז גאָט אַליין האָט גע-האָלפן: ס'איז צו זיי צו-גאַסט געקומען איר שוועסטער-קינד פון סאַרנע — אָשר. טאַקע נישט קיין קאָוולער קאַוואַליר, נאָר אַ סאַר-נער בית-מדרש-יינגל, נאָר אַז זי האָט געזען און געהערט ווי אַלע באַלעבאַטישע ראַטנער מיידלעך אַנטציקן זיך מיט אים, אַליין זיך צו אים צוגעקוקט און יעדן פאַרנאַכט געהערט זיין שפּילן אויפן פידע-

לע, האָט זי זיך אַ זאָג געטאָן: דער איז נאָך בעסער פון יעַ-נעם!... און אין גיכן האָט מען מיט מזל געבראָכן טעלער.

אַוודאי האָב איך אויסגעקוקט מיטן גאַנצן האַרצן, דער פעטער אָשר דער גרויסער זאָל כאָטש שבת-צו-נאַכטס אַראָפּנעמען דאָס פידעלע פון דער וואַנט און אָפּשפּילן עפּעס לכבוד אליהו הנביא, אליהו התשבי. אָבער זיך נישט דערוואַרט: — ער איז דאָך שוין אַ טאַטע, איז אַראָפּ פון קעסט און טראָגט שוין דעם עול־פּרנסה... און ווידער — ס'איז דאָך מלחמה אויף דער וועלט, און אויב זי וועט זיך צעפלאַקערן אַרום טריסק, איז ווי ווייט איז דען פון דאָרט אַהער? קנאַפּע אַכציק וויאָרסט... הממ... וואָס האָט עס גאָר אין גאַנצן אַ זין געהאַט צו לויפן פון דאָרט אַהער?...

— דער שומר-ישׂראל זאָל דיר שומר זיין, — האָט דער זיידע, רב שלמה אהרן, פאַרגלאָצט די אויגן איבער דער אָפענער גמרא.

און נאָך צוויי וואָכן „גלות-ראַטנע", ווי די מאַמע האָט עס אָנ-גערופן, האָבן מיר זיך טאַקע אומגעקערט קיין טריסק, אַהיים.

ווען איך בין אין אַ זעקס-זיבן יאָר אַרום געקומען אַליין צו-גאַסט קיין ראַטנע צו מיינע פעטערס — שוין נישט צום זיידן, ווייל ער איז שוין געווען אויפן עולם-האמת — האָב איך אויך נישט גע-הערט דעם פעטער אָשר שפּילן אויפן פידל. דער פידל איז שוין אויף דער וואַנט נישט געהאַנגען. אָדער ער איז געווען אַוועק מיט דער שׂרפה מלחמה-צייט, ווייל די קאָזאַקן האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט הינטער זיך, אָדער ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף גניזה אין דער מומע כאַסיעס געקאָוועטן קופערט: שוין נישט יענע צייטן פידל צו שפּילן! סע שפּילט אַזוי אויך געַנוג אין קאָפּ... אין שטוב ברויעט אַרום אַ כאָפּטע קינדער. און כאָטש שטאָט רעדט, אַז אָשר לעקאַר — שוין לויטן פאַמיליע-נאָמען — איז פון די נאָך-מלחמה-נגידים, ווייסט דאָך איין גאָט דעם אמת, אַז אַפילו ביי אים איז „קשה פרנסתן של ישׂראל כקריעת-ים-סוף".*

---

* די יידישע פּרנסה קומט אָן שווער — קריעת־ים־סוף.

וואָס אַן אמת, „שפּאַלטן דעם ים" האָט דער פּעטער איבערגע־לאָזן פאַר דער מומען, און ער איז בעיקר געווען דער יועץ אין די געשעפטן, ווי דער חכם שלמה האָט געזאָגט: „ותשועה ברוב יועץ" — און הילף איז דורך פיל יועצים. און מער ווי איינעם קאָן ער פון זיך נישט מאַכן, ער קאָן זיך נישט צערייסן. וואָס ער האָט באַדאַכט און געזועצט געעצהט, ווי עס שטראָמט אַ רויִק טייכל, ווי דער ראַט־נער פּריפּעט, האָט זי אויסגעפירט איילִיק, פּיבערדיק, ווי אַ פייער פון אַ שׂרפה, וואָס שפּרינגט איבער שטרויענע דעכער. און אים איז דע־ריבער געבליבן צייט צו לייענען אַ צייטונג, אַריינקוקן אַ מאָל אין אַ בוך, שמועסן פּאָליטיק און אָפּגעבן זיך מיט ציוניסטישער טעטי־קייט. און גלאָט מיט קליינע פרעמדע ענינים. דאָ קומט אַריין עמע־צער, מיט אים זיך וועגן עפּעס, אַ געשעפט אָדער אַ שידוך, אַן עצה צו האַלטן, און דאָ — עמעצער, אַ שלישות ביי אים איינצולייגן, ווייל ביי אים איז — ווי אין אַ פייער־קאַסע.

אָשר לעקאַר האָט זיך נישט בלויז פאַרנומען מיט ציוניסטישער אַרבעט, נאָר איז געשטאַנען אין אַ דירעקטן פאַרקער מיט ארץ־ישׂראל. ער האָט דאָרט געהאַט זיינעם אַ יוגנט־חבר, זיין מענדל, ווי ער פלעגט אים רופן, מיט וועלכן ער פלעגט זיך פון צייט צו צייט איבערשרייבן אויף העברעיִש. געווען אַ צייט, ווען ער האָט געטראַכט נאָכצוטאָן זיין חבר מענדלס ביישפּיל, אָבער —

— דערין איז שולדיק זי, — האָט ער געשמייכלט, די איידעלע הויט אויף זיין אַ ביסל צו לענגלעכער נאָז האָט געשפּילט, און די נאָז אַליין האָט באַוועגט מיט אירע פליגעלער, — מיין כאַסיע ברייִנע, וואָס האָט זיך אונטערגעאיילט מיר צוצושטעלן באַצייטנס אַזאַ גרויס חדר אייגענע קינדער, אַז אויף אַרויסצופירן זיי פון גלות, דאַרף מען שוין האָבן אַ משה רבנו מיט אַ שטעקן... אַ קאַנטשיק איז ווייניק פאַר זיי.

אָ, זי האָט אים אָנגעטאָן די אמתע „ריחיים על צוארו".* מילא,

* מילשטיינער אויפן האַלדז.

ער, ווי ער. אָבער די קינדער וועט ער, מיט גאָטס הילף, שיקן איינ-ציקווייז צו זיין מענדלען. מענדל וועט זיי שוין נישט לאָזן דאָרט פאַלן. די קינדער לערנען אין בית-הספר. נישט קיין שטומע לעלעס וועלן זיי אַהין קומען, נאָר — מיט אייגענעם לשון!

די מומע כאַסיע בריינע האָט, בעת ער האָט אַזוי גערעדט, גע-קוקט אויף אים מיט די בלויע פלעמלעך פון אירע אויגן, און אירע גערויטלטע באַקן האָבן געשיינט, צי פון איר אייגענעם אינעווייניק-סטן מאַמע-ליכט, צי פון דעם ליכט, וואָס איז געפאַלן אויף זיי פון דעם מאַנס פנים — אַ זון, אַן אויסגעוואַשענע נאָך אַ רעגן.

און ווען די צייט איז געקומען, האָט זי מיט פאַרבאָרגענע זיפצן אויסגעפאָלגט דעם מאַנס ווילן. ס׳איז זייער שווער פאַר אַ מאַמען „אַוועקצורייסן די קינדער פונעם האַרצן און זיי אַוועקשיקן אין דער וועלט אַריין, אָבער... כאָטש זי אַליין איז נישט קיין ציוניסטקע...

דער פעטער און די מומע — דאַכט זיך, צוויי קעגנגעזעצטע עלעמענטן, ווי אויבן געזאָגט: ער — שטיל וואַסער, זי — צעבו-שעוועט פייער, אָבער אָט די צוויי קעגנגעזעצטע עלעמענטן, אין מורא איינער פאַרן אַנדערן און אין ליבשאַפט איינער צום אַנדערן האָבן בשלום געהויזט צוזאַמען און אויפגעשטעלט אַ היפשע צאָל דורות פאַר — — —

— — — איך ווייס נישט, ווי אַזוי דער פעטער אָשר דער גרוי-סער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער גאַנצער ראַטנער הייליקער קהילה דעם לעצטן גאַנג צו דער שחיטה, מקדש השם צו זיין. אָבער דאָס בילד שטייט פאַר מיינע אויגן: ...אָט שטאַרצט אַרויס איבער דער מחנה זיין קאָפּ; אַ קלאַפּ איבער אים האָט אַוועקגעשליידערט דאָס היטל; זיינע האָר אויפן קאָפּ זענען שוין מער נישט קיין גאָלד, נייערט — זילבער, אויך די האָר אויפן פנים — זילבער; אָט דאָס זילבער גיסט זיך צוזאַמען אין איין מאַסקע מיטן פנים, וואָס איז ווייס און ווי ליים; ער זעט אויס, ווי אַ ריזיקער זילבערנער שבת-לייכטער; די אויגן — צאַנקענדיקע ליכט-פלעמלעך — קוקן פאַר זיך אין דער ווייט אַריין: קיין טריסק, וווּ עס לעבט, אָדער לעבט

שוין נישט, זיין זון משה מיטן ווייב; קיין קאַמען, ווו עס לעבט זיין עלטסטע טאָכטער פרומע מיט איר שטילן ערלעכן מאַן און זייערע קינדערלעך; קיין ארץ-ישראל, ווו עס וווינט זיין בכור מיט ווייב און קינד און אַ טאָכטער מיט איר מאַן; זיינע ליפּן, ווי פון בלאָסן וואַקס אויף יום-כיפור-ליכט, באַוועגן זיך... וואָס פליסטערן זיי? מיין גייסטיק געהער האָרכט: „מאַין יבוא עזרי? מאַין יבוא עזרי?" און ער פאַרטייטשט זיך עס אין געדאַנק אויף ייִדיש: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף? פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?... ביי זיין רעכטער זייט גייט זיין ליבלינג, די מיזינקע, די יפה-פיה שבעלע, ער האַלט זי פאַר דער האַנט מיט די לעצטע כּוחות... אין זיין לינ-קער זייט — די מומע כאַסיע בריינע... זי האַלט פאַר דער האַנט ביילקען... דער מומעס פּנים — קנאָכן, נאָר אויף ביידע באַקן גליִען פלעקן, ווי ביי אַ שווינדזיכטיק-קראַנקן; די אויגן פלעמלען ווילד פון אימה פאַרן טויט און דאָרשט צום לעבן... זי שעפּטשעט מיט אַ הייס סאָפּעניש:

— אָשר... אַנטלויפן! אָשר... אַנטלויפן!

און ער, ווי אַן ענטפער דערויף, די נאָכאַנאַנדיקע פראַגע:

— „מאַין יבוא עזרי?"...

און אָט שפּאַנט מען אַרויף אויף אַ בריקל. כאַסיע בריינע טוט אַ לאַז אָפּ פון ביידע זייטן די הענט פונעם מאַן און דער טאָכטער און, ווי אַ בליצפלאַם, אַ רייס אַרויס זיך פון דער שורה, אַ לאַז אַראָפּ זיך פון וועג און אַ שלענגל זיך אַרונטער אונטערן בריקל. אָבער — דער בליץ האָט אָנגעשלאָגן אין אַ וואַך אויג פון אַ נאַצי-מערדער. ער טוט זיך אַ לאַז אַראָפּ נאָך איר, צילט-אָן די ביקס אונטערן בריקל אַרונטער. ס'דערהערט זיך אַ שאָס, אַ צווייטער, אַ דריטער... און פון אונטערן בריקל אַרויס — אַן אויסגעצויגענער שאַרפער קוויטש, וואָס ווערט גלייך אָפּגעהאַקט... דער נאַצי־מערדער גלייכט זיך אויס מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער-הירזשעריי:

— קאַפּוט...

די צום טויט פאַרמשפּטע שורות גייען ווייטער. די האַלב-פאַר-

חלשטע שבעלע, ווי אַ פלאַנץ פון באָדן אַרויסגעריסן, דערשפּירט: דעם טאַטנס פינגער אַרום איר האַנטפּלאַך זענען שטייף און לויז געוואָרן... זי הייבט שוואַך אַרויף איר בליק צו זיין פּנים — זיינע ליפּן זענען ווי צוויי פּאַרגליווערטע גרויע שטיקלעך ליים... פרעגן שוין נישט: „מאַין יבוא עזרי?״... דער טאַטע טוט אַ פאַל, און עמעץ, אַ צווייטער, כאַפּט אָן איר האַנטפּלאַך און פירט זי ווייטער... ווער איז עס?... דער פּעטער אָשר דער קליינער... און ווו איז ביילקע?...

דאָס בילד פאַרשווינדט פון פאַר מיינע צוגעמאַכטע אויגן און לאָזט מיך איבער מיטן ווייטיק אין האַרצן: ווייווויי! זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ היפּשע צאָל דורות פאַרן נאַצישן טייוול, פאַרן אומקום, פאַרן אומדערהערטן בראַך פון אונדזער פאָלק. זין, טעכטער, און אייניקלעך זענען אומגעקומען אין ראַטנע, אין טריסק און אין קאַמען...

— אָבער... — שעפּטשע איך צו זיך, — זאָל גלייך קומען דער „נחמו, נחמו, עמי״ — טרייסט, טרייסט מיין פאָלק: זיי האָבן אויפגעשטעלט דורות אויך פאַר ארץ־ישׂראל. דאָ לעבן זייערע אַ זון, און אַ טאָכטער, און אייניקלעך, און אוראייניקלעך, וואָס איינס פון זיי טראָגט דעם נאָמען אַלון — אַ דעמב...

דער דעמב אין ישׂראל זאָגט אַ סך. ער זאָגט: „מיין עלטערזיידע, דער דעמב אויף דער זומפּיקער ערד פון פּאָלעסיע, איז געפאַלן אונטער דער האַק פון דעם צורר, אָבער זיין אוראייניקל, דער דעמב אויף דעם הייליקן באָדן פון ארץ־ישׂראל, אין וועלכן ער איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, פאַרוואָרצלט זיך און ווערט אייזנשטאַרק. זאָל קיין צוררס האַנט זיך נישט דערוועגן אויפצוהייבן קעגן אים זיין האַק! און וועט ער זיך דערוועגן, וועט זי אים אָפּגעהאַקט ווערן!״

איך זע מיט פאַרמאַכטע אויגן: דער פּעטער אָשר דער גרויסער און די מומע כאַסיע ברייינע קוקן אַראָפּ פון הימל אויף זייער אוראייניקל אַלון — דעם דעמב זייערן דאָ אין ארץ־ישׂראל. זייערע

ביידנס בלוי־פלעמלדיקע אויגן גיסן זיך צוזאַמען איבער זיין קעפּל און רעדן צו זיך אָן ווערטער:

— מיר האָבן עס נישט דערלעבט, — זאָגט דער פעטער אָשר דער גרויסער, — האָבן אָבער אַ טרייסט, כאַסיע בריינע...

— יאָ, אָשר, — ענטפערט אים די מומע כאַסיע בריינע, — מיר האָבן עס נישט דערלעבט, האָבן אָבער אַ טרייסט...

# ערב...

„...אַ וואָרט איז טייל מאָל ווי אַ זלידנע פליג, — איז טוביה גליִערן פאַרבייגעלאָפן אין געדאַנק און האָט זיך נישט ווילנדיק פאַרענדיקט מיט אַ גראַם אַפילו. — סע טשעפּעט זיך צו דיר צו און לאָזט דיך נישט צו רו".

דאָס איז געווען דאָס וואָרט ערב. דאָס וואָרט ערב אין זיינע ביידע טייטשן: ערב — צעמישעניש, און ערב — פאַר... דאָס ייִדישע לעבן היינט אין פאָלקס-פוילן איז צעמישע-ניש; צי איז עס אויך פאַר אַ נײַ לעבן אַ סאָציאַליסטיש לעבן ווי עס טענהט מיט אים איין זיין רחל?

מיט די דאָזיקע מחשבות, וואָס האָבן געהאַמעוועט זיין גאַנג, האָט גליִער ווי געציילט מיט די פיס די טרעפּ פון דער ייִדישער יוגנט-בורסע אויף פּראַנצישקאַנער-גאַס אין לאָדזש. ער האָט, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מענטשן אין זיינע יאָרן, אַ פופציקער שוין, און דערצו נאָך אַ פאַרטראַכטער, זיך אַראָפּגעלאָזט פון דריטן שטאָק געלאַסן, ווי מיט בלאָנדזשענדיקע טריט, האַלטנדיק זיך פאַרן דינעם הילצערנעם פאָרענטש. אַוודאי פאַסט ער זיך נישט אַהער, אין דער יוגנט-בורסע. ער ווױנט דאָ טאָקע נאָר צייטווייליק, סיי אין זכות פון זיין צווייט יונג ווייב די קאָמוניסטין-פאַרטיזאַנערין, סיי אין אייגע-נעם זכות, ווייל ער איז אַ שרייבער.

בחורים און מיידלעך, מיט צעשפּילטע לייכטע פיגורן און פרייע הענט, מיט גיכע און פלינקע טריט, האָבן אים, אויסמיידנדיק, אַרי-בערגעיאָגט טרעפּ-אַרויף און טרעפּ-אַראָפּ. ווער ס'איילט זיך אין עס-זאַל אַריין אויפן פרישטיק, ווער שוין אין זיין לערנאַנשטאַלט, אויף זיין פּאָסטן, אָדער אַרבעט. טייל רופן זיך איבער אַרויף און

אַראָפּ מיט העלע, קלינגענדיקע, צייטנווייז צו־הויכע, אַפּילו שרייענ־דיקע קולות אין פאַרשיידענע שפּראַכן: פּויליש, רוסיש, ייִדיש און אַפּילו העברעיִש.

זיי טומלען אַ ביסל איבער דער מאָס. ייִדישלעך. אָבער גלייִער האָט נישט דערפּאַר קיין פּאַראיבל אויף זיי — יוגנט! און וואָס שייך דעם בבל פון די לשונות, איז — הגם ווי אַ ייִדישן שרייבער איז עס אים ווייטיקלעך־פּאַרדריסלעך, וואָס די וועלכע דאַרפן זיין זיינע לייענער, לאָזן ייִדיש פאַרן עלטערן דור, — איז דאָך עס אָבער פאַרשטענדלעך און ממילא פאַרגעבלעך: פּויליש רעדן די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די פּאַשיסטישע נעגל אויף דער אַרישער זייט, ווו אַ ייִדיש וואָרט אין מויל איז געווען: אין האַרץ — אַ קויל, אָדער אין די וועלדער, ווו זיי האָבן געפּאַרטיזאַנעוועט, ווי זיין רחל אָדער געציילטע אין די טויטלאַגערן; רוסיש — די רעפּאַטריִירטע פון ראַטנפאַרבאַנד, געוועזענע אין אַ סביבה פון לויטער רוסיש־רעדנדיקע; העברעיִש — יענע, וואָס קלייבן זיך בשתיקה צו פאַר־לאָזן פּוילן, צו „יציאת־אייראָפּע", ווי דאָס הייסט אויף זייער לשון, און האָבן צו ייִדיש אַ ביטול־באַציִונג... גלייך ווי נישט מיטן דאָזיקן לשון זענען זייערע נאָענטסטע קדושים געגאַנגען אויף די פּאַשיס־טישע שייטערהויפנס... אָ, אויף די האָט שוין גלייִער גאָר אַ שטאַרקן פּאַראיבל.

...יאָ, ס'איז ע ר ב — צעמישונג.

פון אונטן, אין וואַכצימער, איז ער שטיין געבליבן און האָט אַן איבעריק מאָל באַטראַכט דאָס זעלביקע, וואָס ער זעט עטלעכע מאָל אין טאָג: הינטער אַ באַריער, לעבן אַ טישל, שטייט איינער פון די זיך טוישנדיקע וואַכלייט מיטן רויטן באַנד אויפן אַרבל, פאַרטוישט אַ וואָרט מיט דעם און יענעם בורסאַנט, גיט אָפּ איינעם דערהאַל־טענע פּאָסט, אָבער גלייכצייטיק איז זיין אויפמערקזאַמקייט קאָנ־צענטרירט אויף דער טיר אין דרויסן אַרויס: טאָמער קומט אַריין אַ פרעמדער...

איצטער, אויפן פרימאָרגן, האָט ער נישט, דער וואַכמאַן, די

ביקס העגנגען אויפן רימען איבערן אַקסל. אָבער דאָ איז זי, די ביקס. שטייט אָנגעלענט אויפן פענצטערברעטל, און איר שטיקע קוקט אַרויס דורך דער שויב אין דרויסן, ווי אַ וואָרנענדיקער פינ־גער אַ ייִדישן שׂונא...

אָט איז אַריינגעקומען — משמעות, נישט קיין בורסאַנט. דער וואַכמאַן שטעלט אים גלייך אָפּ:

— אייער פּאַס... צו ווענען?...

...ע ר ב — טוט גליִער נאָך אַ מאָל אַ טראַכט און גייט פאַרביי יענעם אַרויס.

גליִער ווערט באַגאַסן מיט זונליכט און בלייבט נאָכן אָפּגיין עט־לעכע טריט ווידער שטיין. קעגנאיבער איז די זון מיט גאָרנישט נישט פאַרשטעלט. סע שפּרייט זיך פאַרן בליק אַ פאַרוויסט-אָפּגעברענטער פּלאַץ מיט פליכעס פון ציגל, זאַמד און ליים. ערטערווייז הייבן זיי שוין אָן צו פאַרוואַקסן מיט שיטערלעכע בלאַס-גרינע גראָז-האָר און גרווילעכע קרייטעכצער... ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק זענען אויף דעם אָרט געשטאַנען ייִדישע קאַמעניצעס. ס'האָט געווימלט אין זיי ייִדיש לעבן. היינט, נאָכן מבול פון פייער און בלוט, העגנגט אי־בער זייער העסלעך גרוז-איבערבלייבעכץ אַ ליכטיקער בלויער הימל, און די זונשיין איז צעגאָסן איבער דעם מיט אַ זילבער-געשמעלץ, ווי אויף אַ בלוטיקן שפּאַס. און ווייטער אַרויף ציִען זיך גאַסן מיט שיריים פון מויערן-חורבות — מיט פאַרשיידנסטע אויסטערלישע פאַרזעענישן-געשטאַלטן...

גליִערס אויגווינקל פאַרכאַפּט נאָך דעם ראַנד פון יאַקובאַ-גאַס אויף רעכטס, וווּ עטלעכע מויערן זענען געבליבן ווי אַ שארית־הפליטה. ער ווענדט אַהין דעם קאָפּ. אַ באַוועגונג דאָרט פון ייִדישע רעעוואַקויִרטע פון ראַטנפאַרבאַנד. פון דאַנען וועלן זיי אַריבערגע־פירט ווערן קיין נידער- און אויבערשלעזיע. אָדער זיי וועלן זיך דאָ איינאָרדענען היימען נאָך די אַרויסגעטריבענע דייטשן, אָדער אַוועק־וואַנדערן קיין דייטשלאַנד אין די לאַגערן מיטן אויסקוק צו דער־שלאָגן זיך צו קרובים אין די ווייטע לענדער, וווהין דער ייִדישער

חורבן האָט נישט דערגרייכט. אַ גרויסער טייל וועט וואַרטן אויף דער ערשטער מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין ארץ-ישׂראל, ווּהין סע רופן זיי פון דער ערשטער מינוט, ווי נאָר זיי האָבן דאָ אין לאַנד געשטעלט די שלאַבערדיקע טריט, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די ארץ-שליחים... ווער פון זיי וועט טאָן דאָס גלייכסטע?

ס׳איז ע ר ב — צעמישעניש!

...מיין שוויגער איז דאָ געווען די גליקלעכסטע: פריִער עובר-בטל, דערנאָך געשטאָרבן פון אַ ראַק, און מיין נחמה האָט נאָך באַוויזן צו באַזאָרגן זי מיט אַ גרויער מצבה אויפן גענשער בית-עולם... לויט די צויטן פון ידיעות האָט מיין נחמה געאַרבעט ווי אַ שוועסטער אין ייִדישן שפּיטאָל אויף טשיסטע... געקעמפט פאַר אונדזער בן-יחידל, פאַר אונדזער חיימלען, מיט די לעצטע כּוחות פון אַ לעבעדיקער אַלמנה און... צוזאַמען מיט אים אַוועק קיין אָשוויענטשים... די מצבה אויף זייער אומבאַוווּסטן קבר איז דאָס בערגל גרוז פון דער קאַמעניצע אויף טוואַרדע-גאַס, ווּ מיר האָבן געוווינט — — —

*

אויף אָט דעם בערגל איז גליִער, ווען ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געזעסן אַ פאַרגליווערטער. האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַהער, אויפן גרוז פון זיין היים, געקומען נישט אַליין. איז געזעסן מיט אַ שטיקנדיקן שטריק אין גרגרת, אָן טרערן. ווי מיט טרוקענעם זאַמד אין די אויגן און ציגל-ברעקלעך אין דער ברוסט, שטאָט אַ האַרץ. ער וואָלט אפשר דעמאָלט געווען אין גאַנצן פאַרזאַמדיקט און פאַרציגלט געוואָרן אויפן אָרט. נאָר אויך זיין אַראָפּזינקענדיקן אַקסל האָט, קוים-קוים ער זאָל עס דערפילן, אַנידערגעלייגט איר האַנט דאָס ווילנער ווייבל, מיט וועלכער ער איז אַהער געקומען. רחל באַניל. זי איז געווען אַ פאַרטיזאַנערין, וואָס איז מיט אַן עראָפּלאַן געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע, און

גליִער האָט זיך מיט איר באַקאַנט אין יִדישן קאָמיטעט ביים פּאַר־איין פון פּוילישע פּאַטריאָטן.

— גליִער... פריינד גליִער, — האָט געשעפּטשעט איבער אים איר שטים, — איר האָט גאָרנישט פאַר מיר קיין טרייסטוואָרט?... כ׳האָב פאַרלוירן מיין געליבטן מאַן... און... אונדזער בת־יחידהלע... שׂרהלע...

דאָס האָט איר גרויסער בראָך געדאַרפט זיין אים אַ טרייסט אויף זיינעם.

גליִער האָט, נאָך אַלץ זיצנדיק, אויפגעהויבן צו איר די טרוקע־נע אויגן, צו דערזען אירע, די פאַרוויינטע. אָבער אויך זיי האָבן אין אים אַריינגעקוקט טרוקענע, גליִענדיקע און אַפילו שטרענגע, ווי מיט אַן אויסרייד אויף זיין שוואַכקייט. ס׳האָט אים מיט אַ מאָל פאַרפּלייצט און דורכגעשווענקט אַ געפיל פון בושה, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט. געגומען זי אונטערן אָרעם, האָט ער גלייך באַ־נומען: פון זייער ביזהיינטיקער פריינדשאַפט וועט ביי זיי אויפגיין אַ ניי לעבן!... אָט דאָ אין לאַנד טאָקע, וואָס... וואָס גייט אויף צו אַ ניי לעבן אויף די יִדישע חורבות — —

*

...יאָ. דער עיקר איז אַדאַנק רחלען נישטאָ אין מיין נשמה קיין ע ר ב — קיין צעמישעניש... דאָס לעבן איז גובר אַלע גרוילן... ווען מיין אומגעקומענע נחמה וואָלט ערשט קאָנען אַרויסרעדן צו מיר פון איר אומבאַוווסטן קבר, וואָלט זי מיר אַוודאי געשעפּטשעט אין אויער אַריין: „פאַרפאַלן, טוביה. אַזוי האָט געוואָלט דער גרויליקער גורל... נו־נו, זאָל זיין נישט דער גורל — דער פאַשיזם, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פון... און אַזוי ווייטער... סיי ווי. אָבער דו לעבסט דאָך אַדאַנק מיר. געדענקסט, ווי כ׳האָב דיך געטריבן ממש צו אַנט־לויפן? מיט זידלערייען אַפילו... איז געפין זשע היינט אין רחלען מיך — דיין נ ח מ ה... און חיימלען, אונדזער חיימלען, ווערסטו דאָך אַוודאי נישט פאַרגעסן, טוביה, דיכטער מיינער... זאָל ער האָבן אַ

ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל אויף דער וועלט... כאָטש פון איין טאָטן...".

...המ... אפשר טאַקע וועט אויפגיין מיין נחמהס אין רחלען — אַ ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל... איז דאָך שוין אַפילו פאַראַן אַ טרויעריק-צעשמייכלטער אָפּמאַך צווישן זיי: אויב אַ ייִנגל, וועט מען עס אַ נאָמען געבן נאָך איר אומגעקומענעם מאַן — מאירל, אויב אַ מיידעלע — נאָך זיין אומגעקומענעם ווייב — נחמהלע...

*

גליִער איז שוין געווען אינעם סאַמע געדיכטעניש פון דער ענגער ראַש-באַוועגלעכער פּיעטריקאָווער גאַס, ווו אין געוויסע שעהען דאַרף מען האַלטן קאָפּ, זיין געהיט נישט אָנצוטרעטן גראָב עמעצן אויף אַ הינעראויג, נישט אָנצושלאָגן זיך מיט עמעצן ברוסט צו ברוסט, ווי צוויי קופּליעס שוימענדיק ביר אין די הענט פון שיכּורים. ווי דאָ טוט אים עמעץ אַ צי ביים אַרבל:

— קומט, חבר גליִער. איר גייט דאָך אַוודאי אין פאַראיין. איך גיי אויך אַהין.

דאָס איז געווען הערשל וועגנאַזש, דער ייִדיש-העברעיִשער און ייִדיש-פּוילישער נייגעבאַקענער פּובליציסט, וואָס שרייבט וועגן זיך און אַנדערע ייִדן, גערעטעוועטע צווישן אַריער, און וועגן דעם לאַנד פון די אָבות, וואָס וועט ראַטעווען דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע ייִדישע פאָלק פון אונטערגאַנג; הערשל וועגנאַזש, מיט וועלכן ער האָט ביז היינט זעלטן פאַרטוישט עטלעכע ווערטער, כאָטש ער האָט אים פאַרגעדענקט פון מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק, ווען זיי האָבן געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה. צי יענער פאַרגעדענקט אים אויך נאָך זיינע טראַגיש-שווידערלעכע איבערלעבענישן אין נאַצישן גיהנום?...

ער איז ערשט אַפּנים, וועגנאַזש, אין אַ געהויבענער שטימונג, אויב ער האָט אים אַזוי היימיש אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם. זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט אין דער שטילערער נאַרוטאָוויטש-גאַס,

אין דער ריכטונג פון דעם פירשטאָקיקן מויער, אין וועלכן ס׳געפינט זיך דער שארית-הפליטה פון די יידישע שרייבער, די רעדאַקציע „דאָס נייע לעבן", אָרגאַן פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן, און אויפן הויף דאָרטן — די דרוקעריי פון דער צייטונג און אַלע פּאַרטיי-צייטונגען און צייטשריפטן, ווי אויך די מאַגאַזינען פונעם אָרטיקן יידישן קאָמיטעט.

אַ ווייל זענען זיי אַזוי געגאַנגען אין שווייגן, וואָס האָט גע-דריקט אויף גליזערן. יענער האָט אים איבערגעריסן די מחשבות, און כּל-זמן ער פילט אים דאָ דערנעבן, קאָן ער זיי נישט ווייטער שפּינען. ווי ווערט מען שוין זיינער פּטור!... נאָר באַלד האָט אים ווענגאָזש נאָך אַ מאָל רויבעריש אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און אָנגעהויבן רעדן וועגן זיך: ווי אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט אינעם פּאַשיסטישן גיהנום; ווי ער האָט זיך, נאָכן ביישפּיל פון דעם „נעים זמירות ישׂראל" — דוד המלך, געמאַכט פאַר אַ שטומען און משוגענעם פויער; ווי אַזוי ער איז לסוף געוואָרן אין אַ גאַליציאַ-נישן דאָרף אַ הייליקער ביי די אָרטיקע אוקראַינישע פויערים — אַ פּאָפּ, און האָט שטומערהייט געפּראַוועט די תּפילות אין קלוי-סטער...

כאָטש גליזער האָט שוין עפּעס וועגן דעם געהאַט געהאָרכט, האָט עס אים ערשט, הערנדיק פון זיין אייגענעם מויל, שטאַרק פאַר-טשיקאַוועט. געוואָרן פריינדלעכער אויפגעלייגט צו ווענגאָזשן, האָט ער זיך שוין מער נישט באַמיט אַרויסצוגנבענען זיין אָרעם פון יענעמס האַנט. נאָר אָט זענען זיי אַריינגעקומען אין דער טונקלקייט פון טויער. שטיינגעבליבן ביי דער טיר, ווו די שטיגן פירן אַרויף אין ליטעראַטן-פאַראיין, און באַפרייט פון ווענגאָזשעס האַנט, האָט שוין גליזער אים פאַרהאַלטן היימישלעך און אַפילו מיט אַ פריינדלעכן שמייכל:

— נו, און אונדזער סלאָבאָדקער ישיבה געדענקט איר נאָך, הערשל?

— סלאָבאָדקער ישיבה? — האָט זיך ווענגאָזש מיט אַ מאָל

אויסגעלאָשן, איז שטייף געוואָרן, און זיין רויט פּנים — פּויעריש־תּמעוואַטע. — סלאָבאָדקער ישיבה?

— און די ביבליאָטעק אין קאָוונע אויפן נאָמען פון דעם מחבר פון „אהבת ציון”, ווו מיר פלעגן זיך אַ מאָל טרעפן, ווי צוויי גנבים, נישט־אָפּגערעדטערהייט אויף איין אָרט? — האָט אים גליִער געמינטערט.

אָבער וועגנגאָזשעס שווייגן האָט אָנגעהאַלטן. זיין פּנים האָט גענומען שוואַך פלאַצן פון אַ פאַרבאָרגענער פּיין. נאָר גליִער, פאַרכאַפּט פון זכרונות וועגן סלאָבאָדקע, האָט עס נישט באַמערקט.

— און אונדזער ראָש־ישיבה, רב ברוך בערלען, דעם הייליקן פאַנאַטיקער, דעם האַרציקן מענטשן, וואָס ליטווישע פּויערים פלעגן צו אים קומען מיט בקשות און כאַפּן זיין האַנט צום קושן, געדענקט איר? און זיך אַליין אין יענע יאָרן געדענקט איר?... הערשעלע דרישקעפּאָליער — אַ קליין הערשעלע, אַ ייִנגל נאָך, מיט רויטע בעקעלעך, לעבעדיקע אַרומלויפנדיקע אייגעלעך אונטערן ראַנד פון אַ גרין קאַפּעליושל... מיט בלאַנדזשענדיקע פינקעלעך אין די אויגן, ווי בלאַנדזשענדיקע פייערלעך... איר שטייט מיר אַזוי אַ לעבעדיקער פאַר די אויגן... המ... בלויז אַ פּאַווע־פעדערל האָט אייך דעמאָלט געפעלט אינעם קאַפּעליושל אַריין, הערשעלע...

וועגנגאָזש האָט אים נאָך אַלץ געקוקט אין פּנים אַריין, ווי אין אַ בוך אויף אַן אומבאַקאַנט לשון, אין וועלכן מע פאַרשטייט קוים בלויז די אילוסטראַציעס. גליִער איז ענדלעך געוואָרן דערויף אויפמערקזאַם און האָט אַ טראַכט געטאָן: „ס׳איז ע ר ב — אַ צעמישעניש — ביי אים, אָדער ביי מיר?... איך האָב דאָך פאַרט נישט קיין טעות! ער איז דאָך ד ע ר, וואָס איך מיין און זאָג! וואָס זשע שפּילט ער דאָ פאַר מיר אַ פאַרשטעלטן פּאָפּ?!” — און ער האָט גערעדט ווייטער שוין מיט פאַראיבל אין טאָן:

— נו, און ווי דער ראָש־ישיבה האָט אייך איין מאָל אין אַ זוניקן פרימאָרגן, ביי זיך אין טונקעלן חדר, אויסגעשגצט אויף קולי־קולות דערפאַר, וואָס איר האָט, לויט אַ מסירה, געלייענט די

„הצפירה״ — געדענקט איר?... איר זענט דעמאָלט אַרויסגעלאָפן אין דעם נאָך טונקעלערן לאַנגן קאָרידאָר, ווי אַן אָפּגעשמיסענער פון באָד אַרויס, אַ פאַרשוויצטער, אויסגעפּרייעטער און רויט-פלאַ-מענדיק, אַזש ס׳איז ליכטיק געוואָרן ווי פון אַ קאָפּטשענדיקן נאָפּט-לאָמפּ... אָנגעשלאָגן זיך אין מיר, האָט איר מיך אַ פרעג געטאָן מלא-בושה און מיט אַ דורכגעטערערט קול: „איר שטייט שוין דאָ לאַנג, וואַרשעווער?...״ „ניין, — האָב איך אַרויסגעשטאַמלט אַ ליגן, וואָרום באמת האָב איך געהערט אַלץ, — ניין, די רגע בין איך אַריינגעקומען...״ — איר דערמאָנט זיך עס נישט, הערשעלע דריש-קעפּאָליער?

— לחלוטין גאָרנישט. — האָט ווענגאָזש ענדלעך אַ זאָג געטאָן מיט אַ הייזעריקלעכער שטים פון הוילן אָטעם. — אַלץ, וואָס מיט מיר איז געשען פאַר אונדזער גרויסן בראָך, מיין גאַנץ לעבן פון פאַר דער אָקופּאַציע, איז מיר אַרויסגעווישט געוואָרן, ווי שפּינוועבס, פון זכרון... המ... אפשר בין איך אין דער אמתן צייטנווייז געווען משוגע... אַ מין ע ר ב — אַ צעמישעניש אין די געהירן...

פון דרויסן האָט אַן אויטאָמאַשין צו ווייסן געגעבן וועגן זיך מיט אַ ווילד רעווענעש, אַז זי פאַרקערעוועט פונעם ברוק אַהער אין טויער אַריין.

— וואָס רעוועט זי אַזוי, די דייטשע חיה-רעה? — האָט זיך ווענגאָזש נערוועז פאַרקרימט.

די מאַשין האָט זיך באַוויזן פאַרן חלל פונעם טויער, ווי זי גלייבט זיך צו קאָנען אַריינפאָרן, און דערווייל ווייטער געדעוועט.

— איר זעט נישט? זי איז אָנגעטורעמט מיט קאַסטנס אַמע-ריקאַנער „שמאַטעס״ פאַר די קאָמיטעטישע מאַגאַזינען, רעוועט זי: „דרך-ארץ! דער רייכער פעטער פאָרט!״...

— מירן שוין רעדן אַן אַנדערש מאָל. — האָט ווענגאָזש איי-ליק אַ זאָג געטאָן און אַוועק, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן מחמת שרעק פאַרן אויטאָ, און שוין פון ווייטן געשריגן אויף צוריק. — כ׳אייל זיך אין דער דרוקעריי. מע שטעלט היינט די „אָפּיניע״, אַ גוטן...

די מאַשין האָט אים שוין טאַקע ווי נאָכגעיאָגט. גליִער איז אַרויף אויף די שטיגן אַ צעמישטער: הערשעלע דרישקעפּאָליער — דאָס סלאָבאָדקער ישיבה-בחורל, וואָס איז אַרויס לתּרבות-רעה — אַ פּראַוואָסלאַוונער פּאָפּ — אַ פאַרשטעלטער, צי אַן אמתער משו-גענער — און געדענקט נישט זיך אַליין... ע ר ב — צעמישעניש, תּוהו-ובוהו...

מיט בלאָנדזשענדיקע טריט האָט ער זיך געלאָזט אַרויף צום פערטן שטאָק, אין פאַראיין.

*

אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל, ווו ס'קומען פאָר די פאָרלייע-נונגען פון די שרייבער און די אָפטע קבלת-פּנימס פאַר די אַמע-ריקאַנישע און ארץ-ישׂראלדיקע געסט מיט די סעודות פון ווייִנען, פּרוכטן און זיסוואַרג, — האָט טוביה גליִער אין דער איצטיקער פריִער שעה קיינעם נישט געטראָפן. אויפן באַלקאָן אין גאַס אַריין איז געשטאַנען זיין פריינד, דער דיכטער שאַיע זאַאַף, האָט גע-רייכערט אַ פּאַפּיראָס אַזוי פאַרטאָן, אַז ער האָט אים נישט געהערט אַריינקומען.

אין זאַל דאָ איצטער, ווען ס'האָט אַריינגעשיינט די גאָלדיקע שיין פון דער יונגער זון, איז געווען שטיל און וואָכעדיק-שטויביק. אַ מאָדנע שטילקייט, ווי אַ פאַרבאָרגענע אין די ווענט, אין דער פּאָדלאָגע און סופיט. אָבער ס'האָט זיך געלויכטן דאָס קעסטל פונעם ראַדיאָ, און זיין געזאַנג אַ נאַרישס, ווייל אַן אומזיסטיקס, פון קיי-נעם נישט געהאָרכט, האָט אויסגעפילט מיט זיך דעם חלל. אויף די פאַנאַנדערגערוקטע טישלעך זענען אין אומאָרדענונג געווען אָנ-געוואָרפן שטויסן ייִדישע און העברעיִשע צייטונגען און זשורנאַלן פון גאָר דער וועלט, וואָס זייער גרעסטער טייל האָט, יאָמערנדיק אויפן ייִדישן חורבן אין פּוילן, גערופן דער שארית-הפּליטה צו פאַרלאָזן די „היימען", וואָס וועלן קיין מאָל דאָך קיין היימען נישט ווערן... ס'זענען דאָ אויך געלעגן די אָרטיקע אָרגאַנען פון דעם

גאַנצן פּאַרטיי-פּעבער, וועלכע האָבן אויך, מיטן אויסנאַם פונעם „נייעם לעבן", געטאָן דאָס נעמלעכע אויף אַ פאַרשטעלטן אופן.

פונעם דערבײַיִקן סעקרעטאַריאַט-צימער האָט זיך דורך דער אָפּגעשלאָסענער טיר דערטראָגן אַהער אַ געטומל און פּאַרעניש; פון צייט צו צייט — שטימען פון פּרויען, וואָס זייערע ווערטער זענען פאַרשטומט געוואָרן אין דער וואַנט. דאָס אַלץ האָט זיך אַריינגעזאַפּט דאָ אין דער מוזיק פונעם ראַדיאָ... אפשר טאַקע איז ער צוליב דעם אַנגעשטעלט געוואָרן?...

גליִער איז צוגעגאַנגען צו אַ טישל, צו נעמען בלעטערן די צייטונגען. האָט זיך דאָס טישל געטאָן אַ רוק, און אַ ראַץ די שטיל-קייט אין די ווענט און די מוזיק אין חלל. אויפן באַלקאָן האָט זאַאַף אַ דריי געטאָן אַהער דעם קאָפּ און אים באַמערקט. און, ווי בלויז אויף אים טאַקע דאָ געוואַרט, אַ וואָרף געטאָן דאָס קאַרדאָנדל פונעם אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס און זיך האַסטיק אַ לאָז צו אים:

— גוט מאָרגן, טוביה!

און גלייך אַנגעקניפּט צום איבערגעריסענעם פאָדעם פון זייערן אַ שמועס מיט עטלעכע טעג פריִער. ווי די פאַרגאַנגענע טעג וואָלטן נישט עקסיסטירט. און מיט אַ פּאָר סעקונדן שפּעטער אים שוין גע-שמיסן מיט די ריטער פון דער הייליקער שטראָף-תּאווה פון די אַמאָליקע נאָוואַרדיקער מוסרניקעס:

— אַז וואָס פּאַר אַ רעכט האָסטו, טוביה, וועגן זיי צו רעדן? אויב דו קומסט נישט אין זייערע לאָקאַלן, איז וואָס ווייסטו און וואָס קאָנסטו וויסן?... דער האָן, וואָס קוקט אַפילו נישט אַריין אי-נעם „בני-אָדם", קאָן דאָך אַוודאי נישט וויסן, וואָס אין אים שטייט! במחילה מכבודך, אַז דו קאָנסט נישט זאָגן: „אני הגבר ראיתי"... איך, דער האָן, האָב געזען, איז וואָס קאָנסטו וויסן וועגן די אויפ-טוען פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן היינט צו טאָג? וואָס קאָנסטו וויסן וועגן דער הייליקער מסירת-נפשדיקער טעטי-קייט פון די ארץ-ישׂראל-שליחים?... סאָראַ ייִדן מיט ליכטיקע

נשמות זענען פאַראַן צווישן זיי!... יונגע מענטשן האָבן איבערגע-לאָזט די אייגענע היים, ווייב און קינד, זייער היימלאַנד — ארץ מכורתם — פאַראַן צווישן זיי סאַבּרעס אויך, און זענען געקומען אַהער, וווּ זייער לעבן איז, ווי די מעשׂה זאָל נישט זיין, נישט אין גאַנצן מחוץ סכנה... ביי נאַכט גייען זיי אין גאַס מיט אַ רעוואָלווער אין קעשענע און... דו ווייסט וואָס זיי טוען די יונגעלייט, די בחירי-העם?... אַ געזונט זיי אין יעדן אבר!... אויב זיי קאָנען נישט פּועל זיין מיט דמים — משמע געלט, שטעלן זיי איין זייער דמים — פּשוטו-כּמשמעו בלוט... שטעלן איין זייערע יונגע לעבנס אַרויסצו-גנבענען יידישע קינדערלער, אַברהמעלער און שׂרהלער, אָפּגעראַ-טעוועטע אין די קלויסטערס און מאָנאַסטירן... ראַטעווען אַרויס זייערע נשמהלער צוזאַמען מיט די גופימלער פאַרן יידישן פאָלק!... נעם, טוביה, און דערגרונטעווע עס, ווי אַ יידישער דיכטער, עד היסוד!...

ער האָט גערעדט, שאַיע זאַאַף, מיט שפּריצלדיקן שוים פון די דינע ליפּן, וועלכע ער האָט פון מאָל צו מאָל פאַרביטן מיט די שאַרפע ציין. ווי ער וואָלט מיט זיי, מיט די ציין, געגעבן אָנצוהע-רעניש, אָנגעשראָקן, אַז אָט אָט וועט ער אַלע ווידערשפּעניקע, און טוביהן בתוכם, צעבייסן און צערייסן. פון זיין קורצער, פּעטער נאָז מיט די פלאַטערדיקע נאָזפליגעלער האָט געשלאָגן אַ הייסער אָטעם. זיינע קליינע אָבער העלע אויגן און דאָס גאַנצע מאַטע פּנים האָבן געגליט אין אייגענער היץ פון אינעווייניק אַרויס. זיין הויכער, לומ-דישער שטערן מיטן פּריצייטיקן פליך האָט זיך געפּאַליעט אין ליכט און שאָטן; זיין — ליכט, דעם קעגנערס — שאָטן. זיין נידעריקער, נאָר פעסטפלייציקער גוף איז ווי אַרויפגעוואַקסן פאַר די אויגן. ס'האָט זיך ווי עפּעס אַ מעכטיקע זאַך געוואָרפן אין אים. ער האָט געוואָרפן מיט די הענט, מיט אַלע גלידער. איז, דאַכט זיך, אונטער-געשפּרונגען. ווי זיין צעקאָכטן בלוט, דעם גאַנצן געביין זיינעם וואָלט ענג געוואָרן אין די מלבושים, אין דער הויט און רייסן זיך, פון זיי אַרויסצושפּרינגען.

...נישט אומזיסט, — האָט גליִער אַ טראַכט געטאָן, — פאַר-גלייכן אים די ציוניסטן צו ביאַליקן.

אַזאַ איז ער, דער דיכטער זאַאַף, סיי אין זיין דיכטונג, סיי אין לעבן. גליִער האָט זיך ערשט געשפּיגלט אין אים גופא, ווי ער שפּיגלט זיך אין זיין דיכטונג. ער האָט אים ליב, זאַאַפן. ער שלאָגט אים דע-ריבער נישט איבער. לאָזט אים זיך אויסברויזן, אויסהיצן און אויס-שוויצן. ערשט ווען זאַאַף האָט זיך, דאַכט זיך, אַ ביסל אָפּגעקילט, האָט גליִער אָנגעהויבן איינגעהאַלטן-געלאַסן:

— שאַיע, איך צווייפל נישט, אַז צווישן די ארץ-ישׂראל-שלי-חים זענען פאַראַן ערלעכע און הערלעכע מענטשן. אָבער... שלאָג מיר נישט איבער, כ׳בעט דיך. גראָד... קען איך דאָ איינעם פון זיי זייער גוט, ער איז אַ וואַרשעווער. איז ער איינער גענוג צו פאַר-שטעלן פאַר מיר אַלע די שליחים, וועגן וועלכע דו רעדסט...

— איך מוז דיר, טוביה, איבערשלאָגן! אויף דיר קאָן מען נישט זאָגן: „כּשמו כּן הוא״ — ביסט שוין גאָרנישט אַזעלכער... אַברהם האָט געוואָלט צוליב איין צדיק ראַטעווען סדום, און דו — צוליב איין... און וואָס פאַר אַ רישעות האָט דען דער איינער דיינער געטאָן?

— מ׳האָט אים אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער האָט געאַרבעט מיט מיר צוזאַמען, חושד געווען אין באַגנבענען דעם שפּייזמאַגאַזין... און היינט איז ער אַ שליח!...

— דו רעדסט רכילות, טוביה! — האָט זאַאַף אויסגעשאָסן. — גייסט אין דיין פּרויס וועגן...

— שאַיע! — האָט אַ רוף געטאָן אַ קלינגענדיקע, ווייכע מיידל-שטימע פון דער סעקרעטאַריאַט-טיר, וועלכע ווערט אויסגעשלאָסן פאַר אַזעלכע מיוחסים ווי שאַיע זאַאַפס פרוי.

דער אויסדרוק פון צאָרן אויף זאַאַפס פּנים האָט זיך גלייך גע-ביטן אויף אַן אויסדרוק פון ליידן און איבלדיקייט. זיין גוף האָט זיך ווי איינגעשרומפּן. און ער האָט זיך, ווי געצויגן מיט אַ זיידן שטריקל פון זיין פּרויס רוף, געלאָזט געצווונגען אַהינצו.

...אַהאַ! — האָט זיך גליִער געכאַפּט. — ס'קומט דאָרט ערשט אַוודאי פאַר די חלוקה פון די דזשאַינטישע קליידער-צוטיילונג פאַר די פרויען פון די שרייבער... די קאַנדידאַטן אַרויסצופאָרן... — און ער האָט מיט שטאָלץ איבערגעחזרט אין געדאַנק, וואָס זיין רחל האָט אים געזאָגט מיט אַ וואָך צוריק, פאַר איר אַוועקגיין אין קאָמיטעט אויף דער אַרבעט: „און דו, טוביה, לאָז צו רו מיט די „שמאַטעס". סע פּאַסט נישט פאַר קיין שרייבער, פאַר קיין „נשמה-אינזשעניר"... איך ווידער שעם זיך נישט מיט מיין פּאַרטיזאַנישער קליידונג. סע שמעקט נישט גוט פון די אַמעריקאַנער טראַנטעס... דו פילסט עס דען אַליין נישט?".

...דערפאַר,— טראַכט גליִער ווייטער, — האָט זאַאַף באַקומען אַזאַ פּנים, ווען זיין יונגע פרוי האָט אים אַהינגערופן... שאַיע, ישעיה הנביא איז געגאַנגען אונטערטראָגן זיין אשת-חיל די בעטל-קליידער. ניין, ער, שאַיע, האָט אין דער צווייטער נישט געפונען קיין נחמה נאָך דער ערשטער. כאָטש (און אפשר טאָקע דערפאַר?...) ער גייט איר נאָך, ווי אַ... און ס'איז אַזאַ שאָד!... זיין פערזענלעכער בראָך — דער אומקום פון זיין געטרייער ווייב, אַ פאַרגאַנגענע אין טראָגן, און דער בראָך פונעם פאָלק האָבן אים, כאָטש אַ דעמב, איינגעבראָכן... גיי האָב אויף אים פאַראיבל, אויפן געוועזענעם נאָוואַרדיקער מוסרניק! דער מוסר איז אים קאַפּויער געקומען, און ס'איז ביי אים געוואָרן אַן ערב — אַ צעמישעניש אין דער דיכטערישער נשמה.

גליִער האָט זיך דערמאָנט: אין מאָסקווע האָט אים איין מאָל זאַאַף אַ זאָג געטאָן אין פאַרצווייפלונג, מיט אַ פינצטער פּנים, ווי אַ כמאַרע: „מיר דאַכט זיך צייטנווייז, טוביה, אַז איך דאַרף טאָן דאָס אייגענע, וואָס דער נביא הושע — נעמען אַן „אשת-זנונים", אַ היטלער-מויד אויף צו להכעיס דעם „יושב בסתר", וואָס האָט זיך צו דעם אַלץ פון זיין „בסתר" צוגעקוקט גלייכגילטיק, מיט אַ געטלעך ווייס לעבערל...".

...דער מיין פון אָט דעם נביאיש-צאָרנדיקן זאָג זיינעם איז אים,

טוביהן, דעמאָלט נישט גאָר קלאָר געווען. צי האָט ע ר אַליין אים פאַרשטאַנען? אָבער זיין פאַרצווייפלונג, אַזאַ באַשיימפּערלעכע, אַזאַ אַנטאַפּעוודיקע, האָט ווי אַ שוואַרצע קראַ געפּיקט לעבעדיקע שטיקער פון האַרצן.

גליַער איז אַן אויפגעטראָגענער אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן, וווּ פריִער איז זאַאַף געשטאַנען. האָט אַריבערגעפירט אַ בלאַנדזשענדיקן בליק איבער די דעכער פון דער שטאָט. דאָ און דאָרטן רייכערן זיך פאַבריק-קוימענס. דאָ און דאָרטן קרייזן טויבן-וואָלקנדלעך אין דער לופט, דרייען זיך איבער, ווי זילבערנע פּעכערס, אינעם בלוי. זיין בליק האָט זיך מיט איינעם אַזאַ פּעכער אַראָפּגעלאָזט אויף די גרינע ביימער-קרוינען פון דעם י ִ ד י ש ן פּאַרק דאָ נישט ווייט, קעגנאיבער דער גרויסער פּרץ-שול... איבער די אַלייען פון פּאַרק שפּאַצירן איצט יונגע ייִדישע מאַמעס מיט זייערע עופעלעך אין די וועגעלעך... ס׳איז אַ גערעטעניש, שמועסט מען, הייניטיקס יאָר אַפילו אויף צווילינגס! וועט מען דען אַניאָגן דעם מיליאָן אומגעבראַכטע קינדער?!...

ביסלעכווייז האָט זיך גליַער, אַנגעשפּאַרט אויפן שטיינערנעם פּאַרענטש פון באַלקאָן, באַרויִקט. זיין בליק איז ווידער געפאַנגען געוואָרן פון אַ זילבערנעם טויבן-פּעכער, וואָס האָט זיך פלאַטערנדיק אַ טראָג געטאָן פונעם פּאַרק איבער די גאָלדענע קופּאָלן פון פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער אין דער ריכטונג פון פאַבריטשנע וואָקזאַל. פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַ לעבעדיקער, האַפערדיקער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו. און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, גליַער, בעת פאַר זיינע אויגן האָבן געשווינדלט צוויי געשטאַלטן: רחלס און שאַיע זאַאַפס:

...יאָ. אַ ניי לעבן גייט אויף... ס׳איז ע ר ב — אַ צעמישעניש, אָבער אויך — ע ר ב: פּאַר... פּאַר אַ גערעטעניש... נאָר ווו? דאָ אין פּוילן, אויף די ייִדישע חורבות, ווי סע מיינט מיין רחל... אָדער דאָרט, אין ארץ-ישׂראל, ווי עס זאָגט שאַיע זאַאַף?...

לאָדזש, 1946

# ווער האָט געווּנען דעם פּאַרמעסט?

די יונגע לערערין שאַפּיראָ איז אַרייַנגעקומען אין קלאַס, ווי אַלע מאָל, מיט אַ פריילעכן פּנים. ווי אַלע מאָל, האָבן זיך די קינדער אויפגעשטעלט פון די ערטער צופרידענע און צעשמייכלטע.

די לערערין האָט, ווי אַלע מאָל, אַ זאָג געטאָן מיט אַ קלינגעווּ-דיקער און וואַרעמער שטים:

— גוט מאָרגן, קינדער!

די קינדער האָבן איר, ווי אַלע מאָל, אָפּגעענטפערט מיט אַ פריילעכן כאָר:

— גוט מאָרגן, לערע...

נאָר דאָס לעצטע וואָרט נישט פאַרענדיקט. זיי האָבן זיך גע-כאַפּט, אַז אמת דער לערערינס פּנים איז טאַקע פריילעך, אָבער די שטענדיקע פריילעכע פינקעלעך אין אירע אויגן זענען היינט עפּעס נישטאָ. עס מוז עפּעס זיין! איצט איז די פריילעכקייט פון איר פּנים פאַרשווּנדן.

— זעצט זיך, קינדער, — האָט די לערערין אַ זאָג געטאָן און גענומען אויסרופן זייערע נעמען און פאַמיליע-נעמען פונעם שול-זשורנאַל לויט דער ריי.

— רבקהלע רובין, — האָט זיך די לערערין שוין דערנענטערט צום סוף.

— דאָ!

— שלוימקע שרייער, — און די לערערין האָט פאַרמאַכט דעם זשורנאַל.

— דאָ!

— און פאַר וואָס האָט די לערערין נישט אויסגערופן שׂרהלע

שטילערמאַן? — האָט רבקהלע געפּרעגט פֿאַרחידושט, וואָס דער גאַנצער קלאַס האָט געוואָלט פרעגן, און זי האָט אויסגעפירט אַ ביסל בייזוויליק, ווי זי וואָלט שׂרהלען פֿאַרמסרט: זי פעלט גראָד...

— איך ווייס, אַז שׂרהלע פעלט, — האָט די לערערין געענט-פערט אומעטיקלעך: ס'איז געווען אַ טעלעפאָן פון איר היים: זי איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, און מ'האָט זי גענומען אין שפּיטאָל.

אין קלאַס איז געוואָרן אַזוי שטיל, מיט אַזאַ געדיכטער שטיל-קייט, אַז ס'איז אַזש ענג געוואָרן.

די לערערין האָט נישט אַוועקגענומען דעם בליק פון די קינ-דערס פּנימער. זי האָט מיט אים געפֿאָרשט, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק ס'האָט אויף זיי געמאַכט דער חברטעס קראַנק ווערן. אויף די קינ-דערס פּנימער איז געהאָנגען אַ בשותּפותדיקער אומעט, ווי אַ נעפּל. בלויז די אויגן זענען נישט ביי אַלע געווען אַלצאיינס: ביי אייניקע זענען זיי געשטאַנען, ווי פֿאַרגליווערט פון עגמת-נפש; ביי אַנ-דערע — אַרומגעבלאָנדזשעט, ווי זיי וואָלטן געזוכט הילף פֿאַר דער קראַנקער חברטע; ביי אייניקע — אַראָפּגעלאָזט, ווי פֿאַרשולדיקט, וואָס שׂרהלע איז קראַנק געוואָרן.

די לערערין איז אין האַרץ צופרידן געווען, וואָס די קינדער נעמען זיך אַזוי איבער מיט שׂרהלעס קראַנק ווערן, און איר פֿאַר-שווונדענע פרייליכקייט האָט זיך ווידער באַוויזן אויף איר יונג פּנים.

— און דו, רבקהלע, ביסט גאָר רויט געוואָרן! — האָט זי אָנ-געשטעלט איר פֿאָרשנדיקן בליק אויף איר: ס'איז טאַקע נישט שיין צו טראַכטן שלעכט וועגן אַ חברטע, וואָס איז פֿאַר דער גאַנצער צייט דאָס ערשטע מאָל אין שול נישט געקומען... אַז שׂרהלע וועט געזונט ווערן, וועסטו זי דאַרפן איבערבעטן.

אין דעם מאָמענט האָט די לערערין באַמערקט מיט פֿאַרוווּנ-דערונג, אַז אויך שלוימקע שרייער, שׂרהלעס בעסטער חבר, איז רויט געוואָרן. פֿאַר וואָס? זי האָט חשק געהאַט, עס אים איבער-פרעגן. אָבער — די לעקציע וואַרט, און די צייט שטייט נישט.

— נו, קינדער, — האָט זי אַ זאָג געטאָן: מיר הייבן אָן.

און די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן און איז אַוועק מיט איר געוויינלעכן גאַנג, גלייך ווי אין קלאַס וואָלט גאָרנישט געפעלט קיין שילערין, וואָס איז קראַנק און ליגט אין שפּיטאָל. גלייך ווי קיינער טראַכט שוין גאָרנישט וועגן איר.

אַזוי האָט זיך אויסגעדאַכט. אין דער אמתן אָבער איז חוץ דער לערערין נאָך איינער, וואָס די קראַנקע שׂרהלע איז אים נישט אַרויס פון זינען, — טאַקע שלוימקע שרייער. אין משך פון דער לעקציע איז ער נישט איין מאָל נאָך רויט געוואָרן, כאָטש קיינער האָט אים נישט פאַרשעמט.

*

די קראַנק געוואָרענע שׂרהלע שטילערמאַן האָט דער קלאַס גערופן „שאַ-שאַ" לויט די ערשטע אותיות פון איר נאָמען און פאַ-מיליע-נאָמען און לויט איר שטיל האַלטן זיך. זי איז געווען זייער אַ פעיִקע שילערין, אַ פאָרויסגייערין אין דער לערע. דער שטאָלץ פו-נעם דריטן קלאַס. אָבער זי איז נישט געווען די איינציקע. שלוימקע שרייער, אַ פריילעך און תּמיד שטיפעריש ייִנגל, איז אויך געווען זייער אַ פעיִקער און אויך אַ פאָרויסגייער אין דער לערע. דער צווייטער שטאָלץ פונעם דריטן קלאַס. אים האָט דער קלאַס גערופן „שאַ-שאַ דער שרייער". שׂרהלע שטילערמאַן און שלוימקע שרייער — „שאַ-שאַ" און „שאַ-שאַ דער שרייער" — זענען גלייך פון אָנ-הייב שול-יאָר געגאַנגען אין אַ פאַרמעסט, ווער וועמען ס'וועט אי-בעריאָגן.

די פאַרמעסטלער האָבן צווישן זיך געלעבט אין חברשאַפט און פריינדשאַפט. האָבן זיך תּמיד געהאַלטן צוזאַמען. שלוימקע פלעגט זיך איינשטעלן פאַר שׂרהלען, אויב עמעצער האָט זי פאַרטשעפּעט. זיי פלעגן אַפילו גיין אַ שטיק וועג צוזאַמען אַהיים. נאָר אין זייער פאַרמעסט זענען זיי געווען פאַרביסן, ווי זיי וואָלטן זיך, חלילה, גע-ווען די גרעסטע שׂונאים. יעדער איינער איז איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז איבעריאָגן, אַז ער מוז געווינען דעם פאַרמעסט.

איז אָט — ווען שלוימקע האָט דערהערט פון דער לערערין, אַז שׂרהלע איז קראַנק געוואָרן, איז זיין ערשטער געדאַנק געווען: „נו, ערשט וועט זי מיך שוין נישט איבעריאָגן!...״; כאָטש איינציייטיק איז זיין ערשטער געפיל געווען: „אוי!... אַ שאָד!... אַזאַ גוטע חברטע, שאַ-שאַ!...״. און ער איז געווען, שלוימקע, ווי צעמישט. ווי זיין נישט-פיינער געדאַנק וואָלט זיך אין אים געשטויסן מיט זיין שיין געפיל. און אַז די לערערין האָט פירגעהאַלטן רבקהלע רובין, פאַר וואָס זי האָט שלעכט געטראַכט וועגן שׂרהלען, האָט ער זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר זיין ערשטן נישט פיינעם געדאַנק: „נו, ערשט וועט זי מיך שוין נישט איבעריאָגן!...״, און איז רויט געוואָרן.

*

ס׳איז אַריבער אַ וואָך און נאָך אַ וואָך. די לערע אין קלאַס איז געגאַנגען פאָרויס. נאָר דאָס אָרט אויף דער שול-באַנק, וווּ שׂרהלע שטילערמאַן איז געזעסן, איז נאָך אַלץ ליידיק געווען. די דאָזיקע ליידיקייט האָט אָן אויפהער דערמאָנט: שׂרהלע שטילערמאַן ליגט נאָך אַלץ אין שפּיטאָל; שׂרהלע לערנט נישט; שׂרהלע וועט בלייבן הינטערשטעליק; „שאַ-שאַ״ וועט שוין נישט זיין קיין פאָרויסגייע-רין אין דער לערע!

ווען ס׳פלעגט אַ מאָל ווערן אַ צו שטאַרקער טומל אין קלאַס, און עמעץ האָט אים געגומען איינשטילן מיט אַ „שטילער! שאַ!״, האָבן זיך אַלע קינדער גלייך דערמאָנט אין דער קראַנקער „שאַ-שאַ״. די קינדער פלעגן אָפט רעדן צווישן זיך וועגן שׂרהלען און זי באַדויערט. זיי האָבן זיך דערוווּסט פון דער לערערין שאַפּיראָ, אין וועלכן שפּיטאָל זי ליגט. אייניקע וואָלטן גערן געגאַנגען צו איר זי מבקר-חולה זיין, דערציילן איר, וואָס אין קלאַס קומט פאָר. אָבער וואָס קומט אַרויס! אַז צו אַזעלכע קראַנקע לאָזט מען אַפילו נישט צו! אַזוי האָט זיי פאַרזיכערט די לערערין. אַזוי האָט זיי אויך איין מאָל געזאָגט אויף זיכער „שאַ-שאַ דער שרייער״, שלוימקע.

— אַקוראַט ווי ער וואָלט דאָרט אַליין געווען, און מ׳האָט אים נישט אַריינגעלאָזט, — האָט עמעצער געלאַכט פון אים.

די קינדער איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז אַזוי איז עס טאַקע געווען. שלוימקע איז איין מאָל אויף אַן אמת געווען ביי דער טיר פון דער שפּיטאָל-אָפּטיילונג פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. ער האָט זיך אַפילו שטאַרק געבעטן ביים שווייצער-סאַניטאַר, וואָס אין אַ ווייסן כאַלאַט, ער זאָל אים אַריינלאָזן כאָטש אויף אַ מינוטקע-לע צו זיין קראַנק „שוועסטערל”, צו זען וואָס זי מאַכט. אָבער דער שווייצער איז קאַלט געבליבן צו זיינע בקשות, ווי זיין ווייסער, קאַל-טער כאַלאַט, און האָט ברוגז געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין:

— דאָס איז שטרענג פאַרבאָטן, ייִנגל!

ערשט אַז שלוימקע האָט גענומען זיך פּאַמעלעך אַוועקרוקן פון אים, האָט ער צו אים אַ שמייכל געטאָן:

— אַז דיין שוועסטערל וועט געזונט ווערן, וועט זי אַליין קומען צו דיר זאָגן, וואָס זי מאַכט.

— אויף שׂרהלע שטילערמאַנס אָרט איז נאָך אַלץ שאַ און שאַ!

— האָט איר באַנק-שכן געזאָגט מיט אַן אומעטיקן טאָן.

*

ווידער איז אַוועק אַ וואָך נאָך אַ וואָך. שוין צוויי חדשים זינט שׂרהלע פעלט אין קלאַס. ווי איין מאָל אין דער פרי איז די לערערין שאַפּיראָ אַריינגעקומען אין קלאַס מיט אַ פּנים פריילעכער, ווי אַלע מאָל, און אַ זאָג געטאָן מיט איר קלינגעוודיקער שטים:

— גוט מאָרגן, קינדער!

ווי אַלע מאָל, האָבן די קינדער, שטייענדיק גלייך, ווי ווירעס, געענטפערט מיט אַ צעשמייכלטן און פריילעכן כאָר:

— גוט מאָרגן, לערערין!

אין דער לערערינס אויגן האָבן זיך דאָס מאָל שטאַרקער ווי אַלע מאָל געלויכטן די פריילעכע פינקעלער, און זי האָט פּאַמעלעך גענומען עפענען דעם שול-זשורנאַל.

— די לערערין איז היינט גוט געשטימט! — האָט אויסגערופן רבקהלע רובין: די לערערין האָט אַוודאי גוטע נייס!

— ריכטיק, רבקהלע, — האָט די לערערין פריילעך באַשטע-טיקט: אַ סך גוטע נייס... יאָ. שׂרהלע שטילערמאַן איז שוין אויסגע-שריבן פון שפּיטאָל. מאָרגן-איבערמאָרגן וועט זי שוין מסתּם קומען אין שול.

די קינדער האָבן זיך דערפרייט. זיי האָבן געוואָלט אָנהייבן רעדן וועגן דער דאָזיקער פריילעכער ידיעה, נאָר די לערערין האָט זיי איינגעשטילט און גענומען אויסרופן זייערע נעמען און פאַמי-ליע-נעמען פון זשורנאַל אַרויס. אַלע זענען דאָ. נאָר זי האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן דעם זשורנאַל, ווי ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר.

אויף דער לערערינס „ביטע!" האָט זיך די טיר געעפנט און אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין מיט אַ שטילן „גוט-מאָרגן!" אַ מיידעלע מיט אַן אָפּגעשוירן קעפּל, ווי אַ ייִנגל, מיט אַ בלאַס צעשמייכלט פּנימל און שוואַרצע גלייִנדיקע אויגן. אויפן ערשטן אויגנבליק — אַ פרעמד מיידעלע. אָבער אַלע האָבן זי גלייך דער-קענט:

— אוי, ס׳איז דאָך אונדזער „שאַ-שאַ"!

נאָכן דאָזיקן שאַ-שאַ האָט אין קלאַס אויפגעהילכט אַ פריילעך פּאַטשעריי פון קינדערישע הענט. שׂרהלע איז פון גערירטקייט גע-שטאַנען ווי צוגעשמידט צו דער שוועל.

— קום אַריין, שׂרהלע! — האָט די לערערין אַ רוף געטאָן מיט איר קלינגעוודיקער און וואַרעמער שטים, און איז איר אַקעגנגע-גאַנגען.

אין קלאַס איז ווידער שטיל געוואָרן, ווי בעת אַ לעקציע. ערשט איצט האָט זיך שׂרהלע אַ לאָז געטאָן צו דער לערערין שאַפּיראָ מיט אויסגעשטרעקטע הענט — זי איז דעם ערשטן טאָג אין שול אַריין געקומען אָן דער טעקע.

די לערערין האָט זי אַרומגענומען, אַריינגעקוקט איר ליבלער

אין די אויגן, אַ קוש געטאָן אין דעם אָפּגעשווירעגעם קעפּל און זיך צעלאַכט:

— איר זעט, קינדער, אַ פּאַרויסגייערין אין דער לערע בלייבט תּמיד אַ פּאַרויסגייערין. מיר האָבן זיך געריכט אויף איר מאָרגן-איבערמאָרגן, און זי איז געקומען היינט, שוין! אָבער... זעצט זיך, קינדער. זעץ זיך, שׂרהלע, אויף דיין שטענדיק אָרט. מע קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן אויף דיר.

— קינדער, — האָט די לערערין באַקומען אַן ערנסט פּנים און איבערגעגאַנגען אויף אַן ערנסטן טאָן, — היינט וועלן מיר האָבן אַ שמועס וועגן דעם טייערסטן און געליבטסטן מענטשן אין אונדזער לאַנד... ווער שטויסט זיך אָן וועמען איך מיין?

— אונדזער פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט! — האָט שׂרהלע, געבנדיק אַ הייב-אויף אַ האַנט, אויסגעכאַפּט דעם ענטפער פון שלוימקע שרייערס מויל.

זי האָט גאַנץ גוט געזען, שׂרהלע, ווי שלוימקע נעמט פון איר נישט אַראָפּ קיין אויג די גאַנצע צייט, און זי האָט אים געוואָלט ווייזן, אַז זי זאָגט זיך נאָך נישט אָפּ פונעם פאַרמעסט מיט אים. אויף זיין פּנים איז אָבער נישט געווען קענטיק, ער זאָל האָבן פאַר-דראָס.

— ריכטיק, שׂרהלע! — האָט די לערערין צופרידן באַשטעטיקט.

די לערערין האָט גענומען דערציילן די קינדער וועגן דעם פּרעזידענט. דער פּרעזידענט ווערט היינטיקן יאָר אַלט זעכציק יאָר. דאָס גאַנצע פאָלק גרייט זיך צו פייערן דעם יום-טוב פון זיין גע-בוירנטאָג. די בעסטע מענטשן פון פאָלק רופן זיך אַרויס צו ברענגען דעם פּרעזידענט מתּנות צום דאָזיקן יום-טוב — פאַרשטאַרקן די אַרבעט אין די פאַבריקן, הוטעס, פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַטיוון און לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציר-קאָאָפּעראַטיוון, אין די אינסטיטו-ציעס; פאַרבעסערן די אַרבעט; פאַרשטאַרקן די לערע אין די אוני-ווערסיטעטן, מיטל-שולן און שולן, פאַרשטאַרקן און פאַרבעסערן.

נאָך איר שמועס און אירע ענטפערן אויף די פראַגעס, וואָס די

שילער האָבן איר געשטעלט, האָט די לערערין זיי געשטעלט אַ פראַגע:

— און מיט וואָס וועלן מיר, די שילער פון דריטן קלאַס, באַערן דעם דאַזיקן גרויסן און טייערן יום-טוב?

ווידער האָט די ערשטע אַ הייב געטאָן די האַנט, מחמת געוווינשאַפט, שׂרהלע שטילערמאַן. נאָר זי האָט זיך אַ קווענקל געטאָן: שוין צוויי חדשים לערע דורכגעלאָזט — וואָס משטיינס געזאָגט קאָן זי שוין אויפטאָן?! און זי האָט פאַרשעמט און געערגערט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. זי האָט אומעטיק, זייער אומעטיק אַ בליק געטאָן אויף שלוימקען... פאַרפאַלן! ער וועט געווינען דעם פאַרמעסט.

אין דער לופט האָט שוין טאַקע געשטעקט שלוימקעס האַנט מיט צוויי פינגער.

— לערערין... — האָט ער זיך געקרעקט, און זיין פּנים האָט זיך געמיניעט רויט: איך... איך וויל לכּבוד דעם יום-טוב זיך אונטערנעמען אַזאַ זאַך. איך... שׂרהלע איז דאָך נישט שולדיק, וואָס זי קאָן זיך איצט גאָרנישט אונטערנעמען. נעם איך זיך אונטער... הממ... איבערצוחזרן מיט איר — אַלץ וואָס מיר האָבן געלערנט אָן איר. און אַלע נייע לעקציעס וועל איך מאַכן מיט איר צוזאַמען. אַזוי אַז ביז יום-טוב זאָל זי זיין גלייך מיט מיר אַ פאַרגייערין אין דער לערע.

שׂרהלע האָט מיט אירע גרויסע, איצטער צעעפנטע, פאַרחידושטע און פאַרטרערטע אויגן געקוקט אויף שלוימקע שרייער, און ער האָט צו איר געשמייכלט דורך זיין פאַררויטלטקייט.

אויך די לערערינס אויגן האָבן געפינקלט מיט פרייד און טרערן. זי האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט. איר ביישפּיל האָט נאָכגעטאָן דער גאַנצער קלאַס.

*

שלוימקע האָט געהאַלטן וואָרט. צום פּרעזידענטס געבוירנטאָג

איז שוין „שאַ-שאַ״ ווידער געווען אַ פּאַרוויסגייערין אין דער לערע. דער שטאָלץ פונעם דריטן קלאַס.

— דיינע האָר אויפן קעפּל זאָלן אַזוי שנעל וואַקסן, און זאָלסט צוריק באַקומען דיינע פריִערדיקע שיינע צעפּ! — האָט איר די לע-רערין געווונטשן.

צום סוף לערניאָר האָט די לערערין לאַנג נישט געקאָנט קומען צום באַשלוס: ווער פון די צוויי פּאַרוויסגייער האָט געווונען דעם פּאַרמעסט?

טאַקע באמת — ווער האָט געווונען דעם פּאַרמעסט?...

# סעווערין גרין, דער אומשולדיק־שולדיקער

סעוועק גרין איז שוין דעם צווייטן טאָג געזעסן אויף די לעק־ציעס און אַרומגעגאַנגען בעת די פּויזעס ווי אַ נעבעכטיקער. אָבער אין זיין קלאַס, אינעם פינפטן, לערנען העכער פערציק שילער, וואָס איטלעכער פון זיי האָט זיך זיינע אייגענע געשעפטן און פונעם קלאַס, און פון דער שול אין גאַנצן, — האָט קיינער דערום די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין מיטשילער, נישט באַמערקט. בפרט, אַז קיין נאָענטע קאָלעגן האָט סעוועק בכלל נישט געהאַט. ער האָט נאָך קיין מאָל קיינעם פון די שילער צו זיך אַהיים נישט פאַרבעטן.

ס׳האָבן נאָך אויך נישט באַוויזן צו ווערן דערויף אויפמערק־זאַם די לערער. איינע בלויז האָט דאָס יאָ באַמערקט — די יונגע לערערין חוה פינק, די קלאַסן־דערציִערין.

— סעוועק, עפּעס זעסטו מיר אויס ווי נישט מיט אַלעמען. סע טוט דיר עפּעס וויי אפשר? — האָט זי אים אין מיטן איר פאַרטוענ־קייט און אין איילעניש ווייך און פאַרשנדיק אַריינגעבליקט אין די אויגן — אויגן שוואַרצע, גלאַנציקע, מיט פינקעלער איבערן גלאַנץ. אָבער איצטער איז ער נישט פאַראַן, דער גלאַנץ, און פון די פינ־קעלער — קיין זכר נישט, ווי זיי וואָלטן זיך אויסבאַהאַלטן, די לע־רערין זאָל נישט קאָנען זען דורך די אויגן, וואָס ביי אים אין קאָפּ גייט פאָר.

— ניין, לערערקע, ס׳איז מיר גאָרנישט... — האָט סעוועק אַפילו ווי אומפריינדלער אַ מרוקע געטאָן, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ, און זייטיק איר נאָכגעקוקט, ווי זי גייט אָפּ, נישט מיט איר געוויינלעכן באַשעפטיקטן, גיכן טראָט, נאָר פּאַמעלעך און ווי פאַרקלערט.

סעוועקס „גאָרנישט" האָט די קלאַסן־דערציִערין נישט באַרויִקט,

כאַטש קיינער פון די לערער האָט זיך אויף אים נישט באַקלאָגט, ער זאָל נישט האָבן צוגעגרייט די לעקציעס. עפּעס זעט ער אויס פאַרחושכט, און איז אַזוי אויך תּמיד אַ מאָגערער און מיזערנער. מע וועט דאַרפן איבערשמועסן מיט דער שול-דאָקטערין...

געזען, אַז די לערערקע האָט אים שוין מער נישט „אויפן קאָפּ", האָט אויך ע ר ז י  אַראָפּגעלאָזן פון זינען און איז זיך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים שווער געווען צוליב זיינע אויסבאַהאַלטענע מחשבות, אַוועקגעגאַנגען אין אַ ווינקל, נאָכצוקוקן פון אונטערן שטערן געוויסע שילער — די סקויטן פון זיין קלאַס.

*

אין סעוועק גרינס קלאַס איז געווען אַ גאַנץ היפּשע גרופּע שי-לער, וואָס האָבן געהערט צו דער סקויטן-אָרגאַניזאַציע. כּמעט אַלע בעסטע שילער און שילערינס. און ווייל סעוועק איז געווען נישט פון די ערגסטע אין קלאַס, האָט דאָס אַליין שוין גערעדט דערפאַר, אַז אויך ער זאָל ווערן אַ סקויט.

די סקויטן פלעגן אָפט רעדן וועגן די אָרגאַניזאַציע-אינטערעסן, אַרבעטן און פאַרווייַלונגען מיט אַזאַ גלי אין די באַקן און גלאַנץ אין די אויגן, אַז נישט ווילנדיק פלעגט עס ביי סעוועקן אַרויסרופן קינאה. נישט איין מאָל פלעגט ער דערפילן, ווי סע ציט אים, ציט אים צו זיי: נעמען און ווערן איינער פון זיי, ווערן אַ סקויט!

...נו, איז וואָס? נעמט מען און מע ווערט! ער איז דאָך נישט קיין שלעכטער שילער, סיי אין דער לערע, סיי אין דער אויפפירונג — איז וועט מען אים דען אָפּזאָגן אַריינצונעמען? פאַרקערט, איי-נער און אַ צווייטער פון די סקויטן האָבן אים שוין נישט דאָס ערש-טע מאָל פאַרבעטן אין דער אָרגאַניזאַציע!

— סעוועק, — האָט אים איין מאָל אַ זאָג געטאָן יאַנעק טכוזש, דער בעסטער צייכענער אין שול, — סעוועק, וויפל איז דער שיעור אַרומצוגיין איינער אַליין אָן חברים, ווי אַ צאַפּליע אויף אַ לאַנ-קע?... ווילסט, וועל איך זי דיר אָנצייכענען באַלד אויפן טאָוול...

און, צייכענענדיק מיטן קריידל די צאַפּליע, רעדט ער ווייטער אַזוי אין טאָוול אַריין:

— ביי אונדז לערנט מען זיך זיין חבריש, ערלעך. מיר העלפן שוין צו דעם לאַנד אין דער בויונג. מיר לערנען אויך זאַכן, וואָס מע לערנט נישט אין קלאַס און... ס'איז ביי אונדז אַזוי אינטערעסאַנט און פריילעך, אַז... אָט! אָט האָסטו די צאַפּליע... קוק זיך אָן...

בעת זיין צייכענען איז צוגעקומען בראַניע גוויזד, בראַניע מיט די בלויע אויגן, ווי ביי דער לערערקע פינק, געקרייזלטע האָר, דיק-לעכע בלאַנדע צעפּלעך, און שטענדיק פריילעכע. זי האָט נאָכגעקוקט יאַנעקס צייכענען, איינגעהאָרכט זיך אין זיינע רייד, און אויך אַ זאָג געטאָן צו אים, צו סעוועקן, מיט אַ פריינדלעך שמייכעלע:

— מיינסט, סעוועק, אַז וויבאַלד מע הייסט גרין, קאָן מען שוין נישט טראָגן קיין רויטן סקויטן-קראַוואַט? אָט איז טכוזש נישט קיין „טכוזש" * — דער דרייסטסטער אין אונדזער רינג...

אַוודאי וואָלט ער, סעוועק גרין, געגאַנגען אין דער סקויטן-אָרגאַניזאַציע. נאָר ווי ער וואָלט געגאַנגען! מע ווערט דאָרט חברישער, ערלעכער. מע העלפט שוין צו דעם לאַנד אין דער בויונג. און ס'איז ביי זיי אַזוי אינטערעסאַנט און פריילעך. נאָר... וואָס וואָלט דערויף געזאָגט די מאַמע!... דער מאַמען מוז מען פאָלגן!...

*

סעוועק גרין איז אַ בן-יחיד און אַ יתום נאָכן טאַטן.

זיינע עלטערן, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט אים, אַ ייִנגל פון זעקס יאָר, פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן געעפנט אַ שפּייז-קרעמל אויף דערוויל און דערפון געצויגן די פרנסה. אין קיין קינדערהיים האָט אים די מאַמע נישט געוואָלט אַריינגעבן, כאָטש דער טאַטע האָט עס שטאַרק באַגערט. ערשטנס, האָט זי געטענהט, וויל זי זיך נישט שיידן מיטן קינד, מיטן בן-יחידל אויפן גאַנצן פרימאָרגן,

---

* אַ פּחדן.

צווייטנס — וואָס מע לערנט זיך דאָס אָן אין אַ קינדערהיים!... און די ליאַלקע-שפּילן... און אַז די מאַמע וויל אַזוי, מוז עס, ווי תּמיד אַזוי בלייבן: וואָרום די מאַמע, אַז מע פֿאָלגט זי נישט, שרייט זי, שעלט זי, וויינט זי, און דאָס קאָן דער טאַטע נישט אַריבערטראָגן. און סעווועקל האָט זיך אַ גאַנץ יאָר יעדן טאָג אויפגעצויגן ביי זיי אין קרעמל. ער איז געווען דערפֿון זייער צופֿרידן, סעווועקל: אַלע מאָל קומט אַריין אַ נייער מענטש, און סע טוט זיך, און... טאַטע-מאַמע זענען פֿאַרנומען, און האָבן נישט קיין צייט צו קריגן זיך. אין דער היים קריגן זיי זיך לעצטנס כּסדר. דער טאַטע זאָגט, אַז מע דאַרף אַרויספֿאָרן פֿון פּוילן, ער איז תּמיד געווען אַ ציוניסט; די מאַמע זאָגט אַז נישט:

— מע גיסט נישט אויס דאָס אומריינע וואַסער פֿאַר דער ריינער. דאָ, ווי די מעשׂה זאָל נישט זיין, איז פּרנסה פֿאַראַן. און דאָרטן, אין זיין ארץ-ישׂראל, האָט אים נאָך קיינער קיין פּרנסה נישט אונטערגעשריבן, כאָטש ער איז אַ ציוניסט. קוק אים נאָר אָן, דעם גרויסן ציוניסט!

דאָס מאָל איז אָבער דער טאַטע געווען איינגעשפּאַרט. נאָר אומגעריכט איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. דעמאָלט האָט סעווועקל איינגעזען נאָך אַ מאָל, אַז שטענדיק מוז עס בלייבן אַזוי, ווי סע זאָגט די מאַמע. דער מאַמען מוז מען פֿאָלגן... ער, סעווועק, וועט דערפֿאַר תּמיד געהאָרכן דער מאַמען, תּמיד!

צו זיינע זיבן יאָר האָט פּעסל גרין אַריינגעגעבן איר בן-יחיד אין דער ייִדישער שול. אַ יאָר צייט האָט זי זיך אַליין געמאַטערט מיטן קרעמל, נישט געקאָנט זיך קיין עצה טאָן, און דאָס קרעמל איז צו גרונט געגאַנגען. באין-ברירה איז זי „געגאַנגען צו מענטשן".

מיטן „אָרט" האָט איר דווקא אָפּגעגאָלטן, דער אַלמנה גרין. אירע באַלעבאַטים, די גינגאָלדס, רייכע לייט, זענען געווען שוין איינגעפּאַקט אַרויסצופֿאָרן קיין ארץ-ישׂראל, נאָר האָבן פֿאַרשפּע-טיקט אַ ביסעלע. די פֿאַרמעגנס איז שוין נישט מעגלעך געווען אַרויסצופֿירן. סיידן אַרויספֿאָרן „באָרוועס און נאַקעט". זענען זיי

פאַרבליבן צו וואַרטן אויף מזלדיקע צייטן. פאַרפאַלן — מ׳עט מוזן אויסבאַהאַלטן דאָס לעבן הינטער די ווענט, אַז קיין פרעמד אויג זאָל קיין עין-הרע נישט אָפּגעבן. אָבער אויסקומען אין גאַנצן אָן אַ פרעמדן מענטשן אין שטוב האָבן זיי נישט געוואָלט און נישט „גע-קאָנט״. צונעמען ווידער „היינטיקע צייטן״ אַ קריסטלעכע דינסט איז מער ווי אומגעוווּנטשן: טאָמער וועט זי „אַרויסטראָגן״, חלילה. האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט און צוגענומען פאַר אַ „מענטש״ די אַלמנה גרין, וועלכע איז געווען „זייער״ קרעמערין און וואָס איר מאַן איז געווען אַן אָרנטלעכער יונגערמאַן; זיי האָבן אים געקענט, ער פלעגט דאָך אַרויפקומען אַלע וואָך זיך אָפּרעכענען, און איין מאָל איז ער אַפילו געקומען בעטן ביי זיי אַ טובה: „זיי זאָלן ווירקן אויף זיין פרוי מסכים צו זיין אַרויסצופאָרן...״. אים, דעם מאַן אירן, האָט דאָך זיין „פאַרמעגן״ נישט געשטערט, — ווען ער וואָלט נישט געווען שטאַרבן, וואָלט ער פאַר זיי, די גבירים, געווען אין ארץ-ישׂראל. קבצנים האָבן אַ מאָל מער מזל!

און ווייל זיי האָבן געוווּסט, וועמענס ווייב זי איז, די אַלמנה גרין, און כּדי זי זאָל זיין געטריי און איבערגעגעבן און מע זאָל זיך נישט דאַרפן פאַר איר אויסהיטן מיט גאָרנישט, האָט מען באַשלאָסן צו באַציִען זיך צו איר ווי צו אַן „אייגענע״. ביי נאַכט גייט זי שלאָפן צו זיך אַהיים, ווי זי וואָלט גאָר קיין דינסט נישט געווען. און ס׳איז איר דערלויבט צו האַלטן איר יִנגל נעבן זיך אין קיך, און אַז מאַ-ניעק וועט אַ מאָל וועלן זיך שפּילן מיט אים, איז מהיכא-תּיתי.

די שטוב פון די גינגאָלדס איז פול געווען מיט „ליבע״ צו „יִדישקייט און ארץ-ישׂראל״ און מיט שׂינאה און שפּאָט צו אַלץ, וואָס סע קומט פאָר אין לאַנד. די אַלמנה גרין, וועלכע האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן רעכענונג וועגן דער אמתער סיבה פון דער „צוגעלאָזנקייט״ פון אירע באַלעבאַטים, האָט זיי געדינט מיט אמתער געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט און איז געוואָרן „אַן אייגענער גליד״ אין דער משפּחה. נישט איין מאָל האָט זי איבער-געשמוגלט אונטערן הינטערקליידל „כּשר געלט״ ערגעץ אויף אַ

צווייטער גאַס, וווּהין מ'האָט באַדאַרפֿט. ס'איז זיי, די גינגאָלדס, גאָר נישט שווער אָנגעקומען איינצופּלאַנצן אין „זייער אייגענער" זייער גאַנצער שׂינאה צו די „ייִדישע שׂונאים" און צו אַלץ, וואָס „זיי בויען אויפֿן באָלשעוויסטישן שטייגער".

— אַ שאָד, — האָט זי דערום באַדויערט — וואָס מיין סעוועקל האָט שוין אָנגעהויבן גיין אין דער ייִדישער שול, אַנישט וואָלט איך אים בעסער געשיקט אין דער פּוילישער, ווו ס'לערנען הער גינ־גאָלדס קינדער.

— זעט נאָר, פּעסל, — האָט איר פֿריינדלעך און צוגעלאָזן גע־וואָרנט דער באַלעבאָס, וועלכער האָט שוין באַוויזן זיך אַריינצו־שוואַרצן ערגעץ אין אַ מלוכהשער אונטערנעמונג און זיך געפֿילט „אַ דאַנק דעם אייבערשטן אַ געפֿשרטער" — זעט נאָר אייער ייִנגל זאָל אייך דאָרט נישט ווערן קיין „רויטאַרמייער". פֿאַרגעדענקט אייך, פּעסל, אַז צייטן בייטן זיך. ס'קאָן זיך נאָך איבערדרייען. מיר האָפֿן... אַז מ י ר וועלן, אימערצעשעם, פֿאָרן, וועלן מיר דאָך אייך מיט אייער בן־יחידל נישט איבערלאָזן דאָ אויפֿן וואַסער. זאָל ער זיין וואָס מער דאָ ביי אונדז און זיך חברן מיט אונדזער מאַניעקלען...

האָט די דינסט געפּאָלגט איר געטרייען באַלעבאָס' עצה, ווי מע פּאָלגט אַן אייגענעם ברודער, און פֿלעגט טאָג־איין טאָג־אויס איינגעבן איר זונעלע גאַנצע פּאַרציעס קלוגשאַפֿט, וואָס זי פֿלעגט ביי נאַכט מיטברענגען אַהיים צוזאַמען מיט נאַשוואַרג פֿון דער פֿאַרמאַסקירטער גבירישער שטוב.

— לערן זיך גוט, סעוועקל, — האָט זי מיט אים איינגע־קנעלט, — ווייל מען דאַרף אַלץ אין לעבן קענען. אַלץ קומט צונוץ אין לעבן, זאָגט הער גינגאָלד. נאָר מיין נישט, אַז אַלץ וואָס די לערער זאָגן, אָדער אַפֿילו וואָס סע שטייט אין די ביכלעך, איז תּורת־לאָקשן. שׂכל לערנן זיך נישט ביי פֿרעמדע מענטשן, נאָר אין דער היים, ביי דער מאַמען... און די לערער אַליין, מיינסטו ?...

סעוועקן פֿלעגן דער מאַמעס דאַזיקע רייד אַוודאי נישט זיין צום האַרצן, אָבער — דער מאַמען מוז מען פֿאָלגן. יסורים האָבן

אים פאַרשאַפּט אירע רייד, אָבער אויסגעקומען איז אים, אַז נישט צוליב דער מאַמען ליידט ער, נאָר צוליב דער שול. און מיט דער צייט איז ביי אים צוזאַמען מיט דער ליבע צו דער שול, וואָס איז וואָס אַ מאָל געוואָרן שטאַרקער, אָנגעוואַקסן פאַרבאַרגענער-הייט אויך אַ ווידערווילן צו איר, עפּעס אַ מין פאַרדראָס, אַליין נישט צו וויסן פאַר וואָס. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט דאָס אים נישט געשטערט, עס זאָל אין אים אויפגיין וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער דער באַגער אַריינצוגיין אין דער סקויטן-אָרגאַניזאַציע. ביז איין מאָל איז געקומען דערצו, אַז ער האָט זיך וועגן דעם מיט אַן אינעווייניקסטן ציטער פאַרטרויט פאַר דער מאַמען:

— מאַמע... איך וויל ווערן אַ... סקויט.

די מאַמע האָט זיך אַזש אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קאָפּ:

— ניין!, — האָט זי הייזעריק אַ געשריי געטאָן, — איצט זע איך שוין, וואָס פאַראַ תכלית די שול האָט געמאַכט פון דיר, מיין קינד!

דער מאַמעס שרייענדיקע רייד האָבן אויף אַ רגע פינצטער גע-מאַכט ביי אים אין קאָפּ.

דערנאָך האָט שוין די מאַמע גערעדט שטילער:

— דו דאַרפסט זיך חברן נאָר מיט מאַניעקלען. דאַרף מען אַ לייטישערן חבר?

דערויף האָט סעוועק מיט קינדערישער ביטערניש אַ שעפּטשע געטאָן, ווי צו זיך אַליין:

— מיט מאַניעק גינגאָלד? איך בין ביי אים ווי אַ משרת... וויל ער, חברט ער זיך, גלוסט זיך אים נישט — דרייט ער זיך אַוועק מיטן רוקן.

נאָך דעם איז ביי אים פאַרבליבן עפּעס אַ טונקלעניש אין מוח, און אין האַרצן — עפּעס אַזאַ קלעמעניש, וואָס נאָגט, נאָגט און לאָזט נישט צו רו. אַ ווייַ ווי פון צאָנווייטיק, וואָס מע וויל אים אַרויסרייסן, נאָר — ווי אַזוי?

*

דאָס איז געשען אויפֿן צווייטן טאָג.

דער פֿינפֿטער קלאַס האָט דעמאָלט געלעבט מיט די פֿריילעכע לעקציעס פֿון ייִדיש. מ׳האָט געלערנט שלום-עליכמען. ווי מאָטל פּייסי דעם חזנס איז געקומען קיין אַמעריקע. נישט נאָר אויף די לעקציעס איז געווען אַ פֿריילעכע שטימונג, נאָר אויך בעת די פּויזעס איז מען לייכט געווען אויף צו טרייבן שפּאַס, צו ווערטלען זיך צו רעדן מיט מאָטלס לשון. איז אָט — אויף דער וואַנטצייטונג, וואָס איז נאָר-וואָס אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אינעם רעקרעאַציע-זאַל פּונקט קעגנאיבער די פֿענצטער, איז אינעם ווינקעלע „הומאָר און סאַטירע" געווען אָנגעצייכנט דורך יאַנוש טכוזש, דעם סקויט פֿון פֿינפֿטן קלאַס, דעם בעסטן צייכענער אין שול, אַזאַ בילדל:

אויף אַ באַנק אונטער דעם בוים אויפֿן שול-הייפֿל ליגט אויסגעצויגן אַ ייִנגל מיט אַ דאַר פּנימל, מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן, ווי ער דרימלט. דאָס היטל אויף זיין קאָפּ — אַרויפֿגערוקט, און פֿון אונטער דעם שטאַרצנדיקן דאַשיק שטעקט אַרויס אַ היפּשער האָרן — אַ מאָדנער האָרן, ווי אַ גרינער שופֿר. לעם זיין צוקאָפּנס שטייט אַ סקויט אין אוניפֿאָרם מיטן רויטן קראַוואַט, מיטן סקויטן-פּייקל אין איין האַנט און מיטן פּייקל-שטעקעלע אין דער צווייטער, און פּייקלט איבער דעם גרינעם האָרן.

אַזאַ די צייכענונג. און אונטער איר — אַ שיין אויסגעקאַליגראַפֿירט לידל, צונויפֿגעשטעלט קאָלעקטיוו פֿון דער סקויטן-גרופּע פֿון פֿינפֿטן קלאַס:

שילער גרינהאָרן, וואַך אויף!
הער דעם ווערבל פֿונעם סקויט!
ווי דער אינדיק אויפֿן הויף,
האַסט ער אַלץ וואָס איז נאָר רויט...

אַלע האָבן מיט שיינענדיקע אויגן באַטראַכט די צייכענונג, איבערגעלייענט דאָס לידל, און קיינעם איז נישט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס איז אַן אָנצוהערעניש אויף עמעצן. אָבער ווי זאָגט מען —

שריי: „אויפן גנב ברענט דאָס היטל!", וועט זיך דער גנב כאַפּן פאַרן קאָפּ. סעוועק גרין האָט זיך בשעתן איבערלייענען דאָס לידל דערמאָנט, וואָס אַנומלט האָט אים אַ זאָג געטאָן בראָניע גוויזד טאָקע פאַר יאַנעק טכוזש אין די אויגן: „מיינסט, סעוועק, אַז ווי-באַלד מע הייסט גרין, קאָן מען שוין נישט טראָגן קיין רויטן סקויטן-קראַוואַט...?" און באַלד האָט ער זיך ממש דערקענט אינעם ליגנ-דיקן גרינהאָרן — אַ דאַר פּנימל... המם... האָבן אים די סקויטן, הייסט עס, פון זיין אייגענעם קלאַס, אָנגעטאָן אַ גרינעם האָרן און אים געמאַכט אַפילו פאַר אַ בלויען אינדיק!... אַט אַזעלכע זענען זיי דאָס?!... דאָס איז זייער חברישקייט.... נאָך ערגער פון מאַניעק גינגאָלד!... איז דאָך טאָקע די מאַמע גערעכט... גוט, וואָס די מאַ-מע האָט אים געוואָרנט... אַנישט וואָלט ער שוין אפשר היינט גע-גאַנגען צו זיי...

איז ער, סעוועק גרין, נאָך אַט דעם געשעעניש אַרומגעגאַנגען עטלעכע טעג ווי אַן אָפּגעסמטער. ביז די קלאַסן-דערציִערין מיט די בלויע אויגן, ווי בראָניע גוויזדס, האָט אים אַ פרעג געטאָן, צי עס טוט אים נישט עפּעס ווי? אין אַ פּאָר מינוט אַרום, נאָך דער לע-רערינס פאַרטראַכטן אַוועקגיין, האָט ער שוין געוווּסט, אַז — ניש-קשה, ער וועט זיי אויך עפּעס אָפּטאָן, זיי זאָלן אים האָבן צו גע-דענקען! אַז ער וועט עס נאָך דעם דערציילן דער מאַמען (און אפשר אַפילו מאַניעק גינגאָלדן אויך?) — אוי, וועט זי פון אים אַנקוועלן, די מאַמע!

און אַ בלאַסער שמייכל האָט צעקרימט זיין אָנגעברוגזט פּנים, כאָטש וואָס ער וועט זיי אָפּטאָן... האָט ער נאָך אַליין נישט גע-וווּסט.

*

נאָכן אָפּעסן, זיך צווינגענדיק, דעם מיטיק, וואָס די מאַמע האָט אים דערלאַנגט ביי די גינגאָלדס אין קיך, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַז ער האָט היינט אַ סך לעקציעס אָפּצומאַכן, און איז אַוועק. ער

האָט זיך געלאָזט צוריק אין שול אַריין, אָפּצוטאָן דאָרט דעם „עפּעס", וואָס ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט אין וואָס ער באַשטייט. ער האָט געוווּסט בלויז, אַז דער „עפּעס" וועט זיין פאַר „זיי" אַ שווידערלעכע זאַך, און ס'איז אַ שאָד, וואָס קיינעם פון זיי וועט אַפילו אויפן זינען נישט קומען, אַז דאָס האָט זיי אָפּגעטאָן דער אויסגעלאַכטער גרינהאָרן — נאָט אייך אַ גרינהאָרן.

אָבער האָפערדיק איז ער פון דעסטוועגן ביי זיך נישט געווען, סעוועק. פאַרקערט, ער האָט זיך אין גאַנג איינגעשרומפּן, אַראָפּגעצויגן דעם דאַשיק פון דעם היטל, „אַריבער דעם גרינעם האָרן" און זיך געהאַלטן נעענטער צו די מויערן.

...ווען די לערערקע פינק וואָלט מיר איצט אָנגעקומען אַנטקעגן, — איז אים דורך אַ מחשבה, ווי אַ ציטערל דורכן לייב, — וואָלט זי מיר אָנגעכאַפּט ביי אַ האַנט און אַ געשריי געטאָן: „סעוועק, וואָס גייסטו טאָן! עמעצן באַגנבענען!?"

אַרויפגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער אויף די טרעפּ צו דער שול און אַריינגעקומען אינעם לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, איז ער שטיין געבליבן, ווי אַ בלינדער, און זיך איינגעהאָרכט, ווי אַ טויבער... די אויערן נעמען נישט אויף קיין מינדסטן קלאַנג... שאַ, שטיל... ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. פאַר די אויגן איז אים געוואָרן אַ ביסל העלער. אָבער אין קאָפּ האָט זיך אים גאָרנישט אויסגעלייטערט. ער גייט עפּעס אָפּטאָן, און ווייסט נאָך אַלץ נישט וואָס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ שרעקעוודיקן ציטער אויף די ווענט. ווי אומגעזעענע שאָטנס וואָלטן געלאָקערט אין זיי אויף אים, שפּירן אים נאָך, און אַז ער וועט עפּעס טאָן, וועלן זיי מאַכן אַ געוואַלד. דאָ האָט ער דערזען צום סאַמע סוף פונעם קאָרידאָר די בלאַסווייסע טיר פונעם סקויטן-צימער. ער האָט זיך אַהין אַ לאָז געטאָן.

ער האָט געהיט אָנגענומען דאָס הענטל פון דער טיר, פּאַוואַליע עס געטאָן אַ דריק אַראָפּ. דער גרילצנדיקער סקריפּ פון דעם שלאָס האָט זיך אויף אים ווי אַ בייזער געטאָן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק, אָבער די האַנט האָט שוין איצט אַליין פאַר-

געזעצט צו טאָן דאָס וואָס זי האָט אָנגעהויבן. זי האָט געעפנט די טיר. און פונקט אַזוי האָבן אים שוין אויך די פיס, ווי אָן זיין ווילן, אַריבערגעשטעלט איבער דער שוועל. די טיר האָט זיך, דאַכט זיך, אַליין פאַרמאַכט הינטער אים.

ס'האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן אַריין די שיין פונעם גרויסן פענצטער, אַזש ער האָט גלייך אימפעטיק פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן און זיך אין גאַנצן געטאָן אַ דריי אויס צו דער אָנפענצטערדיקער וואַנט. ער האָט געקוקט אַרום זיך ווי מיט פאַר-וווּנדערונג. שוין נישט איין מאָל געווען אין דאָזיקן צימער, נאָר קיין מאָל האָט עס נישט אויסגעזען אַזוי געראַם, אַזוי הויך און גרויס, ווי איצטער. און ער — איז אַזוי קליין! אַ פּינטעלע. אָט דאָס פּינטעלע האָט דערזען די פּרעכטיקע סקויטן-פּאָן אויף דער וואַנט. ווי שיין, ווי יום-טובדיק זי איז און ער — ווי מיאוס, ווי וואָכעדיק! און נאָך מיט אַ גרינעם האָרן... וואָס האָט ער דאָ צו טאָן?! ווער האָט אים אַהער געשיקט? די מאַמע!... וואָס האָט די מאַמע אים געהייסן טאָן?... וואַרט... ער ווייסט שוין!

ער האָט געכאַפּט אַ שטול, אַ שטעל געטאָן זי ביי דער וואַנט, אַרויף אויף איר, אַ כאַפּ-געטאָן דאָס שטעקל פון דער פּאָן און — איז פאַרגליווערט געוואָרן: אַ גרויסער וועכטער היט זי: דער פּרע-זידענט ביערוט! ער שמייכלט צו אים... פּילט אים מיט, באַדויערט אים (דעם גרינהאָרן) און טוט שטרענג אַ זאָג, ווי אַ לערער: — גנב!...

— אַנטלויף! — שרייט מען אַרויס אָן אַ קול פון אַלע ווענט, פונעם הויכן סופיט אַראָפּ, פון דער פּאָדלאָגע אונטער דער שטול, אויף וועלכער ער שטייט.

ער טוט אַ שפּרונג אַראָפּ. נאָר זיין האַנט האָט נישט ווילנדיק נישט אָפּגעלאָזט דאָס שטעקל פון דער פּאָן און זי מיטגעריסן... האָט ער שוין עפּעס געטאָן — דאַרף מען אָפּטאָן ביזן סוף! און די רעכטע האַנט טוט, ווי אין פיבער, אַ רייס אַראָפּ די פּאָן פונעם שטעקן, און די לינקע טוט דעם שטעקן אַ וואָרף אָפּ.

— אַנטלויף! — שרייען ווייטער די קלאַנגלאָזע שטימען.

ער טוט אַ קנייטש צוזאַמען די פּאָן מיט ביידע הענט, אַ לויף מיט איר צו דער באַגלאָזטער ביבליאָטעק-שאַפע, און פאַרשטעקט זי צווישן דער שאַפע און דער וואַנט און —

די פיס טראָגן אים שוין אַראָפּ, אַראָפּ פון די טרעפ. ער טוט מיט שרעק אַ טראַכט: מען דאַרף גיין פּאַמעלעך — טאָמער קומט עמעץ אָן אַנטקעגן אין שול אַריין. אָבער מען טרייבט אים הינטער דער פּלייצע: די אויגן פון חבר ביערוט. ער מוז לויפן! פאַרשווינדן!

*

אַריינגעקומען אַ פאַרשוויצטער אין שטוב, איז סעוועק גרין מיט אַ מאָל שטיין געבליבן, ווי פאַרבלענדט פון אַ געדאַנק, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זיין פאַרמאַרעטן קאָפּ: נישט דאָס-אָ האָב איך געזאָלט אָפּטאָן! נישט דאָס-אָ! כ'האָב געזאָלט בלויז אַרויס-רייסן פון דער וואַנטצייטונג דעם גרינהאָרן מיטן אינדיק!... וויי! וואָס איך האָב דאָס אָפּגעטאָן!

ווען די מאַמע איז אין אָוונט אַהיימגעקומען, האָט איר סעוועק נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. נישט נאָר ער האָט איר נישט דערציילט וועגן דעם „שפּיצל", וואָס ער האָט אָפּגעטאָן די סקויטניקעס, ווי דאָס איז אים נעכטן, נאָך דער לערערקעס אַוועקגיין פון אים, איינגעפאַלן, נאָר פאַרקערט, ער האָט דערפילט אַ פאַרדראָס אויף דער מאַמען: „ווען נישט זי...". ער האָט דאָס מאָל נישט פאַרזוכט אַפילו פון די גוטע זאַכן, וואָס זי האָט, ווי געוויינלעך, מיטגעבראַכט פונעם רייכן הויז. ער האָט זיך פאַרענט-פערט מיט קאָפּווייטיק. דאָס איז נישט געווען קיין ליגן. אָבער מער האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ. נישט צוגערירט זיך אָפּצומאַכן די לעקציעס, האָט ער זיך געלייגט אין בעט אַריין און געפילט אויף זיך דער מאַמעס באַזאָרגטן בליק, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין פאַרדראָס אויף איר: „ווען נישט זי...".

ער איז שלעכט געשלאָפן. געדרייט זיך פון זייט אויף זייט.

אָבער נישט געעפנט די אויגן, ווייל טאָמער שטייט איבער אים די מאַמע. עטלעכע מאָל האָט ער זי טאַקע געפילט איבערן פּנים, ווי זי פּאָרשט זיינע פאַרמאַכטע ווִיעס. און איין מאָל האָט ער דערהערט איר געשעפּטש צו זיך אַליין:

— וואָס איז דיר, מיין טייער קינד?... זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרקראַנקט ווערן...

אין דער פרי, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די מאַ-מע נישט געווען. אַלץ איז געשטאַנען צוגעגרייט פאַר אים. דער ערשטער פרישטיק אָפּצועסן אין שטוב, און דער צווייטער אויף מיטצונעמען אין שול אַריין. דאָס אָנטועכץ — אויסגעבאַרשט, די שיך — אָפּגעפּוצט מיט אַ גלאַנץ. און דערפאַר האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז די מאַמע איז דאָ נאָך דאָ, און ווי איר ביינאַכטיקער געשעפּטש וואָלט דאָ אַרומגעשוועבט איבערן צימער: „וואָס איז דיר, מיין טייער קינד?.... זאָלסט מיר נאָר נישט פאַרקראַנקט ווערן...".

„...ווען כ'וואָלט געווען אַ סקויט, — האָט ער געטראַכט מיט אַ געמישט געפיל פון רחמנות און פאַרדראָס, — וואָלט דאָך דער מאַ-מען גרינגער געווען: זי וואָלט נישט דאַרפן באַרשטן מיין אָנטועכץ, פּוצן מיינע שיך — כ'וואָלט עס אַליין געטאָן... אַזוי... איז זי זיך אַליין שולדיק...".

אָך, ווי ס'האָט זיך ערשט סעוועקן נישט געגלוסט גיין אין שול! המם... אפשר טאַקע בלייבן אין דער היים און נישט גיין צו די גינ-גאָלדס עסן דעם מיטיק, און אין אָוונט דער מאַמען און מאָרגן אין שול זאָגן, אַז דער קאָפּ האָט אים ווײ געטאָן?... ניין. די מאַמע וועט זיך דערשרעקן, אויב ער וועט צו איר נישט קומען אויף מיטיק און... די לערערקע פינק האָט דאָך אים געפרעגט, צי ס'טוט אים עפּעס ווײ?... זי קאָן נאָך אַהערקומען מיט דער שול-דאָקטערין, און יענע וועט זען — ס'איז אים גאָרנישט מיט נישט. סתּם אַזוי — ער פּוסט-און-פּאַסעוועט. און מ'האָט זיך שוין אַוודאי דאָרט געכאַפּט, וואָס ס'איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט דער פאָן, — וועט זיך דאָך די לערער-קע פינק תּיכּף כאַפּן. ווער ס'איז דער... דער פאַרברעכער.

איז ער געגאַנגען, ווי אַ קעלבל געפירט צו דער שחיטה אויף אַ שטריקל. אין שול האָט זיך געקאַכט. אַלץ האָט גערעדט וועגן דעם געשעעניש אין סקויטן-צימער. דאָס צימער איז איצט אָפּגע-שלאָסן, ווי דאָרט וואָלט געלעגן אַ דערהרגעטער. אַזאַ מעשׂה! מ׳האָט געפּרוּווט טרעפן, וועמענס געמיין שטיקל אַרבעט דאָס האָט געקאָנט זיין. די סקויטן האָבן געברויזט און זיך געבייזערט אויף דעם אומבאַקאַנטן מיאוסן יונג, דעם שעדיקער! דעם פאַרשווּעכער פון דער פאָן!

סעוועק גרין האָט זיך אין מיטן דעם קאָכעניש געפילט ווי אַן אָפּגעקאָכטער און, כּדי מע זאָל עס אויף אים נישט דערקענען, האָט ער נאָכגעשפּילט דאָס וואָס סע רעדן און טוען אַנדערע. מע וואָלט געקאָנט מיינען — ער איז אַ סקויט. ער האָט זיך געקאָכט און גע-זידלט יענעם, און אין האַרצן — זיך אַליין. צי דאַכט זיך אים, אַז די קלאַסן-דערציִערין כאַפּט אַלע מאָל אויף אים אַ בליק?... אין גריבע-לע אונטערן האַרצלעפּעלע ביי אים זיצט אַ גרויע מויז און גריזשעט, גריזשעט, און נאָר זי וויל אויסגריזשען אַ לעכעלע צו אים אין האַרץ אַריין, וווּהין... די ערשטע וועט אַריינקוקן די לערערקע פּינק מיט איר בלויען, שאַרפן בליק. פון דעסטוועגן האָט ער היינט גליק — קיינער פון די לערערס האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז ער האָט נישט צוגעגרייט די לעקציעס.

דאָס האָט אים אַ ביסל געשטאַרקט, אַז די זאַך וועט אַריבער פאַר אים בשלום, אָן חרפּה.

צום סוף פון דער דריטער לעקציע האָט מען געמאָלדן אין אַלע עלטערע קלאַסן, אַז בעת דער גרויסער פּויזע וועט אינעם סקויטן-צימער פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג. וועגן וואָס — איז איבעריק גע-ווען אויפצוקלערן.

סעוועק האָט זיך נישט גערן אויפגעשטעלט. אַלע שילער זע-נען שוין געווען פון קלאַס אַרויסגעגאַנגען... קיינער זעט נישט, אַז ער גייט נישט. אפשר טאַקע נישט גיין? — האָט ער זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָנגעכאַפּט פאַר דער דאָזיקער מחשבה, — אַזוי

פיל שילער וועלן דאַרטן זיין, ווער וועט זיך עס גאָר אומקוקן, אויב איינער, ער, וועט פעלן? — און ער האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויפן אָרט. האָט אַנידערגעלייגט די הענט אויף דער באַנק, דעם קאָפּ אויף זיי און — ער וועט גאָר כאַפּן אַ דרימל.

ס׳זענען אַריבער אפשר אַ פינף מינוט. ווי מיט אַ מאָל האָט ער דערשפירט, ווי נעכטן ביי נאַכט אין בעט, עמעצן געבויגן איבער זיך. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען: ווי קומט אַהער פלוצעם די מאַמע? אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַ ברוגז פנים און אַ בורטשע, האָט ער דערזען די קלאַסן-דערציִערין, די לערערקע פינק, און דערהערט זיין האַרץ קלאַפּן אין אים... זי זאָל עס נאָר נישט דערהערן!...

— סע טוט דיר שטאַרק וויי דער קאָפּ, סעוועק? — האָט זי אים מיט אַ ווייכער שטים אַ פרעג געטאָן, אָבער איר בליק איז געווען נישט נאָר נישט ווייך, נאָר שאַרף און האַרב.

— ניין, לערערקע, — האָט ער געענטפערט צעמישט, — נישט אַזוי שטאַרק...

— אַז נישט אַזוי שטאַרק, — האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און מיטגעצויגן, — איז דאָך נישט שיין, אַז אַזאַ שילער ווי דו, אַז דו איינער פון אונדזער קלאַס זאָלסט אויספעלן אויף אַזאַ וויכטיקער פאַרזאַמלונג... קום... צווישן די קינדער וועט דיר דער קאָפּווייטיק אפשר אין גאַנצן אַריבער.

ער האָט זיך נישט דערוועגט אַרויסצונעמען די האַנט פון אירע, און איז איר ווי אַ געבונדענער נאָכגעגאַנגען. ערשט ווען זיי האָבן געהיט-שטיל אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פונעם סקויטן-צימער, האָט זי אים פריי געלאָזט און אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ.

ער האָט זיך געזעצט און אויסגעמיטן צו קוקן צום טיש, אַרום וועלכן ס׳זענען געזעסן די לערער און די שילער רינג-פירער. אויפן טיש איז געלעגן, ווי אַ שטרענגער פאַרוואָרף און וואָרענונג, דער פאַרשעמטער שטעקן פון דער צוגערויבטער פאָן. צום טיש זענען

צוגעגאַנגען די שילער, וואָס האָבן איינער נאָכן אַנדערן געבעטן אַ וואָרט.

סעוועקן האָט געשווינדלט אין קאָפּ. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך געקרייזט עפּעס אַזעלכע מיניענדיקע רעגנבויגנס. ס׳האָט אים גע-צויגן אויסצודרייען דעם קאָפּ צו דער אָנפענצטערדיקער וואַנט, פון וואַנען ער האָט נעבכטן אַראָפּגעריסן די פאָן, אָבער ער האָט זיך מחמת שרעק באַצוווּנגען דאָס נישט צו טאָן: היינט וועלן ביערוטס אויגן אַ קוק טאָן אויף אים שוין גאָר בייז. און אפשר גאָר אַ ווינק טאָן אויף אים: — אָט איז ער, דער...! טרייבט אים אַרויס פון שול, דעם אַזעלכן און אַזעלכן!...

ער האָט דערהערט אַ באַקאַנטע שטים. אַהאַ! טכוזש פון זיין קלאַס. דער טכוזש, וואָס האָט אים געמאַכט אויף דער וואַנטצייטונג פאַר אַן אינדיק נאָך מיט אַ גרינעם האָרן דערצו. ס׳האָט אין אים ווידער אויפגעקאָכט דער נעכטיקער צאָרן, און ער האָט נישט גע-הערט וואָס יענער רעדט דאָרט. דערגרייכט צו אים האָט בלויז יע-נעמס אויספיר:

— אַזאַ זאַך האָט געקאָנט אָפּטאָן בלויז אַ געמיינער יאַט און דערצו נאָך אַ „טכוזש״!

— טכוזש איז זיך מודה, אַז ער אַליין, דער „טכוזש״, האָט עס געטאָן, — האָט עמעץ פון די שילער געמאַכט אַ וויציקן צווישנרוף, און ס׳האָט זיך דערהערט אַ כאָרכל געלעכטער.

...דאָס לאַכן זיי אַלע פון מיר, דעם אינדיק מיטן גרינעם האָרן, — האָט זיך געטומלט ביי סעוועקן אין קאָפּ. — אָך, ווען ער וואָלט קאָנען אויסרינען דאָ דורך דער פּאָדלאָגע!... און ווער רעדט דאָרט איצטער? אַ שילערין. ווידער פון פינפטן קלאַס, דאַכט זיך. ער האָט אויפגעהויבן אַהין די אויגן. בראָניע גוויזד. די, וואָס האָט דעמאָלט מיט אַ שמייכל געזאָגט: „מיינסט, סעוועק, אַז מע הייסט גרין, קאָן מען נישט טראָגן קיין רויטן סקויטן-קראַוואַט?״...

— איך האָב אָפּגעשפּאַרט די גראָשנס, — האָט זי גערעדט וואַרעם הארציק — וואָס מיין מאַמע פלעגט מיר געבן צו קויפן

עפּעס. מײַן מאַמע פאַרדינט נישט קײן סך. סע קומט איר שווער אַן יעדער גראַשן... זי איז אַ רוימערקע. איך האָב געקויפט זײַדענע פעדעם פאַר דער פאָן, וואָס איך האָב מיט די חברטעס אויסגע-האַפטן.

איר שטים האָט גענומען נאָכלאָזן, פײַכט ווערן. חוץ אירע ווערטער, האָט זיך געדאַכט צו הערן ווי סע אָטעמט די שטילקייט איבערן צימער, די שטילקייט, וואָס זאַפּט אײַן די ווערטער ווי אַ שוואָם. איר האַנט האָט ווי געציטערט אויפן טיש איבערן פאַר-שעמטן שטעקן פון דער פאָן, און אירע בלויע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך — ווי אויף אים טאַקע! — גרעסער געוואָרענע, גלאַנציק-פײַכטע און וואַרעמע.

סעוועק האָט געטאָן אַ כאַפּ אַוועק פון אָט די אויגן זײַן בליק. אָבער אויפן וועג האָבן אים, דעם בליק, געטאָן אַ כאַפּ איבער אַן אַנדער פּאַר בלויע אויגן, נאָר מיט אַ שאַרפערן בליק. דער לע-רערקע פּינקס בליק נעמט אים דורך און מאָנט פון אים עפּעס שטאַרק, באַפעלט אים עפּעס...

זײַן רעכטע האַנט, וואָס האָט נעכטן, ווי אַן זײַן ווילן, געריסן די פאָן, האָט זיך איצט, אויך ווי אַן זײַן ווילן, אַ הייב געטאָן. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ.

— סעוועק גרין פון פינפטן קלאַס בעט אַ וואָרט, — האָט הויך און ווי פײַערלעך אַ זאָג געטאָן די לערערין פינק, — קום אַרויס, סעוועק, צום טיש.

נאָר אויף אַרויסצוגיין צום טיש זענען סעוועקס פיס געווען שווין ווי פאַרחלשט. ער האָט זיך בלויז אויפגעשטעלט, נישט אָפּ-רײַסנדיק די שוואַרצע גלאַנציקע אויגן, מיט פינקעלעך איבערן גלאַנץ, פון דער לערערקע פּינקס פּנים. און ווי ער וואָלט דערפון טאַקע אַראָפּגעלייענט, האָט ער מיט אַן אָטעם-שטים ווי אָפּגע-זיפצט:

— מיר.. מיר קומט.. פון דער שול.. אַרויסצוּוואַרפן.. דאָס האָב איך...

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. עמעץ האָט אים אונטערגעכאַפּט און געגומען פירן. ער האָט נישט געזען ווער דאָס איז, אָבער גע־ווּוסט — ס'איז די קלאַסן־דערציִערין, די לערערקע חוה פּינק. ער האָט זיך געלאָזט פון איר פירן, זיך טוליענדיק צו איר, ווי צו דער אייגענער מאַמען, ווען ער איז קראַנק... איר, דער לערערקע, דאַרף ער פאָלגן נאָך מער ווי דער מאַמען...

*

די פאַרזאַמלונג איז — ווי אַ רעגן, איבערגעריסן פון אַ פּלו־צעמדיקן הילכיקן דונער — ווייטער געגאַנגען. מ'האָט זיך געדאַרפט אַרויסזאָגן, אויף וואָס פאַר אַן אופן באַשטראָפן דעם שולדיקן.

האָבן זיך געשאַפן צוויי לאַגערן, וואָס האָבן זיך איינער דעם אַנדערן באַקעמפט. איין לאַגער, דער שטרענגער, האָט געטענהט:

— דער שולדיקער האָט דאָך שוין אַליין אַרויסגעטראָגן דעם גערעכטן פּסק איבער זיך — „מיר קומט פון דער שול אַרויסצו־וואַרפן...".

האָבן די פון צווייטן לאַגער, דער מילדער, צו וועלכן ס'זענען צוגעשטאַנען יאַנעק טכוזש און בראַניע גוויזד, סקויטן פון דעם שולדיקנס קלאַס, געזאָגט אַן אַנדער מיינונג:

— פאַרקערט! אויב דער שולדיקער האָט זיך אַליין מודה גע־ווען און איז גרייט צו נעמען אויף זיך אַזאַ האַרבע שטראָף, כאָטש ס'איז קעגן אים אַפילו קיין באַשולדיקונג נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן — און קיין שלעכטער שילער איז ער נישט, מע קאָן אַפילו זאָגן, אַז אַ גוטער שילער, די לעקציעס האָט ער תּמיד צוגעגרייט, — איז דאַרף מען אים מוחל זיין די עוולה, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין.

מ'האָט געוואַרט אויפן צוריקקומען פון דער לערערין פּינק. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז איר מיינונג, די מיינונג פון דעם שול־דיקנס קלאַס־דערציִערין, וועט איבערוועגן, סיי לטובת אים, סיי קעגן אים. און אָט איז זי אַריינגעקומען, פירנדיק סעוועקן פאַר דער האַנט הינטער זיך, ווי זי וואָלט אים וועלן מיט איר קערפּער באַ־

שיצן. זי האָט אויסגעהערט אַ קורצן באַריכט וועגן די ביזאיצטיקע אַרויסזאָגונגען און באַקומען דאָס וואָרט.

— קלאָר, — האָט זי געזאָגט, — סעוועק האָט זיך מודה גע-ווען, אַליין באַנומען זיין שרעקלעכן טאַט, דאָס אַליין איז שוין גע-נוג. נאָר חוץ דעם וויל איך נאָך זאָגן...

זי האָט מיט אַ שאַרפן בליק באַטראַכט דעם שילער-עולם:

— אַז, כאָטש זיין טאַט האָט ער אָפּגעטאָן אַליין, האָט ער אָבער שותּפים צו זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. יאָ!

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פאַרווונדערונג און איינגעהאַלטענעם אָטעם: וואָס הייסט?!

— איך מיין, — האָט די לערערין פּינק ווייטער גערעדט שטיל, וואַרעם און מיט איבערצייגונג, — אַז סע זענען מיט סעוועקן מיט-פאַראַנטוואָרטלעך די שילער-סקויטן פון זיין קלאַס צוזאַמען מיט זייער קלאַס-דערציִערין. יאָ — צוזאַמען מיט מיר. איך טו נאָך סעוועקס ביישפּיל און בין זיך אַליין מודה דעריין. סעוועק האָט גע-האַט שווערע איבערלעבענישן די לעצטע טעג. האָבן עס זיינע קלאַס-חברים באַמערקט? ניין. איך האָב עס יאָ באַמערקט, אָבער אַפּנים זיך ווייניק פאַראינטערעסירט. געווען ווייניק וואַכזאַם. סעוועק האָט נישט קיין טאַטן. ווען איך בין אַ פּאָר מאָל געווען ביי זיי אין שטוב, האָב איך קיין איין מאָל אויך זיין מאַמען נישט געטראָפן... אָדער זי איז ביי באַקאַנטע, אָדער ביי קרובים... ווער זשע פאַרנעמט זיך מיט זיין דערציִונג אין שטוב? זענען מיר שולדיק, וואָס מיר האָבן זיך ווייניק פאַראינטערעסירט. ס'איז אָבער ווייניק אָפּצוקומען מיטן אָנערקענען אונדזער שולד. מיר דאַרפן זיך פאַרפליכטן צו נעמען זיך פון היינט אָן רעכט צו זאָרגן פאַר סעוועקס דערציִונג אויסער דער שול. איך פון מיין זייט פאַרפליכטע זיך. זאָלן מיר די סקויטן העלפן דעריין. מיר וועלן טאָן אַלץ, כּדי צו דערגרייכן, אַז צום נייעם שול-יאָר זאָל אונדזער סעוועק אַריבער אין זעקסטן קלאַס נישט נאָר ווי אַ גוטער שילער, נאָר אויך ווי אַ געטרייער סקויט...

סעוועקס ליפּן האָבן געצוקט, זענען אָבער נישט אין שטאַנד

געווען אַ וואָרט אַרויסצובערענגען. נאָר אויף זיין פאַרכמאַרעט פּנים האָט אויסגעבלאָסט אַ שמייכל, און זיינע שוואַרצע אויגן האָבן באַקומען זייער שטענדיקן גלאַנץ מיט די פינקעלעך איבער אים. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף דער לערערקע חוה מיט אַ דאַנקבאַרן אויגנפינטל. די לערערין האָט אַ שמייכל געטאָן צו דער גאַנצער פאַרזאַמלונג.

יאַנעק טכוזש און בראַניע גוויזד האָבן די ערשטע אָנגעהויבן אַפּלאָדירן, נאָך זיי דער פינפטער קלאַס און באַלד די גאַנצע פאַרזאַמלונג. דער גאַנצער שילער-קאָלעקטיוו האָט באַקומען ווי איין גרויס דערפרייט און צעלאַכט פּנים.

דאָס שול-גלעקל האָט שאַרף אַ רוף געטאָן אין די קלאַסן אַריין. אַלע זענען מיט אַ פריילעכן טומל אַרויס. סטוועק איז פאַרבליבן מיט דער קלאַסן-דערציִערין. זיין פּנים האָט בלאָס געלויכטן, ווי דאָס פּנים פון אַ קראַנקן, וואָס גייט גענעזן ווערן.

— ווו האָבן מ י ר אַהינגעטאָן די פאָן, סטוועק? — האָט די לערערין היימיש-שטיפעריש אַ פרעג געטאָן.

סטוועק האָט געטאָן אַ לויף צו דער ביבליאָטעק-שאַפקע, אַ קוק צווישן איר און דער וואַנט, אַריינגעשטעקט אַהין די האַנט און זי אַרויסגעצויגן:

— אָט איז זי...

— סאַמע אונטער דער נאָז, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן דאָ אַ קוק צו טאָן. — האָט געלאַכט די לערערקע — אָט וועלן מיר זי באַלד צורעכטמאַכן און אויפהענגען אויף איר אָרט.

אין מיטן דער אַרבעט האָט זי געכאַפּט בגנבה אַ קוק אויף סטוועקן. און זי האָט דערזען: טרערן קאַפּען אים אַראָפּ פון די ברעמען, רינען איבער זיינע בעקלעך און פאַלן אַראָפּ אויף דער פאָן. אָבער זיין פּנימל, אַ מאָגערס און מיזערנע, זעט דערביי נישט אויס באַצערט. דאָס זענען נישט קיין טרערן פון יסורים, נאָר פון רירונג און געטרייסטקייט — וואַרעמע, זיסע טרערן.

וואַרשע, פעברואַר 1954

# אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן

אַ זומערדיקער זונטיק-פרימאָרגן. די וואַרשעווער גאַסן זענען אויסגעליידיקט פונעם וואָכעדיקן גערויש און אומאויפהערלעכן געאייל פונעם ראָד-פאַרקער. דער ברוק און די טראָטואַרן זענען אויסגעבעט מיט ווייכער שטילקייט. די לופט איז ליכטיק, שימערנ־דיק און הייבט שוין אָן באַצייטנס צו היצן — זי איז די זונשיין אַליין. די שטומע ווענט פון די געשלאָסענע געוועלבער אָטעמען שוין אַרויס אַ וואַרעמקייט, וואָס זאָגט אָן גאָר אַ גרויסע היץ ביי טאָג. שיטערלעך גייען מענטשן אויף די טראָטואַרן אין לייכטער, העלער, קאָלירטער, געבלימלטער קליידונג. אַנטבלויזטע פיס און הענט, העלדזער, אַקסלען און דעקאָלטן. די טראַמווייען, אויטאָבוסן און טראָלייבוסן פאָרן היינט, דאַכט זיך, לייכטער, שנעלער, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן מיט זייערע אויפגערוימטע פּאַסאַזשירן פאַר דער אָנקו־מענדיקער היץ אין שטאָט.

ביים טראַמוויי-אָפּשטעל אויף טאַרגאָווע גאַס איז פאַרזאַמלט אַ געזעמל אָפּוואַרטנדיקע פּאַסאַזשירן: ווער ס׳קלייבט זיך פאָרן אין אַ ווייטער גאַס אָפּצוריכטן אַ תּפילה דאָרט אינעם קאָשטשאָל, וואָס איז אים באַזונדערס ליב נאָך פון די קינדער-יאָרן, ווער — צום ווייסל-ברעג אויף דער פּליאַזשע, ווו ער וועט זיך לאַנגע שעהען פּרעגלען און ברוינען אויף דער זון, און ווער — אין איינעם פון די שטאָט-גערטנער, אויסצובאַהאַלטן זיך אויף אַ באַנק אין אַ שאָטנדיקער אַלעע און נאָכקוקן די פאַרביישפּאַצירער. אַ טייל ווי־דער וואַרט אויף אַרויסצופאָרן הינטער דער שטאָט אין וואַלד. מע שטייט איינציקווייז, פּאָרלעכווייז און אין גאַנצע געזינדלעך — על־טערן מיט קינדער. די מענער, מיינסטנטייל, זענען באַלאָדנט מיט אָנגעשטאָפּטע טעקעס עסן און טרינקען, מיט צונויפגעלייגטע דע־

קעס אויסצושפּרייטן אונטער זיך. ווער שמועסנדיק, ווער שווייגנ-דיק קוקט אויס זיין טראַמוויי. קומט אָן אַ וועלכער, פאַרנעמט ער די פּאַסאַזשירן, וואָס דאַרפן אין יענער ריכטונג, וווהין ער גייט, און לאָזט די איבעריקע וואַרטן אין אויסקוקעניש אויף די ווייטערע. דאָס געזעמל ווערט נישט קלענער; די אַוועקגעפאָרענע פאַרטרעטן באַלד פריש-צוגעקומענע.

קווער אַריבער דעם ברוק, פירנדיק פאַרן הענטל איר אַכט-יאָריקן אומרויִקן דוניעקן, קומט צו צום טראַמוויי-אָפּשטעל צלאָווע יִטערוק — אַ ברונעט, באַחנט ווייבל מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ קורץ, אַ ביסל פאַרריסן נעזל. זי איז אין אַ קליין דרייקאַנ-טיק רויט טיכל איבער די שוואַרצע האָר און אין אַ געבלימלט פליאַזשע-קליידל, וואָס כאַטש סע האָט פון פאָרנט, פונעם טיפן דעקאָלט ביז די קני, אַ שורה ווייסע מוטערפּערלנע קנעפּלעך, וועט אָבער געננוג זיין זי זאָל, אין וואַלד קומענדיק, אַ שפּיליע-אָפּטאָן סך-הכל דריי זאַפּינקעס, און סע וועט פון איר אַ פּאַל טאָן, ווי אַ שאָלעכץ פון אַן אויסגעצייטיקטער פּרוכט... זי וועט בלייבן שטיין אינעם ראָזן שטייפן ברוסטהאַלטער און די דינינקע טרוסיקעס מיטן אָפּעטיטלעכן ברוינעם לייב קעגן דער זון...

צלאָוועס הייסע אויגן טוען אַ גלי, און איר שקאָצעוואַטע נעזל צעפּאָכעט די נאָזפליגעלעך מיט אַ שמייכל צו דער דאָזיקער פאַר-שטעלונג. זי וואָלט שוין געווען איצט גאָר געהויבן געשטימט, ווען דוניעק וואָלט נישט געהאַלטן אין איין אַרויסרייסן זיין הענטל פון אירער און „שאַרפּיען” דערמיט אירע נערוון; ווען זי וואָלט נישט כסדר אָפּפילן הינטער זיך אים, שעפּטלען, דעם מאַן אירן, מיט זיין אומבאַהאָלפענער רוגזה צוליב איר „אויפטו” צו פאָרן דווקא אַזש קיין בעליאַן... לויט אים נאָך — ער איז פאַרמאַטערט פון דער גאַנצער וואָך אַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו, אַכט שעה אַ טאָג, און די איבעריקע צייט ביים צופאַרדינען אין דער היים — יאָ, לויט אים נאָך וואָלט מען געקאָנט גאַנץ שיין יוצא זיין דעם זונטיק מיט פאַר-ברענגען דעם טאָג אין שכנותדיקן זאָאָ-פּאַרק. פּאַר אַ פּראָסטן

שניידער און פאַר זיין ווייב, אַ פּשוטע עמכעטע, מיינט ער, איז עס גענוג! נישט שלעפּן זיך מיטן טראַמוויי אין ענגשאַפט און דושנע-קייט אַזש „צון אַלדי שוואַרצע יאָר... כּדי וואָס? כּדי צו באַווייזן פאַר גאַנץ קהל דאָס גאַנצע ווייבערישע פאַרברוינטע טייגעכץ...״ — אַזוי האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט וועגן איר!

אין דעם מאָמענט דערשפּירט דער אומרוּיִקער דוניעק, אַז דער מאַמעס האַנט איז לויזער געוואָרן, און ער טוט פון איר אַ צי אַרויס דאָס הענטל. איצטער וועט ער זיין דער אויסקוקער אויפן נייטיקן טראַמוויי. ער ווייסט, אַז קיין בעליאַן פאַרט מען פון דאַנען מיט אַ „זעקסטל״. ער וועט טאָן עפּעס אָן אַרבעט! ער טוט אַ פאַררוק העכער דאָס קיילעכדיקע רויטבלויע ראָווערניסטן-היטעלע, דער לאַנגער דאַשיק זאָל אים נישט שטערן צו דערזען די נומערן פון די אָנקומענדיקע טראַמווייען.

צלאָווע קערעוועט אַוועק דעם קאָפּ צו כאַפּן אַ בליק הינטער זיך: שעפטל שטייט אומבאַוועגלעך און שווערלעך. ביידע הענט הענגען אים אַראָפּ, ווי מיט געוויכטער: פון איין זייט די טעקע מיטן „ציידעלעדערעך״* ווי ער רופט עס, און פון דער צווייטער זייט דאָס ווייסע נעצל, פון וועלכן עס שטאַרצן אַרויס פאַלדן פון דער צונויפגעלייגטער דעקע. זיין פּנים איז נאָך אַלץ ברוגז-אָנגעבלאָזן... די גאָרע רוגזה האָט זיך אים צוזאַמענגעקליבן אין די וואָנצעלעך אַריין אונטער דער היפּשלעכער נאָניע... נו, איז זי נישט טויזנט מאָל גערעכט געווען דעמאָלט, בעת זייער צוריקפאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס זי האָט געפּאָדערט, ער זאָל זיך פאַרלאָזן וואָנצעלעך, כּדי מיט זיי צו „פּאַרפּווילישן״ די ייִדישע נאָז... איצט זעט ער אויס ממש ווי אַן אָפּגעקומענער בייזער פּריץ... אַז ער שווייגט, קאָן מען זיך כּלל נישט כאַפּן, אַז ער איז אַ ייִד.. זיין פּנים, גלאַט, אָפּגעראַזירט און זויבער לכּבוד זונטיק, זעט אויס נאָך אָפּגעצערטער און בלאַסער, איידער אין דער וואָכן.

---

* צידה לדרך.

...כ׳וואָלט געווען באַדאַרפט כאַטש דאָס נעצל מיט דער דעקע אַליין טראָגן, — טוט איר אַ פּיק דאָס געוויסן. זי שפּיזט אָן איר גלאָצנדיקן בליק אויפצוכאַפּן זײַנעם און וויל צו אים איבערבעטנ-דיק אַ שמייכל טאָן. אָבער דוניעק שטערט. ער שטייט נישט איין אויף קיין אָרט: בייגט זיך אַלע מאָל אַריבער צו די שינעס אויס-צוקוקן דאָס „זעקסטל" און טיילט-מיט שרייענדיק די נומערן פון די אָנגעקומענע „נישט אונדזערע" טראַמוויען. ער קאָן נאָך אונטער אַ טראַמוויי אַרונטער. חוץ דעם שרעקט זיך צלאָוועס האַרץ, אַז זײַן „ייִדישע אומדערצויגנקייט" וועט פאַרמסרן ווער זײַן טאַטע-מאַמע זענען... צו וואָס זיך וואַרפן קריסטן אין די אויגן?... און דאָ אויף צרות טוט אים נאָך שעפּטל אַ רוף ביים ייִדישן נאָמען מיט אַ בייזער: — דניאל.

זי דערפילט, צלאָווע, ווי די זון פון הימל טוט זיך איר אַ זעץ אַראָפּ אויפן רויטן טיכל און לויפט דורך מיט פלאַמען-קרויזן פון קאָפּ דורך אַלע גלידער ביז אַראָפּ. זי טוט זיך רייסיק אַ בייג איין, אַ כאַפּ דוניעקן פאַר אַן אַקסעלע, איבער וועלכן ס׳איז פאַרוואַרפן דאָס רימענדל פון זײַן קליין רענצעלע, און מיט אַ שטומער רציחה אַ ריס אים צו זיך, ווי ער וואָלט זײַן נישט דוניעק, נאָר שעפּטל...

אָבער דוניעק האָט אַפילו איצטער זיך זײַנס אין זינען, ער טוט קוויטשענדיק, אָפּגעהאַקט אַ געשריי:

— טאַטע, דאָס „זעקסטל".

דער טראַמוויי לויפט אָן, פאַרפאַמעלעכערט דעם גאַנג און בלייבט שטיין.

צלאָווע, אָנגעצונדן פאַר בושה, ווי אַנטלויפנדיק פון אַ שׂרפה, כאַפּט זיך אַריין אין וואַגאָן מיט דוניעקן דורך דער פאָדערשטער פלאַטפאָרמע. ייִטערוק טוט זיך אַ לאָז צו דער הינטערשטער, שטופּט זיך אַריין, קויפט אויס בילעטן און דערשטופּט זיך, ווען דער טראַמוויי איז שוין אין ווייטערן גאַנג, צום ווייב מיטן קינד. דוניעק, דערזעט ער מיט צופרידנקייט, זיצט שוין ביים ערשטן פענצטער קעגנאיבער אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף-דרייצן, ביידע פאַרקוקטע

מיט אינטערעס אין דרויסן אַרויס. צלאָווע שטייט צווישן דוניעקן און אַ יונגן קריסט מיט אַ ברונעט און סימפּאַטיש פּנים אין שטאַר-קער ענגשאַפט. דאָס פליאַזשע-קליידל איז איר ביים רעכטן אַקסל מיט געוואַלד אַראָפּגעצויגן, און עטלעכע קרויזן האָר זענען איר אַרויסגעשויבערט פון אונטערן רויטן טיכל. זי זעט אויס צוליב דעם עפּעס אַ ביסל ווילדלעך, און זי ווערט אים אַ שאָד. כאַטש... זי איז זיך אַליין שולדיק, נאָר ער טרייסט זיך דערמיט, וואָס אים אַליין, מיט ביידע פאַרליידיקטע הענט, איז דאָך נאָך שווערער. נאָר אָט טוט זיך דער יונגערמאַן מיטן סימפּאַטישן פּנים אַ ווענד צום יִנגל, וואָס קעגנאיבער דוניעקן, ער זאָל אָפּטרעטן דעם פּלאַץ דער שטייענ-דיקער פרוי — זיין צלאָווען, הייסט עס.

— נישקשה, — זאָגט ער מיט אַ זיך אויספּיינענדיקן טאָן, זייער באַרעדעוודיק, — אַזאַ יִנגל קאָן אונטערשטיין אַ ביסל... אַזאַ יִנגל מעג שוין אַליין פאַרשטיין צו זיין העפלעך צו אַ פרוי... אָט האָב איך אָפּגעטרעטן מיין אָרט דער פרויס יִנגעלע...

דאָס יִנגל, וועלכן ס׳איז נישט אַזוי אַ שאָד דער זיצפּלאַץ ווי דאָס פענצטער צום דרויסן, רויטלט זיך, פאָלגט אָן חשק און שטופּט זיך גאָר דורך אויף דער פּלאַטפאָרמע צום מאָטאָר-פירער. דאָס וויל אויסנוצן איינע אַ הויכע און היפּשע פרוי, וואָס שטייט דער-נעבן, און טוט אַ שטופּ אונטער צום באַפרייטן פּלאַץ איר אַבט-יאָריק מיידעלע. אָבער איידער וואָס-ווען, האָט שוין דער סימפּאַ-טישער, העפלעכער יונגערמאַן באַוויזן צו פאַרבעטן צלאָוועןמיטן בליק, פאַרשטעלנדיק דעם פּלאַץ פאַר איר, און צלאָווע זיצט שוין טאַקע, באַדאַנקענדיק אים מיט אַ מילדן שמייכל. זי ציט דערביי אַרויף דאָס אַראָפּגערוקטע פליאַזשע-קליידל און פאַרשאַרט די צע-שויבערטע קרויזן אונטערן רויטן טיכל. דאָס מיידעלע בלייבט שטיין אָפּהענטיק, צו דער גרויסער אַנטוישונג פון איר מאַמען, צווישן דער שויב און דעם סימפּאַטישן, העפלעכן יונגערמאַן. זי קוקט אַרויס מיט קינדערישער רעזיגנאַציע צום דרויסן.

אויף צלאָוועס פּנים איז שוין גאָרנישט צו דערקענען, אַז ערשט

פריִער אַ ביסל איז עס רויט געווען מחמת בושה פאַר די קריסטן און פון רציחה אויף זייער דוניעקן און האָט אויסגעזען אַפילו ווילד אַ ביסל... זי האָט געשמייכלט צום יונגערמאַן... נו, ער האָט זיך אויף דעם פּאַרדינט. פריִער אָפּגעטראָטן זיין אייגענעם פּלאַץ דו-ניעקן, דערנאָך איינגעשאַפן דעם פּלאַץ צלאָווען... אַ ווילער קריסט!

צופרידן צוליבן ווייב מיטן קינד, דערפילט יִטערוק שטאַרקער זיין אייגענע איבלדיקע לאַגע: די טעקע ציט אַזוי אַראָפּ די האַנט, ווי זי פון אַקסל-געלענק אַרויסצורייסן; און מיט וואָס צו אָטעמען איז נישטאָ; אַפילו אַ הערינג אין פאַס ליגט לכל-הפּחות אויסגע-צויגן... ער שטופּט זיך צו האַרטער צום „ווייבס קאַוואַליר", פאַר וועלכן ער האָט אַ גוט געפיל, הייבט אויף די שווערע טעקע און, אַריבער זיין אַקסל, פאַרביי זיין פּנים, דערלאַנגט ער זי צלאָווען. זי באַוויליקט זי צו נעמען, כאָטש נישט אומקוקנדיק זיך צו אים, צו זיך אויפן שויס. אויך דער קאַוואַליר דרייט נישט אויס דעם קאָפּ. די גליקלעכע טעקע אויפן שויס פון דער יונגער סימפּאַטישער פרוי איז אים טשיקאַווער, און ס׳איז אים אַ שאָד פון אירע רייצנדיקע אויגן דעם בליק אָוועקצורייסן. דערפאַר אָבער פילט יִטערוק אויף זיין הייס פּנים דעם בליק פון יענער הויכער, היפּשער פרוי, וועלכער ס׳האָט זיך נישט איינגעגעבן, איר מיידעלע זאָל פאַרנעמען צלאָוועס פּלאַץ. זי קוקט אויף אים פאַרשנדיק פון דעם מאָמענט אָן, ווען ער האָט אַריבערדערלאַנגט זיין פרוי די טעקע, ווי זי וואָלט אים גע-קוקט דער עיקר אויף דער נאָז... און אָנטרעפנדיק זיך מיט זיין בליק, טוט זי אַ זאָג אין דער ריכטונג פונעם פענצטער מיט פאַר-דראָס און פאַראַכטונג, ווי גערעדט צום דרויסן גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— פאַרשטעלן פאַר אַ קינד דאָס ביסל לופט פון דרויסן אין אַזאַ חמימה און דושנעקייט קאָן נאָר אַן אומדערצויגענער מענטש!...

דעם העפלעכן יונגערמאַנס ברוין סימפּאַטיש פּנים טוט אַ פּלאַץ, גיסט זיך אָן מיט ראָזקייט פון צאָרן און באַליידיקטקייט, מי-ניעט זיך אין קאָלירן און, אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו יענער פרוי,

הייבט ער אָן איר אָפּענטפּערן און זידלען, מיט הפסקות, זיך באַ-דענקענדיק, אָבער זיך שוין נישט איינשטילנדיק.

די אויגן פון די אַרומשטייענדיקע ווענדן זיך צו די פנימער פון די, וואָס פאַרהערן זיך עפּנטלעך, און צום פענצטער, צוליב וועלכן ס׳האָט אויסגעבראָכן דאָס געקריג. די שויב איז ביז אַ דריטל אַראָפּ-געלאָזט. דאָס מיידעלע, וואָס שטייט דאָרט, איז נאָך צו קליין צו דערלאַנגען צו דער אָפנקייט פון פענצטער, און דער צעצאָרנטער יונגערמאַן — צו הויך. כּדי פרייער צו אָטעמען, שטייט ער, אָנגע-לענט אויפן ראַנד פון דער אַראָפּגעלאָזטער שויב, איינגעבויגן איבער דעם מיידעלעס קעפּל. גיי פּסקן, צי דאָס הייסט — פאַר-שטעלן דעם קינד די לופט!

די הויכע היפּשע פרוי ענטפערט אָפּ מיט איינגעהאַלטענער בייזקייט, מיט הפסקות, לענגערע איידער דעם קעגנערס. ווי בלויז אָפּטרעטנדיק און זיך אָפּשיסנדיק. אָבער אין דעם יונגנמאַן האַלט עס אין איין בורטשען און זידלען, און ער איז אומדערמידלעך אין זיין אָנגרייפן, וועלנדיק זיך באַווייזן פאַרן יונגן רייצנדיקן ווייבל, וועלכער ער האָט געגעבן די געלעגנהייט צו דערפילן אויף זיך גופא זיין אמת פוילישע, קולטורעלע העפלעכקייט און אמת קאַטוילישע, מענטשלעכע גוטהאַרציקייט: איר יִנגעלע האָט אָפּגעטראָטן דעם אייגענעם פּלאַץ און איר אַליין פאַרשאַפט אַ צווייטן. ער הערט נישט אויף צו דעקן זיין באַפאַלערין מיט שאַרפסטע, טשעפּענדיקע און אויפהעצנדיקע רייד אַפילו נאָך דעם, ווי יענע ווערט שוין אויף אַ לענגערער צייט אַנטשוויגן... צי ווייל זי וויל זיך שוין פון אים אָפּ-טשעפּען, פון דעם חוצפּהדיקן ייִדישן משרת, צי ווייל זי קאָן אים נישט פּשוט נאָכהאַלטן אין זיין דערפינדערישער אומקולטורעלער שעפערישקייט...

ייִטערוק, כאָטש אין גאַנצן אויף דער זייט פונעם סימפּאַטישן יונגנמאַן און קעגן יענער אומגערעכטער פרוי... פון וועלכער מע וואָלט קאָנען צוויי צלאָוועס צושניידן — לאָזט פון דעסטוועגן די גאַנצע צייט נישט אַראָפּ קיין אויג פון יענערס טעכטערל ביים

פענצטער. דאָס מיידעלע, וואָס שטייט אַזוי שטיל, איינגעהאָרכט אין דעם געקריג איבער איר, ווי אַ הינדעלע אין אַ גאָסרעגן, איז אים זייער אַ שאָד. צוליב איר גראָבער מוטערס שולד איז איר בלאָנד קעפּל מיט די צעפּלער שולדיק אַראָפּגעלאָזט צו דר׳ערד. דאָס פּנימל אין פּראָפיל — באַצערט און פאַרשעמט.

דאָס מיידעלע שעמט זיך דערמיט, וואָס איר מאַמע האָט דאָס געקריג אָנגעהויבן, און ס׳איז איר פּיינלעך פון דעסטוועגן, וואָס די מאַמע ווערט אַזוי גראָב באַליידיקט עפנטלעך פון דעם פרעמדן מענטשן... זי פילט אים איבער זיך ווי אַ באַרג, און שטיינער פאַלן פון אים אויף איר. אירע צונויפגעפּרעסטע ליפּלעך צוקן אונטער. עפּעס אַ שווערע, טעמפּע און איבלדיקע זאַך קריכט איר אָן אויפן הערצל, און די אויגן פאַרגייען איר מיט אַ פייכטן, וואַרעמען נעפּל... מחמת מורא פאַר דער מאַמען, וועלכע איז איצט אַזוי בייז און אומגערעכט, צעבעטשעט זי זיך נישט אויפן קול... און — ווי ווערט זי אויסזען אין די אויגן פון דעם יינגעלע, וואָס זיצט דאָ דער־נעבן?!...ער קוקט כּלומרשט אין דרויסן, אָבער זי זעט מיט איין אויג זייטיק, אַז אויך ער הערט זיך צו צום געקריג...

אין צווישן האָט דער טראַמוויי שוין עטלעכע מאָל געהאַט זיך אָפּגעשטעלט און איז איינגעלאָפן אַ היפּשן וועג. אויף די סטאַציעס קומען אָפּ און צו מענטשן אין וואַגאָן אַריין, און די ענגשאַפט, שטופּעניש און דושנעקייט פאַרגרעסערט זיך. נאָר אָט פאָרט מען פאַרביי די געטאָ-פּלעצער, אָפּגערייניקטע שוין פון עם גרוז און דאָ און דאָרט שיטערלעך פאַרבויטע, און מען איז שוין אַרויס פון שטאָט. אַ פרישׁ לופטל ווייעט אַריין דורך די טירן-פענצטער.

ענדלעך איז אויך דער בייזער, העפלעכער יונגערמאַן, קענ־טיק, שוין איינגעמאַטערט. זיין שׂינאה-פייער טליעט שוין בלויז אין זיין אינגעווייד. און, ווי כּדי אין גאַנצן זיך אויסצולעשן, טוט ער אומגערעכט אַ דריי אויס דאָס שטרענג-אָנגעברוגזטע פּנים צום נאָענטסטן שכן, וועלכער איז גראָד יעטערוק, און רוימט אים איין

אין אויער אַ געשעפּטש, וואָס צישעט מיט גיפטיקער שׂינאה:

— אַ זשידוווע איז זי!... אַ זשידוווע!...

— אַזוי-ווי?... — שטאַמלט יִיטערוק, צעמישט פון אומגעריכטקייט און פון נישט-וויסן, ווי אַזוי אויף דעם עקלהאַפטן געמיינקייט צו רעאַגירן.

אַן אומבאַהאָלפענער, שעמעוודיקער שמייכל טוט אַ בלאָנדזשע אויף זיין אָפּגעצערט, פאַררויטלט פּנים פון אינעווייניקסטער און דרויסנדיקער היץ, און זיין בליק טוט אַ זוך צלאָוועס: איר שאַרפער געהער האָט זיכער אויפגעכאַפּט איר קאַוואַלירס געציש... און ער לייענט טאַקע גלייך איבער אין אירע גרויסע גלִיענדיקע, אויגן גע-בעט מיט באַפעל גלייכצייטיק: דערוועג זיך נישט דאָ, שעפּטל, אַרויסצוקריכן מיט דיין סאָציאַליזם און מיט דיין יִדישקייט... ער איז דאָ אין וואַגאָן זיכער נישט איינער אַזעלכער...

טוט יִיטערוק דאָס איינציקע, וואָס סע בלייבט אים נאָך איבער אין דעם פאַל צו טאָן: פאַרשווייגן און אָפּטרעטן דעם סימפּאַטישן אַנטיסעמיטישן הונט... ער שאַרט זיך פון אים אַוועק און רוקט זיך צו נעענטער צו דער „זשידוווע". ער דערפילט איצטער צו איר מיט אַ מאָל עפּעס, וואָס איז מער ווי סימפּאַטיע צו אַן אומזיסט באַ-ליידיקטן מענטשן — קרובהשאַפט און מיטגעפיל... ער וועט אויפ-פּאַסן אַ געהעריקע מינוט צו פאַרבייטן מיט איר אַ פּאָר ווערטער... און דערווייל שטעלט ער אָן אויף איר אַ באַטראַכטנדיקן בליק; דאָס פּנים — אַן אויסגעכאָליעטס, דאָס מויל — אַ זאַטס און זאַפּ-טיקס, דער בוזעם — הויך און פאַרנעם... דאָס מוז זיין אַ דאַמע „פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו"... נישט אונדזערס זגאַל... אָבער פּאַרט — אַ יִידישע, אַ „זשידוווע"... זיין בליק באַגעגנט זיך אַ צווייט מאָל מיט אירן און — גאָר אומגעריכט שוין, ווי אַ מלחמה אָן אַ מלחמה-דערקלערונג, טוט זי אַ שיק אַ קויל נאָך אַ קויל אין דער פּלייצע פון דעם אין גאַנצן איינגעשטילטן קריגערישן יונגנמאַן:

— ווער סע געדענקט נישט די אַמאָליקע נאַלעווקעס!... מ'האָט שוין פון זיי אַראָפּגעפּירט דעם גרויז צוזאַמען מיטן יִדישן שמוץ...

מ׳האָט עס פאַרבייפאַרנדיק געזען דורכן פענצטער... און מע האָט נאָך אַלץ אַלע וואַנצן נישט אויסגעפּאַרעט...

יִטערוק זוכט ווידער אויף זיין צלאָוועס פּנים. ס׳איז אָנגעצונדן און מיניעט זיך אין צאָרן און פאַרלעגנהייט, די ליפּן צוקן, דאָס שקאָצעוואַטע נעזל, וואָס מאַסקירט איר יִדישקייט, רייכערט זיך, דאַכט זיך... זי פילט אַוודאי אויף דער הויט די פאַרשנדיקע, פרעגנ-דיקע בייזע אויגן פון איר העפלעכן קאַוואַליר. אירע ברעמען טוען זיך אַ לאָז אַראָפּ, ווי כמאַרעלעך איבער אירע בליצנדיקע אויגן. זי קוקט איצט בגנבה אויף זייער דוניעקלען, וועלכער גלי-ווערט אין איינהאָרכן זיך, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, אַז מע שענ-דעט דאָ זיין טאַטע-מאַמע און אים אַליין.

אין דעם מאָמענט ווערט טאַקע דעם יונגן אַנטיסעמיט קלאָר, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן!... אָפּגעטרעטן דעם אייגענעם פּלאַץ אַ זשידעקל... געשאַפן אַ פּלאַץ פאַר דער זשידוווע און... אַזוי גראָבהויטיק באַליידיקט אַן אמתע חשובע פּאָלקע, אַ קאַטאָ-ליטשקע!... און אפשר נאָך — נעמט זי אים אָן פאַר אַ זשיד, ווי ער האָט זי פריִער אָנגענומען פאַר אַ זשידוווע?! און ווען האָט ער זיין פאַטאַלן טעות פאַרטרויט אויפן אויער? — אַ זשיד! אַנטשול-דיקן זיך און אויפקלערן?... דאָס שיקט זיך נישט... צו ווייט שוין פאַרפאָרן!...

ער דערפילט אַ פוסטקייט אין קאָפּ, אַן ענגעניש אין קעל, אַ מין טעמפּקייט אין האַרצן און — וואָס נאָך ערגער! — אַ גרימע-ניש אין בויך... ער, לופט אַ ביסל! לופט!... און ער טוט זיך האַסטיק אַ דריי אויס אין דער ענגשאַפט און שטופּט זיך דורך צו דער פּלאַט-פאָרמע, אַזש ביז צום טרעפּל, ווי אַט שפּרינגט ער אַרויס פון וואַ-גאָן אין מיטן גאַנג. ער בלייבט שטיין זייטיק, מיט אַן אַרויפגעהוי-בענעם אַקסל אין וואַגאָן אַריין, מיט אַן אָפּגעשמיסן פּנים און טעמפּן בליק פאַרקוקט אין דער ווייט... פאַר וואָס ציט זיך היינט אַזוי לאַנג דער וועג קיין בעליאַן?!...

די סטאַציעס ווערן איצט אָפּטערע. מענטשן שטייגן אויס, פרי-

שע קומען נישט צו, אין וואַגאָן ווערט שיטערלעכער, פרייער, לופּ-טיקער.

אין ייִטערוקס אויפגעהעצט און צעווייטיקט געמיט הייבט אָן אויפצוגיין אַ הייטערקייט. ער לאָזט נישט אַראָפּ דעם בליק פון דעם אַנטיסעמיטס אַרויסגעבויגענע פלייצעס פאַרויס... ער פילט נעבעך זיין גאָרן בראָך, דער כלב, און קאָן אים נישט פאַרריכטן. ביי יעדן אָפּשטעל טוט ער זיך אַ באַוועג ווי אַרויסצושפּרינגען און בלייבט ווידער איבער... ווי אַ הון, וואָס הוידעט זיך אונטער אַראָפּצושפּרינ-גען פון אַ צו-הויכן פּלויט און בלייבט אויפן אָרט מחמת פּחדנות... און גלייכצייטיק איז זיין געהער ציטעריק אָנגעשפּיצט אויפצו-כאַפּן פון הינטער זיין אייגענער פּלייצע, דורך דעם זינגעוודיקן רוישן, קלאַפּן און סקריפּען פונעם טראַמוויי די שעפּטשענדיקע רייד פון דער געמיינטער זשידוווע און אמתער אַנטיסעמיטקע צו עפּעס אַן עלטערער פּרוי:

— איך האָב אויפן אָרט דערשמעקט, מיט וואָס דער דאָזיקער העפּלעכער קאַוואַליר שמעקט... ער איז פון די הייַנטיקע... איך בין דאָך אַריין מיטן טעכטערל גלייך הינטער זיי... וועמען זענען געקומען די פּלעצער?... וואָס? ער האָט נישט דערקענט?... ער האָט דאָך געזען אַזוי גוט, ווי איך, ווי דער זשיד מיט דער נאָז האָט דערלאַנגט דער זשידוווע די טעקע...

איצט שעפּטשעט דאָרט איר אַלטע מיטשמועסערין עפּעס נישט צו דערהערן. און באַלד הייבט זי ווידער אָן מיט אַן אויפ-געהויבענער שטים:

„...צי הערט ער כאָטש, דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער אייזל, אין וואָס די חשובע דאַמע איז אים חושד, אַ בראָך צו זיינע יאָרן!?"

— צאַפּלט זיך אין ייִטערוקס געמיט אַ נחת-רוח, ווי אַ לעבעדיק גאָלדן פישל.

דאָ טראָגט זיך דער טראַמוויי פאַרביי אַ קאַשטשאָל. צוויי על-טערע קריסטן אויף דער פּלאַטפאָרמע טוען מעכאַניש אַ הייב די דלאָניעס צו די שטערנס און אַ צי מיט די פינגער די היטלען פאַר

די דאַשקעס. אויך ע ר טוט אַ הייב די דלאָניע. אָבער... זי בלייבט שטעקן מיט צערעפּעטע פינגער אַ פאַרגליווערטע לעם זיין טשופּרינע: ער איז דאָך אין בלויזן קאָפּ...

אויף דעם אַנטיסעמיטס דאָזיקער קאָמישער מפּלה צעבלישטשען זיך אין יִטערוקס געמיט דאָס גאָלדענע פישל מיט אויפגעפלאָטערטע שופּעלער קעגן אַ זון... סע פאָרט זיך טאַקע איינס מיטן צווייטן: פינצטערער אַבערגלויבן מיט אַנטיסעמיטיזם... אָבער די שטים פון דער אַנטיסעמיטישער דאַמע, וועלכע האָט אַפּנים באַמערקט דאָס זעלבע וואָס ער, ווערט ווייכער און זי זאָגט שוין מיט אַן ערנסט-באַדויערנדיקן טאָן:

— יאָ... מיר אַליין זענען שולדיק, וואָס י ע נ ע האַלטן אין איין פאַרכאַפּן אונדזערע פּלעצער...

ענדלעך דערנענטערט זיך דער טראַמוויי צו בעליאַן. ביי דער דאַמע פאַרמאַכט זיך דאָס מויל. איר בייז געמיט וואָלט זיך שוין אפשר אין גאַנצן באַרויִקט, ווען נישט דער זשיד מיט דער נאָז, וואָס שטייט איצט ווידער אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר, כאַפּט אויף איר פון צייט צו צייט זייטיק אַ בליק און... ווי ער וואָלט עפּעס אין זיך אַריינגעשמייכלט. אַזאַ עקלהאַפטער זשידישער שמייכל... זיין זשידוווע מיטן זשידעקל הייבן זיך שוין אויף פון די ערטער... זי דערלאַנגט דעם מאַן די טעקע... ווערט מען שוין ענדלעך פּטור פון זיי, פון די וואַנצן... וועט מען כאַטש די לעצטע סטאַציע אָפּאָטעמען מיט ריינער לופט... אַ! ער קוקט שוין ווידער... זי וואָלט אים...

דער טראַמוויי בלייבט שטיין. דער ערשטער טוט אַ שפּרונג אַרויס ע ר און בלייבט נישט. ווי אין דר׳ערד אַריין איינגעזונקען. סע שטייגן אויס נאָך עטלעכע פּאַסאַזשירן. די לעצטע — צלאָווע מיט דוניעקן. יִטערוק טוט זיך אַ בייג-איין צו דער דאַמעס אויער און שעפּטשעט איר אייליק אין אויער אַריין:

— ס׳וועט אייך כּדאַי זיין, פּאַני, צו וויסן, פאַר וואָס איר האָט געליטן אַזוי פיל באַליידיקונג פון יענעם העפלעכן פּאַן... ער האָט

מיר אַריינגעציִשעט אין אויער אויף אייער אַדרעס: „אַ זשידוווע איז זי!... אַ זשידוווע!...״.

— האַ?!... — טוט זי, ווי באַקומען אויסגעפּאַטשט, אַ צעעפן דאָס מויל.

ס׳דערהערט זיך אַ קלונג, און יִטערוק טוט אַ שפּרונג אַראָפּ פונעם רירנדיקן טראַמוויי, זעענדיק פאַר זיך אין דמיון „די דאַמע מיט חזירימלער אין בוזעם״ אָפּפאָרן אָט אַזוי מיטן צעעפנטן מויל און גלעזערנע אויגן פון אַ ליאַלקע...

צלאָווע דערזעט שעפּטלס אויפגעשיינט פּנים צו איר, און שטרעקט אויס די האַנט צום נעזל מיט דער דעקע. זיי נעמען ביידע מיט די פרייע הענט דוניעקן אין מיטן אַריין, זיך לאָזנדיק מיטן טראָ-טואַר צום בעליאַנער וואַלד.

— איך האָב איר איינגערוימט, צלאָווע, דער וויסטער אַנטיסע-מיטקע, — דערציילט ער מיט אַ צעלאַכטער שטים, — וואָס דער וויסטיקער אַנטיסעמיט האָט אויף איר געזאָגט: „זשידוווע!״ האָט זי צעעפנט די כאָליערעדיקע רילע מיט אַ „האַ?!״, אַז ווען כ׳וואָלט זיך נישט געמיאוסט, וואָלט איך איר דערין אַריינגעשפּיגן, ווי אין אַ שמוציקן מיסטקאַסטן...

— ששש..., — שטילט אים דאָס ווייב איין, דערהערנדיק טריט הינטער זיי, און זאָגט אויף פּויליש, — און וואָס טענה איך צו דיר שטענדיק, ווען כ׳קום פון מאַרק? סע זענען נאָך דאָ ביי אונדז גע-נוג אַזעלכע... פּוילע ניס... פּרוכנע...

און ווען יענער איז אַריבער, אַרומגעקוקט זיך, אַז קיינער איז נישטאָ דערנעבן, פּירט זי אויס אויף יידיש:

— נאָר זאָלן זיי אַלע האָבן די מפּלה אויפן אָרט, ווי אונדזע-רע די היינטיקע...

— איר מיי—דע—לע, — ציט דוניעק אויף יידיש פּאַמעלעך, ווי אַ סטענגע פון האַלדז — דאָס מיי—דע—לע, וואָס איז גע—שטאַ—נען לעבן מיר ביי דעם פענ—צטער, איז אויך אַ שלעכטס.

און ער פאַרענדיקט פליסיק אויף פּויליש:

— זי האָט געשוויגן בייז, ווי אַן אַנטיסעמיטקע...

טאַטע-מאַמע, שוין פֿאַרגעסן אין גאַנצן אין זייער פּרימאָרגנ-דיקן רוגז, קוועלן אָן אין זייער ייִדישן חכם. זייערע אויפגעקוואָלענע אויגן גיסן זיך צוזאַמען איבער דוניעקלס קעפּל. ער איז שוין אַ מענטש — מע קאָן שוין מיט אים אַ וואָרט רעדן.

מיט פריידיקע געמיטער גייען זיי אַריין אין וואַלד. ער נעמט זיי אויף פריינדלעך מיט זון אוןביימער-שאָטן, מיט שטילקייט און פייגל-געזאַנג, מיט אַראָמאַט פון נאָדל-ביינער און זשיוויצע. ער איז גרייט צו געבן זיי רו און פרייד גאַנצע הויפנס, נישט פרעגנדיק, צי זיי זענען נישט-ייִדן, אָדער ייִדן. נישט איינהאָרכנדיק זיך אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי רעדן.

— אַ פּוילישער וואַלד, — צעשמייכלט זיך ייִטערוק, — און גאָרנישט קיין אַנטיסעמיט.

זיי זוכן אויס אַ פריי ערטעלע אונטער אַ צעצווייגטן דעמב און וואַרפן אַראָפּ פון זיך די איבערשטע קליידונג.

— נו, דוניעק, גיי זיך ווילן, — זאָגט אים די מאַמע אויף פּויליש מיט אַ ייִדישן : חי — געלעבט ! און פאַרגעס נישט קומען עפּעס אָפּצועסן.

וואַרשע, יוני 1956

# אין הייסע זומערטעג

כּאָטש די זון האָט שוין געהאַט היפּש אַריבערגעשפּאַנט דעם האַלבטאָג און גענומען אַראָפּנייגן צום מערב-הימל, איז זי געווען נאָך גענוג גליִענדיק. בעת מיין לאָזן זיך אין אָפּגעלעגענעם שטאָ-טישן פּאַרק אַריין, וואָס געפינט זיך אויפן העכסטן פּונקט אין שטאָט, האָט זי מיך געבריענט און געבראָטן. דאָס שטייגן אַרויף האָט מיר פאַרשווערט דאָס אָטעמען, אַ שווייס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף מיין צעהיצט לייב, גענעצט דאָס היטל אויף מיין קאָפּ און געווייקט מיין וועש.

אַרויפגעקומען מיט דער געשלענגלטער סטעזשקע אויף דעם סאַמע העכסטן אָרט, ווו זעלטן שפּאַצירער דערגייען אַהין, בין איך צוגעגאַנגען צו מיין באַקאַנטער באַנק אין שאָטן פון אַן איינציקן בוים, וואָס באַהאַלט זי אויס פאַר דער זון אין די נאָכמיטאָג-שעהען, און האָב מיט די לעצטע כּוחות שוין זיך געטאָן אַ זעץ אַנידער און אַ לייג אַוועק דעם מיטגעבראַכטן בוך. אָפּגעסאָפּעט, האָב איך אויסגעטאָן דאָס היטל, אויפגעשפּיליעט דאָס העמד, כּדי דער קי-לער שאָטן זאָל לעקן מיינע האָר און הויט און אַריינאָטעמען אין די צעזאָטענע ווינקעלער פון מיין הייסן קערפּער.

ווען מיין הויט איז שוין געווען ביסלעכווייז אָפּגעטריקנט, דאָס לייב אָפּגעקילט און ווי אָפּגעפרישט, האָב איך גענומען פון באַנק דאָס בוך און באַצייטנס זיך געקוויקט מיטן פאַרגעפיל פון דעם נחת-רוח, וואָס דאָס לייענען וועט מיר פאַרשאַפן. ווי גוט ס׳וועט אונדז דאָ זיין זאַלבעפערט: מיר, דעם בוים, זיין שאָטן און דעם בוך.

אָבער ווי נאָר מיינע אויגן נעמען זייגן די שורות, כאַפּט אויף מיין געהער דעם גאַנג פון אַ מענטשן, וואָס דערנענטערט זיך אַהער. און אָט איז ער שוין דאָ! איך הער זיין שווער אָטעמען און זיין מיטאַמאַליקן זעץ זיך אַנידער לעבן מיר, ווי איך פריִער. איך כאַפּ זייטיק אַ זייער אומצופרידענעם קוק אויף אים: אַזוי צע־יאַכמערט האָב איך אַליין אַוודאי אויסגעזען פריִער, בעת מיין צו־קומען, נאָר זיין פּנים זעט אויס אויך ווי צעטומלט און צעקרימט פון ווייטיק.

ער האָט מיר טאַקע ערשט נייטיק געפעלט דאָ! — טו איך מיט פאַראיבל אַ טראַכט און שטראָף זיך גלייך אין געדאַנק — ער האָט דאָך די זעלבע רעכט וואָס דו אויסצובאַהאַלטן זיך דאָ פאַר דער היץ...

ווי ער וואָלט מיך נאָכגעשפּעט! — האָב איך ווידער צו אים תּרעומות. בלויז דאָס איינע: קיין בוך האָט ער נישט מיט זיך; וועט ער אפשר נישט לאַנג זיצן דאָ. וועט זיך אָפּקילן און אַוועקגיין.

איך פאַרשטעל זיך דאָס פּנים מיט מיין בוך, טו זיך אַריין אין לייענען און פאַרגעס אַפילו מאָמענטנווייז אין זיין בייזיין.

— איך אַנטשולדיק זיך זייער... אַנטשולדיקט מיר, אַדוני, איך שטער אייך, — טוט מיר גאָר אומגעריכט דער אומבאַקאַנטער באַנק־שכן מיט אָט די צוויי ווענדונגען, ווי מיט אַן אומגעזעענער צוואַנג, אַ דריי אויס מיין קאָפּ צו אים, כאַטש זיין שטים אַזאַ ווייכע און פאַרשולדיקטע, — המם... עלעהיי... אַן אָרעמאַן שלאָגט אייך אי־בער צו בעטן אַ נדבה...

איך בין געפּלעפט: אַן אויסטערלישער אָרעמאַן! וואָס פאַר אַ מין נדבה וועט ער עס בעטן?

זיין פּנים איז שוין אָפּגעקילט, אָבער אַלץ נאָך צעקרימט פון עפּעס אַ ווייטיק, און זיינע אויגן — צעטומלט, ווי בלאָנדזשענדיקע, נישט ווי אויף מיין פּנים, נייערט אין אַ וואַלד. איך דערפיל מיט אַ מאָל אַ גינציקייט צו אָט דעם פרעמדן, וואָס אונדז פאַרהיימישט אין דעם מאָמענט דער גוטער שאָטן פון דעם בוים... פאַר וואָס זאָל

אַ מענטש צו אַ מענטשן ניט זיין אַזוי גוט, צום ווייניקסטן ווי אַ בוים צו אַ מענטשן ?... און כ׳טו אַ זאָג ווייך :

— איר שטערט מיר נישט... אַזוי שטאַרק. איך לייען, — וואָס דען זאָל אַ מענטש טאָן, ווען ער זיצט אַליין, אָן אַ שום אַרבעט ? וואָס ווילט איר זאָגן ?

— המם... יאָ... — קווענקלט זיך נאָך אַלץ דער אומבאַקאַנטער — געזען, איר לייענט אַ בעלעטריסטיש בוך... המם... האָב איך אַ טראַכט געטאָן : אַ מעשׂה, וואָס עמעץ האָט אויסגעטראַכט. און איך... איך וואָלט וועלן זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן אַ... נישט-אויס-געטראַכטע מעשׂה. אַ רויע ווירקלעכקייט, פון וועלכער ס׳קאָן זיך אויסקאָכן בעלעטריסטיק... פאַר אַ באַקאַנטן וואָלט איך עס בשום אופן נישט געקאָנט דערציילן... סיידן אפשר פאַר אַן אייגענער שוועסטער... גראָד פאַר אייך, אַ פולשטענדיק פרעמדן מענטשן, וואָס איך וויל האָפן, מירן זיך מער קיין מאָל נישט באַגעגענען, איך בין נישט קיין היגער, איז עס מיר מעגלעך צו טאָן... בין איך עס גערן, מוז איך עס טאָן... אויב איר וועט עס מיר אין מענטשלעכער גוטסקייט דערלויבן. איך בעט עס ווי אַ נדבה...

ער ווערט אַנטשוויגן, און זיינע אויגן קוקן צו מיר מיט בקשה און פראַגע.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט. — רוף איך זיך אָן און בין שוין טאַקע מער ווי טשיקאַווע אים צו הערן. — כ׳פאַרשטיי. אַ מענטש מוז אַ מאָל זיך אַראָפּרעדן אַ שטיין פון האַרצן. ווען איר טרעפט מיך נישט דאָ, וואָלט איך זיך פאַרן בוים אַראָפּגערעדט. איך שטער גאָר אייך. זענען מיר קוויט. מיין בוך האָט נישט קיין פיס. איך בין באמת גרייט אייך אויפמערקזאַם אויסצוהערן, אַז ס׳איז פאַר אייך אַזוי וויכטיק. איר בעט נישט ביי מיר, חלילה, קיין נדבה. איר מאָנט אַ מענטשלעכן חוב.

— אַ דאַנק. איז יאָ. — לייען איך די גאַרע אָנשטרענגונג אויף זיין געפלאַצט פּנים — איך... איך קום ערשט נישט לאַנג נאָך אַ הייס געקריג מיט מיין פרוי. בין אַנטלאָפן פון איר, ווי פון... ווי פון אַ

חמסין. און געטראָפֿן אַהער אַזש — אין אַ צווייטער שטאָט. ווען כ׳וואָלט אייך דאָ נישט דערווישט, איר האָט טאָקע פֿריִער ריכטיק זיך משער געווען, וואָלט איך זיך אַראָפּגערעדט פֿאַר אָט דעם גוטן בוים, וואָס גיט אונדז שאָטן... ווי מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָב איך גערעדט צו זיך אַליין און די כוואַליעס פֿונעם ים.

דער מענטש האָט געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד, — איז מיר דורך אין געדאַנק, ווי אַ בליץ, און כ׳האָב זיך געאײַלט אים צו באַמוטיקן:

— הער איך אייך און... — טו איך זיך ספּעציעל אַ וויצל — שטעלט אייך פֿאָר, אַז איר רעדט פֿאַר צוויי ביימער. מירן אייך הערן מיט האַרץ און שווײַגן.

ער אָטעמט אָפּ, ווי אָנגענומען זיך מיט לופֿט און מוט און נעמט דערציילן שוין אָן אָפּשטעלן און פֿליסיק:

— איך בין אַ מאַן פֿון אַריבער די פֿופֿציק. נו, ביי אונדז אין לאַנד איז מען שוין, צום באַדויערן, אין די יאָרן פֿאַררעכנט פֿאַר אַן אַלטן מאַן, און ס׳איז אַזעלכן שווער צו באַקומען אַרבעט. צום גליק לייד איך נישט צוליב דעם: כ׳בין שוין דאָס צענטע יאָר אין לאַנד און אַרבעט די גאַנצע צייט ווי אַ בוכהאַלטער. אַרבעט האָב איך, פּרנסה האָב איך, אַ דירה האָב איך געטווישט אויף אַ גרעסע-רער, אין אַ שענערער געגנט (דאָס האָב איך „צוליב געטאָן" מיין פֿרוי), — איז וואָס וואָלט מיר געפֿעלט? איך אַליין פֿיל נאָך נישט די עלטער. האָב נאָך גענוג קרעדיט ביים לעבן. איז אָבער דאָ עמעץ וואָס דערמאָנט מיך דערין כּסדר. איך, דער גרויסער בעל-חשבון, האָב איין מאָל אין מיין לעבן געמאַכט אַ פֿאַלשן חשבון. שלעכט צונויפֿגעחשבונט אַ חיבור: חתונה געהאַט מיט אַ מיידל אַ ייִנגערער פֿון מיר מיט צוועלף יאָר. מיין פֿרוי איז היינט אַלט פֿערציק יאָר. דערצו האָט נאָך די נאַטור זי באַשענקט מיט אַ געשטאַלט און פּנים, וואָס נאָרן לייט, און מער ווי דרייסיק, צוויי און דרייסיק גיט מען איר נישט. קלעפּן זיך צו איר יונגע-לייט און אַלטע בחורים. נו, וויל איך זיין אָפֿנהאַרציק מיט אייך, ווי מיט זיך אַליין, שוין בלויז צוליב

אייער גרייט זיין אויסצוהערן מיינע, פרעמדע צרות: איך בין אייפערזיכטיק. און ווי זי זאָל איך נישט זיין אייפערזיכטיק, ווען ביי יעדער געלעגנהייט האַלט זי מיר אין איין פאַרוואַרפן מיין אַלטקייט, סיי פאַר פרעמדע מענטשן מיט געמאַכטער האָניק-זיסקייט, סיי אונטער פיר אויגן מיט גיפט? זי טשעפּעט זיך. דערפירט צו אָפּטע קריגערייען צווישן אונדז. דעמאָלט יאָמערט זי: „צוליב אים האָב איך פאַרשפּילט מיין יוגנט...". זאָג איך איר: „ווייסט וואָס, רבקה? מילא, וואָס דו האָסט שוין פאַרשפּילט, איז דאָך שוין פאַרפאַלן. די יוגנט פון בית-הקברות קערט זיך נישט צוריק. אָבער נעם און ראַטעווע כאָטש דיין יוגנט פון היינט. איך לאָז דיך פריי, שוין אַפילו פון מאָרגן אָן...". נאָר דערפון, פון צעגיין זיך מיט מיר, האַלט זי אויך נישט. ווייל... סוף-כל-סוף האָט זי דאָך נישט ביי מיר קיין שלעכט לעבן. פאַרן פיינעם מענטשן גילט איך דאָך אין דער געזעלשאַפט, נישט זי. מע טיילט מיר צו כּבוד. און פון דעם געניסט זי אויך, ווי מיין צווייטע העלפט. וואָס וואָלט זי באַטראָפן אָן מיר? נול! און אויף צו מאַכן זיך אָט דעם חשבון קלעקט נאָך ביי איר שׂכל, ווייל...

ער האָט איבערגעריסן, ווי זוכנדיק דעם געדאַנק. האָב איך דאָס אויסגענוצט, כּדי צו מילדערן זיין שפּאַנונג מיט אַ שפּאַס:

— ווייל זי איז דאָך אַ בוכהאַלטערס אַ פרוי. ווי זאָגט דאָס פאָלקסווערטל: „אַפילו אַ שיקסע ביי אַ רב...".

נאָר ער איז אַזוי פאַרזונקען געווען אין זיין איבערלעבעניש, אַז ער האָט אַפילו נישט געפילט, אַפּנים, ווי ער שלאָגט מיר איבער אויפן האַלבן ווערטל:

— יאָ, נאָר אַ חמסין דוועריט דאָך אויך נישט מער ווי עטלעכע טעג, שטעלט זיך אויך ביי אונדז איין אויף צוריק דער שלום-בית. וואָס שלום-בית צווישן אַ פּאַרפאָלק הייסט, איז דאָך באַוווּסט. איר זענט דאָך נישט, מסתּם, קיין אַלטער בחור. יאָ. כאָטש זי און איך,ביידע ווייסן מיר, אַז פריִער אָדער שפּעטער אַ ביסל וועט דאָס קריגעריי ווידער אויסברעכן. ס'וועט זיך אָנהייבן, ווי געוויינלעך, פון אַ פריטשעפּקע און דערגיין ביז רייסן קריעה. ס'האָט זיך שוין מיט

דער צייט אַזוי איינגעפירט ביי אונדז, ווי ס׳וואָלט זיין אַ גוטער מינהג, וואָס ברעכט אַ בייזן דין. ס׳דאַכט זיך: אַזוי דאַרף עס אויסזען, דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי, אַפילו וועןביידע זענען פון גלייכע יאָרן. ביי אַלעמען איז עס אַזוי. בלויז פאַר דער וועלט שטעלט מען זיך אַרויס אַנדערש. אַ וועלט נאַרט אַ וועלט לפּנים. לפּנים איז אין אַלע שטיבער, ביי אַלע פּאַרפּעלקער, אייביקער שלום-בית. נו, און לפּנים איז דאָך ביי אונדז אויך אַזוי.

ער בלייבט שטיל אַ ווייל, און זיין בליק בלאָנדזשעט אַוועק פון מיין פּנים אויפן בוים. דער שאָטן פון אונדזער בוים האָט דערווייל געביטן זיין פּאָזיציע. דורך דער נעץ פון זיינע צווייגן און געבלעטער זעען מיר: די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער, די טאָגשיין האָט זיך פאַרראָזלט. ס׳טוט אַ ווייע אַ קיל ווינטעלע פון דער זייט פון ים אויף מערב, פון דעם פּאַס ים ביים האָריזאָנט, וואָס דער בוים פאַרשטעלט פאַר אונדז. די בלעטער טוען שטיל אַ שאָרכע, און מיר האָרכן זיך צו צום געשאָרך, פאַרשוויגענע. ווי גראָד דער בוים האָט ערשט באַקומען לשון און באַטייליקט זיך דערין, וואָס איז דאָ דערציילט געוואָרן. איך באַטראַכט דעם פרעמדן, ווי שטאַרק ער איז איינגעהאָרכט אין דעם בלעטער־געשעפּטש, גלייך ער וואָלט פאַרשטאַנען די שפּראַך פוןביימער. וואָס זאָגט ער אים, דער בוים? באַרויִקט ער אים, ווי איך, אָדער הערצט אים? נאָר אָט איז דאָס ווינטעלע נעלם געוואָרן. ווידער שווייגט דער בוים. און דער פרעמדער טוט אַ זאָג:

— אָבער לעצטנס איז די לאַגע ערגער געוואָרן. — האַקט אָפּ און שטעלט זיך אויף.

איך האָב דעם איינדרוק: שוין, דערמיט האָט ער געענדיקט. אָבער ס׳איז מיר שטאַרק אַ שאָד: דאָס איז דאָך נישט דער סוף. אָנגעהויבן האָט ער דאָך פון זיין לעצט געקריג מיט דער פרוי, פון וועלכער ער איז „אַנטלאָפן, ווי פון אַ חמסין״... ער האָט טאַקע דערציילט נישט מער ווי אַ „רויע ווירקלעכקייט״, אָבער ער אַליין האָט זי „אויסגעקאָכט בעלעטריסטיש״, און כ׳צי אים אָן:

— זאָגט איר, אַז ס'איז ערגער געוואָרן? בטבע וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פאַרקערט: מענטשן ווערן עלטער, ווערן קעלטער; שאַרפקייט פון אונטערשיידן צווישן מאַן און ווייב ווערן אָפּגעריבן, אָפּגעטעמפּט. און... נישט איר זענט אַזוי אַלט, און נישט אַ פּרוי פון פערציק איז שוין אַזוי יונג.

— יאָ. — כאַפּט ער זיך אָן פּאַר מיינע לעצטע ווערטער. — איך מיין אויך אַזוי. אַלס מאַנצפּאַרשוין פיל איך זיך נישט עלטער פון איר. גראָד פאַרקערט. אַברהם האָט געגלייבט די מלאכים, שׂרה האָט געלאַכט: „אַחרי בלותי..." — נאָך דעם ווי איך בין אַלט גע-וואָרן... אָבער פּאַר פרעמדע מענער איז דאָס אויסזען פון דער פרוי איר פּאַספּאָרט. זאָל מיר דערלויבט זיין אויסצונוצן אַ ביסל גראָבלעך בנוגע אַ פרוי דאָס שפּריכוואָרט: „אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין". אַז אַ פרוי שענקט זיך, איז ווער וועט זיך עס פאַרטראַכטן וועגן אירע יאָרן? קער איך זיך אום צו דעם וואָס כ'האָב געזאָגט — ס'איז ערגער געוואָרן. לעצטנס האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן אין אַ נייער געגנט. נייע שכנים און נייע באַ-קאַנטע. האָט איינער אַן עלטערער בחור, אַ שכן מיט צוויי שטאָק העכער פון אונדז, אָנגעהויבן ווערן אָן אָפטער גאַסט ביי אונדז. אַ שטילער, אָרנטלעכער בחור. האָט נישט חתונה צוליב דריי יינגע-רע שוועסטער, וואָס ער וויל זען אויסגעגעבענע פאַר זיך. וואָס קאָן איך האָבן צו אים, אמת, איך האָב נישט פאַר אים קיין שום אינ-טערעס. זיין קולטור-ניוואָ ליגט אויף איין פלאַך מיט מיין פרויס. פאַרטויש איך מיט אים פון העפלעכקייט וועגן עטלעכע ווערטער און לאָז אים איבער שמועסן מיט מיין אויסגעשניטענער ריפּ... אוי, איז דאָס געוועזן אַן אומגליקלעכער שניט! הייב איך אָבער אָן באַ-מערקן: ער קומט צו איר אין שטוב, זי אָבער, דאַכט זיך, גנבעט זיך אַריין די ערשטע צו אים אין הארצן. איין מאָל כאַפּט אויף מיין אויער ברעקלעך פון זייערן אַ שמועס: צי דאַרף זי אים טי-טולירן „אדון", אָדער „מר"? דערויף טוט זי אַ וויש זיין פּנים מיט אַ שמייכעלע און באַפּינטלט זיינע טונקל-ברוינע אויגן מיט אַ קלו-

געטשקע רמזדיק בליקעלע, ווי אַ פינקעלע אונטערצוציַנדן: „ווי קאָן איך אייך, אַדוני, טיטולירן מר, אַז איר זענט פֿאַר מיר אַ מתוק?. נו, פרעג איך אייך: אַז אַ פרוי שמירט אָן אַלטן בחור מיט האָניק אונטער די וואָנצעס, זאָל ער אויסשפּייען און זאָגן: פע!״?... איז זיין פנים פון ברוין געוואָרן ראָז, און אַ פייכטקייט איז אים אַרויף אויף די אויגן, ווי צוקערשמעלץ אויף זיס געבעקס... איר שמייכלט! אָבער מיר איז דעמאָלט פון דעם „מתוק״ געוואָרן באמת „מר״ — אוי, ווי ביטער!... זי שטודירט אים אויס, ווי אַ חדר־יינגל, דעם אַלטן בחור, אין הילכות־ליבע. דערציט אַ ליבהאָבער פאַר איר פאַרוועלקטער פערציקיאָריקייט. אַ צווייט מאָל דערשפּיר איך: פון מיין אשת־חיל דופטיקט אַ נייער, שטאַרקער, געשלעכטלעך־אויפ־רעגנדיקער פערפום... פאַר וועמען? פאַרן מאַן? אויסצוויינגערן זיין אַלטקייט? אָדער איר אייגענע? און כאַפּ זיך גלייך: דאָס איז באַ־שטימט פאַרן דערצויגלינג! נו, ווער איך שוין אָנגעצויגענער בנוגע אים, כאָטש צו אים אַליין האָב איך נאָך אַלץ גאָרנישט. דער אָקס פאַרשטייט נישט און פילט נישט, אַז דער קצב פירט אים צו דעם שעכטהויז. און אפשר פאַרט ווערט שוין דער אָקס אויס אָקס? ער טראַכט גאָר, אַז ער פירט די בהמה צו דער שחיטה?...

ער האָקט אָפּ פאַררויטלט, ווי פאַרשעמט פון דעם וואָרט בהמה אויפן אַדרעס פון זיין פרוי. טוט אַ וויש מיטן רוקנדל פון דער האַנט־פלאַך דעם שטערן, אויף וועלכן די היץ פון זיין איבערלעבעניש האָט אַרויסגעשלאָגן אַ שווייס.

די לופט, וואָס נעענטער צום פאַרנאַכט, ווערט אַלץ דושנער.

— זעצט זיך, — טו איך אים אַ זאָג צוגעלאָזן.

ער פאָלגט און נעמט ווייטער דערציילן. איצטער — נישט קוקנ־דיק צו מיר, נאָר פאַר זיך, ווי אַראָפּלייענענדיק פון דער לופט:

— מאַכט זיך איין מאָל, ס׳זענען דאָ געסט ביי אונדז. אַלטע באַקאַנטע, פריינד. ער אויך. צווישן אים מיט די געסט בינדט זיך עפּעס נישט קיין שמועס, ער שווייגט די גאַנצע צייט. הערט בלויז, און זיינע אויגן קלעפּן צו מיין פרויס... איך ווייס נישט וואָס. צי די

זייטיקע האָבן דאָס באַמערקט, ווייס איך נישט. אָבער זיין שווייגן אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז אַלע זאָלן זיין אויף אים אויפמערקזאַם און צוליב העפלעכקייט די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט אויסבאַהאַלטן... שטאַרצט אַ פלאַקן אין מיטן גרינעם פעלד — שרעקט ער אָפּ די פייגל. דער אָוונט גייט אַוועק. די געסט געזעגענען זיך און גייען אַרויס. בלויז ער, דער... בלייבט. דאָס מאָל בלייב איך שוין זיצן מיטן פּאָרל. גלייך פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַ שמועס. איך זיץ, הער און שווייג. ווערט אים שוין קענטיק נישט באַקוועם, ער הייבט זיך אויף און געזעגנט זיך. פּטור!

— דו ווייסט, רבקה, — זאָג איך מיט איינגעהאַלטענער אויפגערעגטקייט, — ער איז גאַרנישט קיין חכם, דיין נייער פריינד. וואָס הייסט, ער איינער בלייבט איבער, ווען אַלע גייען אַוועק, און ס'איז שוין גאַנץ שפּעטלעך? צי פאַרשטייט ער נישט, אַז מענטשן וועלן אָנהייבן רעדן? צו וואָס פעלט עס אונדז?

מיינט איר דאָך אפשר, זי האָט זיך געטאָן אַ שאָט אויף מיר? דווקא נישט... ווייבער האָבן זיך זייער שׂכל, אַקוראַט ווי יעדער נאַר... זי האָט פאַרשטאַנען: ס'לוינט זיך בעסער אים נישט צו פאַרענטפערן. אָ, ווי פּרויען פאַרשטייען זיך צו וואַלירן! נישט נאָר דאָס מיאוסע פּנים, נאָר אויך די מיאוסע נשמה. און זי טוט אַ זאָג רויִק:

— ביסט גערעכט, אַברהם. כ'וועל עס אים אַפילו זאָגן.

אַזוי אַרום האָט זי אַרויסגעכאַפּט דאָס געווער פון מיין האַנט אין אַ הייסן מאָמענט. ער האָט זיך אַפילו עטלעכע אָוונטן נישט באַוויזן מער ביי אונדז אין שטוב. אַן אָנגעלאָדענע כמאַרע איז אַריבער מיין געמיט אָן דונער, בליץ און רעגן.

ער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, נאָר נישט איבערגעריסן דאָס דערציילן:

— דערנאָך האָט ער ווידער גענומען אַריינקומען פון מאָל צו מאָל. מאַ, זיי זיצן און שמועסן, זאָלן זיי. איך גיי מיר אַריין צו זיך אין צימער, טו אָן אַרבעט, לייען, אָדער לייג זיך אַפילו אין בעט, ווען ס'ווערט שפּעטלעך. האָב שלום געמאַכט דערמיט צוליב שלום-

בית. טייל מאָל פלעג איך אַנטשלאָפן ווערן און נישט הערן ווען ער גייט אַוועק. אָבער איין מאָל, דער שלאָף האָט זיך איינגעעקשנט און מיך נישט געוואָלט נעמען, באַמערק איך: ס'ווערט דאָרט אין סאַ-לאָן, ווו זיי זיצן, שטיל, און די עלעקטרע-שײַן טונקעלער. געוויינ-לער האָט מיין פרוי ליב, אַז ווען ס'איז דאָ אַ גאַסט אין שטוב, זאָל דער זשיראַנדאָל ברענען אויף אַלע לעמפּלעך... דאָס איז פאַר איר ווי אַ טייל פונעם כּיבוד פאַרן גאַסט. און דאָ — זאָל ער שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען? איך גיי אַראָפּ פון געלעגער, גיי פאַרביי דעם גאַר-דין פון דער סאַלאָן-טיר — ער איז נאָך דאָ. האָט בלויז געביטן דאָס זיצאָרט פון דער שטול קעגן איבער דער פרוי אויף דער סאָפע לעבן איר... איז דאָס געווען זיין איניציאַטיוו, אָדער אירע?

מיין פרויס שפּירעוודיק געהער האָט גלייך אויפגעכאַפּט מיין אויסגעהיטע באַוועגונג, זיי האָבן דאָרט אָנגעהויבן רעדן, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַוועקגעגאַנגען. האָב איך זיך שוין אויפן צווייטן טאָג נישט איינגעהאַלטן:

— מיר דאַכט זיך, רבקה — זאָג איך דאָך איינגעהאַלטן — אַז דו האָסט שטענדיק ליב פאַר געסט אַ סך ליכט. פאַר וואָס זשע איז נעכטן געוואָרן טונקל דאָרט ביי אייך?

— שווייגט זי, ווי אַ גנב, ווען מע כאַפּט אים פאַר דער האַנט. מאַכט זיך פאַרטאָן אין דער קיכאַרבעט און הערט קלאָמפּערשט נישט וואָס איך רעד דאָרט צו איר. איך שטיי פון דעסטוועגן נישט צו. אָבער באַהאַלט עס אין האַרצן, ווי אין חומש שטייט: „ואביו שמר את הדבר"...

ער שטעלט אָן אויף מיר אַ פאַרשערישן בליק, צי איך בין נאָך פאַראינטערעסירט אין זיין ווייטערן דערציילן, און איז ממשיך:

— איין מאָל, שבת פאַר נאַכט איז דאָס געווען, בין איך אַראָפּ-געגאַנגען אַליין שפּאַצירן. שוין לאַנג שפּאַצירן מיר נישט צוזאַמען. זי האָט נישט קיין אינטערעס פאַר אַזאַ שפּאַציר. וואָס האָט זי מיט מיר צו רעדן? און קוים טוען מיר עס אַ מאָל, ברעכט גלייך אויס

צווישן אונדז אַ שפּאַרעניש צוליב אַ ליאַדע נאַרישקייט, און ס׳פּאַר־ענדיקט זיך מיט אַ געקריג, ווען איינער פון אונדזביידע אַנטלויפט, איבערלאָזנדיק דעם צווייטן אַליין. גיי איך מיר שוין בעסער אַליין. די פרוי האָט געזאָלט אַריינגיין צו איר נאָענטסטער חברטע, אַ שכנה, מיט וועלכער זי האָט „וועגן טויזנט זאַכן צו רעדן״. מיך האָלט זי פאַר אַן עובר־בטל שוין. נישט נאָר זי האָלט — זי האָט עס מיר אַ מאָל בעת אַ געקריג געוואָרפן מיט צאָרן אין פּנים אַריין. נו, שפּאַ־ציר איך מיר אַזוי יענעם פאַרנאַכט אַליין מיט מיינע מחשבות... מיינע מחשבות האַלטן מיר נאָך נישט פאַר עובר־בטל... איך זעץ זיך אַפּ אויף אַ באַנק אין פּאַרק. דערווייל טוט אַ פאַל צו די נאַכט. מאָרגן דאַרף מען גיין אַן אויסגערוטער צו אַ פולער וואָך אַרבעט — גלייכער זיך לייגן היינט פריִער שלאָפן. און איך לאָז זיך, אַ פאַר־מאַטערטער פונעם שפּאַציר, אַהיים. צוגעקומען קעגן איבער מיין וווינונג, כאַפּ איך אַ קוק צו די פענצטער — די לאָדן אַראָפּגעלאָזן. פינצטער. די טיר פון סאַלאָן אויף דער וועראַנדע אַרויס איז אָפן, אָבער אויך דאָרט איז פינצטער. הייסט עס: רבקה איז נאָך ביי איר חברטע. קיין חידוש איז עס מיר נישט: וואָס באַטייט אַ שעה צייט פאַר ווייבער, וואָס האָבן ״וועגן טויזנט זאַכן צו רעדן?״ פאַר וואָס עפּעס בין איך אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן, נישט אָנצינדנדיק אויף זיי די עלעקטרע? און פאַר וואָס עפּעס אויף די שפּיץ פינגער? פאַר וואָס עפּעס האָב איך שטילינקע, ווי אַ גנב, אַריינגעשטעלט דאָס שליסעלע אין קלאַפּשלאָס? — קאָן איך זיך אַליין נישט דערקלערן. עפּעס ווי איך וואָלט געגאַנגען בגנבה כאַפּן דאָרט אַ גנב, אָדער באַגנבענען זי אַליין! אויסטערליש! דאָס האָט עמעצער, וואָס איז אויך א י ך , אַזוי געהאַנדלט אין מיר, ביי מיר זיך נישט אָנפרעגנ־דיק... געעפנט די טיר, בלייב איך שטיין אַן אויגנבליק אַ געפּלעפּ־טער: זע! ס׳ברענט דאָך די עלעקטרע! אויף דער סאָפע זיצט ער, און אַ ביסל אָפּגערוקט פון אים — ז י. איר פּנים — ווי זאָל איך עס אויסדריקן? — צעיאָכמערט און טרייף.

— אַ סעקונדע פריִער איז דאָ געווען פינצטער, — טו איך צע־

מישט אַ פּלאָנטער מיט דער צונג צו איר און גיי אַן אויפגערעגטער פאַרביי.

אין אַ פּאָר ווייל אַרום גייט דער חתן-בחור אַוועק. צי דאַרף מען צו לעמעשקע ציין? ס׳האָט זיך מיר לעבעדיק געמאָלן אין געדאַנק, וואָס ס׳איז צווישן זיי פאָרגעקומען אין דער פינצטער. אָבער... וואָס קאָן מען זאָגן אויף זיכער, ווען מע זעט עס פאַרט נישט מיט די אייגענע אויגן? כ׳ווייס? זענען געזעסן פאַרטאָן אין שמועס, דער-ווייל איז אַזוי אומבאַמערקט צוגעפאַלן דער אָוונט, — נו, האָט זי נ י ש ט אַרויפגעדרייט די עלעקטרע... ס׳איז דאָך נישט געווען ביי זיי קבלת-התורה, ווען „וכל העם רואים את הקולות״ — מ׳האָט געזען די שטימען; זיי האָבן יוצא געווען מיטן בלויזן הערן, וואָס איינער רעדט צום צווייטן... און אויב מ׳האָט זיך שוין אַפילו אַ קוש געטאָן — ווער ווען? גייט דערפון אונטער די וועלט? מילא... און צי קאָן ער דען שווערן ביי אַ ספר-תורה, אַז דער קלאַפּשלאָס איז טאַקע געווען פאַרשלאָסן? און ביי אַן אָפענער טיר... מע מוז דעם חשד אַראָפּשלינגען און בלויז — זיין אויפמערקזאַמער, געהיטער. נאָכקוקן מיט טויזנט אויגן...

ער איז געבליבן שטיין. זיין גרגרת-קנאָפּ האָט זיך אים אַ באַ-וועג געטאָן, ווי עפעס אַראָפּצושלינגען, און ווי עפעס דאָרט וואָלט אים אַ גראַבל געטאָן. ער האָט דריבנע-טרוקן זיך אָפּגעהוסטלט און ווידער גענומען רעדן:

— מיין נאָכהיטן זי איז אָבער נישט געבליבן אומבאַמערקט פאַר איר (ער האָט שוין אין גאַנצן אויפגעהערט אַריינצוקומען). דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין חשד: אַ מענטש מיט אַ לויטער געוויסן שפּירט נישט, אַז מע שפּירט אים נאָך, און אַפילו ער באַ-מערקט עס, — ענטפערט ער דערויף מיט אַ רויִקן אַ ביסל שפּאָ-טישן שמייכל: שפּיר נאָך, שפּיר נאָך, אומזיסט דיין הינטישע מי. און זי, רבקה, האָט שוין גראָד אָנגעהויבן אַרויסווייזן היפּערנערווע-זיטעט. ביז לסוף איז עס איין מאָל געקומען צו אַן עקספּלאָזיע מיט באַנומענע קולות פון אַ באַליידיקטער צנועה:

— וואָס שפּירסטו מיך נאָך, ווי אַן אַלטער קאָטער ביי אַ מויזנ-לאָך? איך בין אַ פרייער מענטש! איך...

— וואָסער נאָכשפּירן? ווען נאָכשפּירן? וואָס פאַר אַ האַלץ איז דיר אַריין אונטערן שאַרבן?! — האָב איך מעשׂה שאינו-יודע-לשאול געפרעגט איין תּמעוואַטע פראַגע נאָך דער צווייטער און באַשלאָסן: ווי פאַר פייער זיך אויסהיטן מיט מיין נאָכהיטן זי.

ס'האָט זיך ביי מיר איינגעשטעלט אַ מינהג: שבת אויפן פרי-מאָרגן גיי איך אַוועק אין פּאַרק און פאַרזאַם זיך דאָרט ביזן מיטאָג עסן. און זי גייט אַריין צו איר חברטע דער שכנה. מאַכט זיך איין מאָל: איך קום צופעליק פריִער אַ ביסל אַהיים. איך קום אַריין — זע, ער איז דאָך דאָ! פון וואַנען טרעפט ער דאָס, ווען איך בין נישטאָ אין שטוב? צוגעוואָרפן אים אַ געאיילטן „שבת שלום!״, בין איך אַריין צו זיך אין צימער. ס'איז קלאָר: זי פירט ווייטער מיט אים. צו אים קאָן איך גאָרנישט האָבן: דער יצר-הרע שלעפּט אים פאַרן שטריקל... ס'איז שווער אַ צדיק צו זיין און פון שטריקל זיך אָפּרייסן. און כ'פּיל טאַקע נישט צו אים קיין שמץ פאַרדראָס. אָבער אויך איר זאָג איך גאָרנישט. מאַלע, אַז אַ מענטש קומט אַריין איין מאָל אין אַ יובל... איך וועל איר זאָגן דעמאָלט, ווען... איך אַליין לכל-הפּחות וועל זיין זיכער.

— אַ ריכטיקער און ערלעכער באַשלוס, — מאַך איך אים פריינדלעך אַ קאָמפּלימענט, שטעל זיך אויף און לען זיך אָן אין בוימשטאַם. ער וואַרפט אויף מיר אַ צופרידענעם בליק, משמעות, סיי צוליב מיין לויבן זיין באַשלוס, סיי פאַר מיין גרייטקייט אים אויסצוהערן ביזן סוף, זעצט זיך אַנידער און רעדט צו מיר אַרויף:

— אַזוי. איין מאָל, זיצנדיק שבת פאַר נאַכט, אויף דער וועראַנדע, אויך מיין פרוי איז דאָ געזעסן, באַמערק איך: דעם חתן-בחורס שטוביקע גייען אַלע אַוועק פאַרפּוצטע אין גאַס אַריין. ער איז נישטאָ צווישן זיי. מיט אַ ווינקלבליק כאַפּ איך גלייכצייטיק אויף: מיין פרוי קוקט זיי נאָך אַ פאַרקלערטע, ביידע קוקן מיר נאָך, גלייכ-גילטיקע כלומרשט, די אַוועקגייענדיקע. נאָר יעדער פון אונדז שפּינט

זיך אויס אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זיינע מחשבות. איך טראַכט: אַט ווייס זי, אַז ע ר איז איצט אַליין ביי זיך אין שטוב. אַליין! וואָלט זי דאָך ערשט געקאָנט זיצן מיט אים צוזאַמען, ווען... איך בין דאָ נישטאָ. נאָר צי האַלט זי שוין אַזוי ווייט, צו ריזיקירן אַרויפצוגיין צו אים? ס'קאָן דאָך גראָד אונטערקומען עמעץ פון די שכנים... אַזוי קלער איך און מיר דאַכט, אַז איך שפּיר דעם אומרו ערשט ביי איר אין האַרצן. זי וואָלט, נישט געקוקט אויף גאָרנישט, אַרויפגעגאַנגען צו אים. זי זיצט, אָבער זיצט נישט רויִק. און אַט הייבט זי זיך טאַקע אויף. איין מאָל, אַ צווייט מאָל. גייט אין קיך אַריין און קומט צוריק. איך מאַך זיך נישט באַמערקנדיק גאָרנישט. נאָר ווען זי פאַרזאַמט זיך לענגער אַ ביסל, פאַלט מיר איין: זי איז שטילערהייט אַרויסגעגאַנגען אויף די שטיגן. איך גיי כּלומרשט צו זיך אין צימער, כאַפּ אַ קוק דאָ און דאָרט, זע, אַז זי איז דאָ און קום אַרויס צוריק. דערווייל פאַלט צו די נאַכט. מיר צינדן נישט אָן קיין ליכט. מיט אַ מאָל כאַפּ איך זיך: זי איז שוין ווידער נישטאָ! האָט שטיל זיך אַרויסגעשלייכט. וווּהין? איך גיי אַריין אין סאַלאָן — נישטאָ, אין די צימערן — נישטאָ, אין קיך — נישטאָ... איז זי געגאַנגען צו דער חברטע די שכנה, אָדער אַרויף צו אים? ס'ווערט מיר הייס דאָס לייב, און אַ שוואַכקייט לאָזט זיך אָנפילן דאָס האַרץ. און דאָ — זע! זי זיצט דאָך גאָר טאַקע אין דעם פינצטערן סאַלאָן, אַ צונויפגעקנוידערטע, ווי אַ קאַץ פאַר אַ מויז-נאָרע. איך זע נישט אירע אויגן, בין אָבער זיכער, אַז זיי האָבן מיך די גאַנצע צייט נאָכגעפאָלגט, שפּירנדיק מיין נערוועזיטעט, ווי איך אירע. מיר שפּיאָנירן זיך נאָך קעגנזייטיק. און אפשר האָט זי שוין באַוויזן צו זיין ביי אים אויבן און צוריק אַראָפּקומען? איך מאַך זיך, כּלומרשט זע איך זי נישט, זוך זי נישט, און גיי ווידער אַרויס אויף דער וועראַנדע. אָפּגעזעסן דאָ איך ווייס אַליין נישט ווי לאַנג, גיי איך ווידער כאַפּן אַ קוק: נישטאָ!... ביי דער חברטע זיכער, — וויל איך זיך באַרויִקן. ס'טראָגט מיר אַראָפּ אונטן אויפן טראָטואַר. איך גיי היין און צוריק און קוק אַרויף צו ז י י נ ע פענצטער — די לאָדנס זענען אַראָפּגעלאָזט. קיין

שטראַל שיין פון דאָרט. אפשר לייכטן זיך ז י י נ ע הינטערשטע פענצטער?... ניין, אויך דאָ איז פינצטער. איז ער אפשר אין גאַנצן נישטאָ דאָרט? זיצט ער אַליין אין דער פינצטער? איז ער טאַקע מיט א י ר? אומגלייבלעך! אָבער... פאַרט... האָב איך דאָך אַ מאָל געלערנט: „אין אַפּוטרופּוס לעריות" — געשלעכטלעכע זינד איז נישט איינצוהיטן.

איך זעץ זיך אַנידער און שפּיר: זיין אויפרעגונג צוקט אויך אין מיר. מיר שווייגן ביידע און האָרכן זיך איין איינער אין צווייטנס וואָרעמען אָטעמען. ער נעמט ווידער רעדן:

— און פון מיין אייגענער געניטשאַפט ווייס איך עס דען נישט, כ'האָב זיך דאָך אַליין גענוג אָנגעזינדיקט פאַר מיין חתונה מיט רבקהן. ס'ווערט מיר אָפּגעצאָלט מידה כּנגד מידה... זי איז מיין רוט. פון דעסטוועגן שלום מאַכן דערמיט בין איך נישט אין שטאַנד. כ'פאַרגעס באַלד די אייגענע זינד, און אירע קעגן מיר צינדן אין מיר צאָרן: אָך, ווען זי פאַלט אַריין אין מיין האַנט! און אפשר — טוט מיר אַ פאַל איין — אַרויפגיין צו זיין טיר און אָנקלינגען. שוטה! אויב ס'איז ווי דו ציטערסט, וועט ער דאָך זיך נישט אָפּרופן. סיידן — שטעלן זיך אויף וואַך הינטער דער טיר. ווי אַ הונט. צו וואָס זי האָט דיך דערפירט! און אָפּוואַרטן זי... און אויב עמעץ טוט אַ קום אונטער מיט די שטיגן פון אויבן, אָדער פון אונטן? און אויב זי איז דאָרט נישטאָ — וועסטו שטיין, ביז זיינע שטוביקע וועלן קומען? גיי איך אומבאַהאָלפן, דערשלאָגן אַרויף צוריק אויף דער וועראַנדע. זיץ און וואַרט. קוק זיך אויס די אויגן אויף רעכטס און לינקס פון דער גאַס. און וואַרט... און וואַרט... אין אַן אייביקייט אַרום — זי איז דאָ. פרעגן: „ווו ביסטו געווען?" ס'וועט איר נישט אויספעלן קיין ענטפער. גיי קאָנטראָליר זי. איך קאָן און דאַרף בלויז שווייגן. אַרויסווייזן גלייכגילטיקייט און קאַלטבלוטיקייט, גלייך קיין שום חשד האָט נישט געפרעסן מיין האַרץ, ווי זשאַווער אייזן. אַ ווייל בין איך זיכער: „איך בין שוין פאַרראַטן!" און אַ ווײַלע שפּעטער: שוטה!

מאַכסט אויספירן נישט לויט דער לאָגיק, נאָר לויט די נערוון, פו־נאַנדערגעשרויפטע פון אייפערזוכט...״.

ער טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף, ווי אונטערגעשאָסן, אַ וויש דעם שווייס פון אונטער די אויגן און אַ קוק זיך אַרום. אויך איך קוק זיך אַרום, ווי איך וואָלט געוועזן מיט אים אַ סיאַמער צווילינג. דער מערב האָט שוין אָנגעהויבן זיך בלאַס צו רויטלען. מיט שטו־מער שטילקייט איז דורכגעזאַפּט די לופט. נאָר פונעם כּביש אונטן דערטראָגט זיך העכער, העכער און אָפּטער דאָס פאָרן און טרומיי־טערן פון אויטאָס און טעקסיס. איך וואָלט שוין אייגנטלעך דאַרפן לאָזן זיך אַהיים. ביז כ׳וועל אַהינקומען, וועט שוין זיין צוגעפאַלן די נאַכט. די פרוי און די קינדער וועלן זיך אפשר באַאומרויִקן. אָבער איך האָב נישט קיין האַרץ — איצט, ווען זיין דערציילונג שטייגט שוין וואַרשיינלעך אַרויף צו איר סאַמע שפּיץ — אים איבערצו־לאָזן. כ׳טו זיך בלויז אַ באַוועג, גלייך איך קלייב זיך צו גיין, כּדי אים אונטערצוצאיילן, און אַ זאָג:

דאָס טרייבט אים טאַקע, משמעות, אונטער, און ער רעדט ווייטער:

— יאָ. איך האָב פון דעסטוועגן געהאַט אַ שטאַרקן מאָטיוו איינצושלעפערן מיינע חשדים: סוף־כּל־סוף איז זי דאָך... דערלויבט מיר רעדן פאַר אייך, ווי פאַר אַ שוועסטער... זי איז דאָך ביי נאַכט מיר אַ ווייב. אמת, אָן ליבע, אָן ליידנשאַפט אַפילו. עפּעס אַן עשתּו־רת פון האָלץ. אָבער פאָרט. נישט שוין זשע קאָן אַ פרוי... אַזוי ווייט?! און איך פייניק זיך, און שטיק זי, די פיין, וואָס דאָס אַליין איז פיין. הערט, זאָל קיין מענטש נישט געפרווּט ווערן דערמיט.

כ׳האָב געמוזט אַוועקקערן מיין בליק פון זיין ליידנדיק, צע־קרימט פּנים און האָב דערזען די זון הענגט שוין איבערן האָריזאָנט־ראַנד אַ קאַלטע, כאַטש אַ רויט־אָנגעגליטע. פון אַלע זייטן דער־נענטערט זיך דער אָוונט.

— איז אָט נעכטן פאַר נאַכט, אין דער צייט, — בייגט ער זיך איין צו מיר און רעדט שטילער ווי פריִער — זיץ איך מיר אַזוי אויף

דער וועראַנדע אַליין. רבקה פּאָרעט זיך אין קיך. איך זע דעם שכנס שטוביקע, ווי יעדן שבת צו דער צייט, לאָזן זיך אַוועקגיין... אַז רבקה האָט אַפילו נישט קיין אינטערעס אַרויסצוקומען איצטער אַהער, איז דאָך דער בעסטער סימן, אַז... און ס׳נעמט מיך דורך אַ רויִקייט אַזוי ווייט, אַז איך הייב זיך אויף, גיי אַריין צו זיך אין צימער, לייג זיך אויף מיין סאָפע, צינד אָן איבער מיר די עלעקטרע און נעם לייענען אַ בוך. האָב איך זיך אַריינגעלייענט און פאַרלייענט. כ׳גיי אַרויס צו דער וועראַנדע — רבקה איז נישטאָ. אין אַלע צימערן — פינצטער. כ׳וועל וואַרטן, ביז זי וועט אַריינקומען. אויב זי איז אויבן ביי א י ם, וועט מיר איר פּנים אויסזאָגן... „הכּרת פּניהם ענתה בם״... די צייט ציט זיך. כ׳גיין אַריין אין קיך, מאַך ליכטיק און טרינק עפּעס. גיי ווי־דער אַרויס אויף דער ווערענדע. כ׳ווייס נישט ווי לאַנג איך זיץ שוין דאָ. ס׳נעמט מיר נאָגן אונטערן האַרצלעפּעלע עפּעס איבערצוכאַפּן. גיי איך ווידער אַריין אין קיך, מאַך ליכטיק און נעם עסן. זע! אין דעם מאָמענט קומט אַריין רבקה: דאָס פּנים רויט און צעקנייטשט, די האָר צעקאָשמעט, די אויגן — צי פאַרלאָפן מיט איבערגעריסענעם שלאָף, צי מיט אויסגעוועפּטן זיסלעכן תּענוג. דאָס קליידל — דאָס שטוביקע, וואָס זי האָט געקויפט ל ע צ ט נ ס, אַ קורצס און אָן אַרבל, אַ דינס און אָפנס פאַר אַלע ווינטעלער, און צוגווינטעלער. און דער עיקר — ס׳פאַרמאַכט זיך פון פאָרנט מיט אַ שורה קנעפּ־לער פון אונטערן האַלדז ביז די קני... מיט שפּילנדיקע פינגער עפנט מען עס שפּילנדיק אויף...

— ווו ביסטו געווען?! — טו איך זי אַ פרעג האַסטיק, ווי דער זעץ פון אַ פאַנגשטייגל, ווען עס פּאַקט די מויז.

— אין דיין צימער. — ענטפערט זי מיר אויפן אָרט. — האָב איינגעדרימלט אויף דיין סאָפקע. האָסט דאָ געמאַכט ליכטיק, האָט מיך די שיין אויפגעוועקט. — האָט זי תּרעומות.

— כ׳בין געבליבן זיצן אַן אָפּגעשמיסענער, אַ געפּלעפּטער און האָב קיין וואָרט דאָס מויל צו עפענען נישט געפונען. האָב גענומען עסן און געקייט, ווי אַ בהמה מעלה-גרהט. דערביי האָט זיך גע־

טראַכט אין שאַרבן: דער ענטפער איז געווען אַ צוגעגרייטער. וואָס הייסט? ווען איך האָב פאַרלאָזט די סאָפּקע, איז זי דאָך נישט גע-ווען אין שטוב, רבקה? איז ווי? איז זי אַריינגעקומען אומבאַמערקט? ווען? פריִער, אָדער... איצט פון אים? וואָס פּלוצעם האָט זי זיך געלייגט אויף מיין סאָפּקע, וואָס זי טוט עס קיין מאָל נישט? — די פראַגעס זענען געבליבן זיך באַוועגן אין מיר, ווי ווערעם, וואָס גראָבן זיך טיפער אין דער ערד אַריין. מע מוז ווייטער שווייגן און נאָכשפּירן, ביז... ביז כ'וועל ממש אָנכאַפּן פאַר דער האַנט. סוף גנב לתליה!...

נאָר היינט, ווען זי האָט זיך גענומען זוכן עפּעס אַ פּריטשעפּקע, ווי איר שטייגער איז, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן און איר געענטפערט מיט אַן אָנדייט אויף דעם געשעענעם נעכטן אין אָוונט. זי האָט מיך אויגנבליקלעך פאַרשטאַנען, זיך אָנגעצונדן, ווי אַ טמאַ-דיקער סנה. אַ מאָל ברענט אין דעם סנה גאָט און אַ מאָל — דער טייוול... און צעפייערט אויף מיר:

— אַז דו שפּירסט מיך אַזוי נאָך... אַז דו ביסט מיך אַזוי ווייט חושד... איך בין אַ פרייער מענטש!... קיינער האָט דערויף קיין רעכט נישט. — וועל איך זיך אויף צו להכעיס דיר זיך לייגן שלאָפן מיט אַ מאַנצפּאַרשוין פאַר דיר אין די אויגן!

— דו האָסט אויך דאָס שוין געטאָן! — האָב איך אָפּגע-פייערט אויף צוריק. — אָט איצט טאַקע מיט דיין מויל... פאַר-שפּאָרט מיר שוין, דיך חושד צו זיין און נאָכשפּיאָנירן... אַ דאַנק!

און כ'בין אַרויס פון שטוב צו... צו לויפן וווּהין די אויגן וועלן מיך טראָגן. פאַר מיינע אויגן האָט זיך אין געדאַנק געכוואַליעט דער ים. איך בין טאַקע דאָרט געווען. נאָר אַן אויטאָבוס און מיינע פיס האָבן מיך לסוף פאַרפירט אַהער. דאָ לעבן אייך.

ער האָט זיך אַן אויסגעשעפּטער, גערדיכט שוויצנדיק, שטיל אָני-דערגעזעצט און שטיל, און הייס גערעדט, ווי צו זיך:

— המם... נעמט מיר נישט פאַר אומגוט, וואָס איך בין צו אייך צוגעשטאַנען... מיט מיינעליידן... באַרעכטיקטע, אָדער אומבאַרעכ-

טיקטע... איר זעט? — אַפילו איצטער בין איך נישט אין גאַנצן זי־כער... וואָרום... כ׳ווייס? זאַכן לאָזן זיך אויסטייטשן אַזוי און פונקט פאַרקערט... איך בין אַנטלאָפן פון איר... אָבער דאָס איז ווייניק... ווען כ׳וואָלט געוועזן קאָנען... דאָרט ביים ים... אַנטלויפן פון זיך אַליין!...

שאַ. שטיל. און מיט אַ מאָל האָבן מיר זיך ביידע גלייך אויפגע־הויבן און געלאָזט גיין. שווייגנדיקע זענען מיר שטיין געבליבן ביים ראַנד פון ערשטן אַראָפּלאָז. ס׳האָט אונדז פאַרהאַלטן די פאַרנאַכט־פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר אונדזערע אויגן. מיר האָבן געקוקט אין דער ווייט, וואָס איז נענטער געוואָרן. ביים הימל־ראַנד שימערט דער ים־פּאַס לעבן תּל־אָביב־יפו. דער ראַנד איז קוים־קוים ראָז, די זון — אַ גרויסע, רויטע, אויפגעפּווישטע, ווי אַ ריזיקע טרער פון גלי און בלוט. זי זעצט זיך, זעצט זיך, ווי וויגנדיק זיך אויפן אומגעזועענעם שוימיקן בויך פון ים. אָט איז זי שוין נישט מער ווי אַ האַלבע. אַ דריטל. אַ פּענעץ. און אָט — נישטאָ מער. די לופט און די פאַרנאַכטשיין איז ווי אויסגעמישט מיט גרוי־שוואַרצ־לעכן שטויב. און מיט אַ מאָל טוען זיך דאָרט אין דער נידער — ווי ס׳ליגן: גבעתיים, בצרון, יד־אליהו, תּל־אָביב און רמת־אָביב — אַ צינד אָן צענדליקער, הונדערטער, טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלעך, צעשאָטענע און שנורנווייז, ליכטער פון פאַרשיידענע קאָלירן, און די נאַכט פון דעם תּחית־המתים אויפגעשטאַנענעם ישׂראל טוט זיך אָן אַנטפּלעק, ווי די טאַנצנדיקע שיר־השירימדיקע שולמית, וואָס איר כּישוף איז זיך נישט קעגנצושטעלן. זי וועט נישט פאַרראַטן...

אין דעם מאָמענט פאַלט מיר איין אָפּצודינען מענטשלעך און פריינדלעך מיין אומבאַקאַנטן־באַקאַנטן פאַר זיין צוטרוי צו מיר: פאַרלייגן אים, אויב ער האָט אַ באַגער איבערצונעכטיקן דאָ הי, — ביטע זייער — איך און מיין פרוי וועלן אים אויפנעמען ווי אַ חשובן און אָנגעלייגטן גאַסט. זאָל ער זיך אויסרוען די נאַכט. און...

אַ ווענד געטאָן די אויגן צו אים, בלייב איך שטיין, ווי פאַר־

שטיינערט: נישטאָ! אַן אַ גוטע נאַכט צו זאָגן! איז ער אפשר ווידער אַוועק צום ים... צו אַנטלויפן פון זיך אַליין?...

אַ פאַרזונקענער אין זיך, לאָז איך זיך אַראָפּ צו גיין אַהיים. איך גיי און קוק זיך אָפּט אַרום מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק און בלאָנדזשענדיקן געדאַנק:

...פאַרשווּנדן. פאַרשווּנדן, ווי אַ חלום. איז דער מענטש, איז די גאַנצע מעשׂה געווען בלויז אַ חלום, אַן אימאַגינאַציע אין הייסן זומערטאָג? האָב איך זיך דאָס אין האַלבן דרימל איבערן בוך אויסגעחלומט? ווי דאָס זאָל נישט זיין — איז עס אַ חלום, וואָס זעט אויס „רויע ווירקלעכקייט". איך וועל שוין האָבן היינט אַ שרייבערישע וואַכנאַכט.

ס'איז כּדאַי אים אַרויפצוברענגען מיט דער פּען אויפן פּאַפּיר.

# וועגן לייב אָליצקי

מ. אָליצקי

# לייב אָליצקי

## שרייבער, ברודער, לערער

אין די צוואַנציקער יאָרן איז ביי אונדז אין שטוב געלעגן אַ גרויסער אַלמאַנאַך מיטן נאָמען „וואַרשעווער שריפטן". דאָרט איז געווען מיין ברודערס אַ גרעסערע דערציילונג — זיין ערשטע אַרבעט אין אַ וויכטיקער ליטעראַרישער זאַמלונג. מיט אַ ציטער פון פרייד און שטאָלץ פלעג איך קוקן אויף מיין ברודערס נאָמען, לייב אָליצקי, געדרוקט מיט גרויסע ליכטיקע אותיות באַנאַנד מיט די נעמען פון באַרימטע ייִדישע שרייבערס. איצט, מיט פופציק יאָר שפּעטער, לייען איך מיט דעם זעלבן ציטער פון שטאָלץ זיין נאָמען איבער צענדליקער ביכער זיינע מיט לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, משלים און איבערזעצונגען וואָס זענען נאָך אים געבליבן. דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען מיר האָבן געוווינט צוזאַמען, האָב איך געוווּסט דעם חשבון פון מיין ברודערס ווערק: „אין אַן אָקופּירטן שטעטל", „אין שיין פון פלאַמען", „משלים פאַר גרויס און קליין", „גראַנגל", „הונט־מאַן", וואָס איז דערשינען אין המשכים אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג". דערנאָך האָב איך דעם חשבון פאַרלאָרן. די צאָל פון זיינע ביכער איז כסדר געוואַקסן און דערשינען איבער גאָר דער וועלט: אין פּוילן, אַרגענטינע, אַמעריקע, ישראל. אין סך־הכל — איבער פערציק.

מיין ברודער איז געבוירן אין קליינעם וואָלינער שטעטעלע טריסק, דאָרט זיך געלערנט אין חדר און ביי גמרא־מלמדים, און דערנאָך אַוועק אין ליטווישן סלאָבאָדקע, אין ישיבה. זיין דיכטערישע און מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, אויף וויפל מען

קאָן זיי פונאַנדערטיילן, באַשטעטיקן די סברה, אַז די קינדער־און יוגנט־יאָרן פורעמען אויס דעם פולן כאַראַקטער פונעם מענטשן. כאַטש אַליצקי איז מיט יאָרן שפּעטער אַוועק פון וואַלין און געלעבט אין אַ ריי גרויסע שטעט (וואַרשע, אופאַ, מאָסקווע) איז אין זיינע פּראָזע־ווערק געבליבן דאָס געמיט פונעם וואָלינער שטעטל, די וואָלינער פּייזאַזשן און די שטילע, האַרציקע וואָלינער ייִדן. די גרויסע שטאָט איז אין זיי נישט בנימצא. אויך אין כאַראַקטער איז אַליצקי געבליבן דער שטילער, ערלעכער, אויפ־ריכטיקער וואָלינער. סלאָבאָדקע האָט אים געגעבן תּורה. מיט ביידע שטריכן — אויפריכטיקייט און לומדות — צייכנט זיך אויס זיין שרייבן.

לייב אַליצקי, מיין ברודער, האָט פּערזענלעך דורכגעמאַכט די קאַטאַקליזמען פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: מלחמות, רעוואָלוציעס, אָקופּאַציעס, פּאָגראָמען, עוואַקואַציע — ביזן שוי־דערלעכן אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן. דאָך איז ער געבליבן ביים סאַמע נאַיִון אָבער סאַמע מענטשלעכסטן גלויבן, אַז פּאָרט „וועט דער מענטש גוט זיין" — מיט דעם נאָמען האָט ער אָנגע־רופן זיין בוך וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין פּוילן אין יאָר 1947, גלייך נאָכן חורבן — אַ בוך משלים. צו דער מסקנה איז ער געקומען נישט בלויז מיטן שׂכלדיקן דרך פונעם משל און פון זיין סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם. אַזאַ גלויבן, נאָך די גרויזאַמע יאָרן פונעם נאַצישן רישעות, האָט גיכער געקאָנט קומען פונעם האַרצן, פון דער נשמה זיינער, פונעם דורותדיקן ייִדישן אַני־מאמין. פון דאָרט האָט אַרויסגעשטראַלט אַליצקיס, טייל מאָל טראַגישער, אָפּטימיזם. ווען איך האָב אים אין די מלחמה־יאָרן געטראָפן אַן אויסגעהונגערטן, אַ חרובן אַרבעטן אין אַ ציגל־זאַוואָד, דער אויסזען — פון אַ רוסישן בעטלער, האָט ער מיר פאַרגעלייענט אַ ליד ווי „ליכטיק עס איז די שוואַרצע אַרבעט". ער האָט דאָס אויפריכטיק געמיינט. אין אַלע זיינע לידער איז ער אויפריכטיק און ערלעך סיי מיט דער שטימונג און סיי מיט

די בילדער און פאַרגלייכן וואָס ער נעמט ביי זיך, פונעם אייגענעם קוואַל, פון דער אייגענער נשמה, אָדער, ווי ער האָט אָנגערופן אַ בוך געזאַמלטע לידער „פון מיין אייגענעם פעלדז" (תל־אביב, 1964).

זיין גורל איז געווען צו בלייבן דער אַפּוטראָפּוס פון דריי יינגערע ברידער, יתומים, און אַן אַלטער באָבען. אויפגעוואַקסן אינעם גבירישן הויז פונעם חסידיש־לומדישן זיידן יעקב־מאיר, האָט ער מיט ווירדע און ליבשאַפט געטראָגן דעם עול פון אָנהאַלטן די משפחה אין די יאָרן פון נאָך־מלחמהדיקער נויט. די ברידער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע עצות מיט דרך־ארץ. ער האָט זיי לייכטער געמאַכט אויפן געמיט. אויף זיינע פירונגען און באַנעמונג איז געלעגן דער גלאַנץ פון רבנישן יִחוס, פון געלערנטקייט און איינגעבוירענער קלוגשאַפט, אויך דער אָפּשיין פון דער היימישער משפחה, קראַנקייט, שווינדזוכט, אויף וועל־כער עס זענען געשטאָרבן די עלטערע פון אים ברידער, ביידע גרייט צו ווערן רבנים, און אויך די מאַמע. עס איז אים געוויס נישט גרינג געווען. באַזונדערס צוליב מיר, אַ קינד וואָס האָט, צוליב דעם גרויסן אונטערשייד אין יאָרן, געוואָלט האָבן אין אים אַ טאַטן. ער איז דאָס געווען פאַר מיר. האָט ער זיין רו געפונען אינעם שרייבן. רו און פאַרגעניגן האָט ער אויך געהאַט אין זיין לערערישער אַרבעט, פאַר וועלכער ער האָט שטאַרק מורא געהאַט האַלטנדיק אַז אפשר איז ער נישט ראוי צו זיין אַ לערער. „די ישיבה האָט מיך נישט געלערנט קיין פּעדאַגאָגיע" — פלעגט ער זאָגן. דערפאַר פלעגט ער זיך אַזוי פּעדאַנטיש גרייטן צו די לעק־ציעס פון יידיש און יידישע ליטעראַטור: אַ פּלאַן פון דער דער־ציילונג, כאַראַקטעריסטיק פון די מענטשן, נאַטור, בילדער, אינ־טערעסאַנטע אויסדרוקן. ווער האָט דאָס אים געלערנט, אַז ער איז אין קיין שולע נישט געגאַנגען? זעט אויס — זיין דיכטע־רישער טאַלאַנט און זיין ליבע צו יידיש, און צו קינדער. זיין

פריינד, און אויך מיין לערער, ליבער ברענער, דערציילט וועגן דעם:

„אַלע אונדזערע ווענדונגען צו אַליצקין, אַז אויך ער זאָל אָנהייבן אַרבעטן אין דער שול ווי אַ לערער און דערציִער, זענען געווען אָן רעזולטאַטן. ל. אַליצקי האָט מאָטיווירט זיין אָפּזאָג מיט דעם, אַז ער פילט זיך נישט באַרופן צו זיין אַ לערער און אַ דערציִער. ערשט אין לערניאָר פון 1925 איז אָנגעקומען קיין טריסק בנימין טאַבאַטשינסקי און אונטער זיין ווירקונג, אין נאָמען פון דער „צישאָ", האָט ל. אַליצקי מסכּים געווען צו ווערן אַ לערער פון יִדיש און פון יִדישער געשיכטע אין דער דאָרטי־קער שול. אַליצקי האָט זיך אויך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט מיט זיינע פעִיקייטן. ער האָט גיך געוווּנען די ליבשאַפט, אָפּשיי און צוגעבונדנקייט פון די שול־קינדער."

פון זיינע ברידער, וואָס ער האָט דערצויגן, בין איך געבליבן דער איינציקער. ברוכן, דעם דיכטער, און שמחהן האָבן די נאַציס אומגעבראַכט. פון זיינע תּלמידים זענען אויך געבליבן געציילטע. די עטלעכע לעבנגעבליבענע וועלן טייער האַלטן זיין אָנדענק. אויך די יִדישע ליטעראַטור וועט אים געדענקען — ער האָט איר געגעבן עטלעכע צענדליק ווערטפולע ביכער, אין וועלכע ער האָט פאַראייביקט די נאַטור און די יִידן פון זיין האַרציקן וואָלין.

# ליב אַליצקי

## ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים

געבוירן 1897 אין טריסק (פּוילן). ביז 1939 געווען אַ לערער אין די ציש"אָ־שולן אין טריסק און אין וואַרשע, דערנאָך אין קאָוועל. די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה דורכגעמאַכט אין טיף־רוסלאַנד: אין 1941 ביי שווערע אַרבעט אין באַשקיריע; פון 1942 — אַ באַדינער אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל אין אופאַ. אין 1945 געקומען קיין מאָסקווע און דאָרט מיטגעאַרבעט אין ייִדישן אָפּטייל ביים פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן אין רוסלאַנד. אין 1946, בעת דער רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער, געקומען קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין לאָדזש. פון 1949 — אין וואַרשע, וווּ ער איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון פאַרלאַג „ייִדיש־בוך".

אין 1959 עולה געווען קיין ישׂראל און דאָ אינטענסיוו פאָרגעזעצט זיין פּילזייטיקע שאַפערישע טעטיקייט, אַרויסגעגעבן לידערזאַמלונגען, דערציילונגען און איבערזעצונגען פון העברעיִשער פּאָעזיע און אויך צו־געגרייט אַ באַנד איבערזעצונגען אויף העברעיִש פון ייִדישער דיכטונג אין ישׂראל.

אין עלטער פון 78 יאָר געשטאָרבן דעם 1טן סעפּטעמבער 1975.

✶

## דערשינענע ווערק פון ל. אַליצקי

**אין אַן אָקופּירטן שטעטל**, דערציילונג, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1924.
**אין שיין פון פלאַמען**, נאָוועלן, פאַרלאַג ב. קלעצקין ווילנע־וואַרשע, 1927.
**משלים פאַר קליין און גרויס**, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1929.
**געראַנגל**, ראָמאַן אין צוויי בענד, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1932.
**דער זון אַנטקעגן**, דערציילונגען, פאַרלאַג „ציש"אָ", וואַרשע, 1933.
**הונטמאַן**, ראָמאַן (אין צוויי אויפלאַגעס), פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1937.
**ווענט האָבן אויערן**, משלים, וואַרשע, 1938.
**דער מענטש וועט גוט זיין**, משלים, פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש, 1947.
**דורך טויט צום לעבן**, דערציילונג, פאַרלאַג „איקוף", בוענאָס־איירעס, 1949.
**משלים־בוך**, פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", לאָדזש, 1949.

מענטשן אין קלעם, דערציילונג, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1952.

מיטן פנים צו דער זון, משלים און לידער, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1952.

אָפּקלייב, ראָמאַן, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1953.

דאָדיע קאָוואַל, ראָמאַן אין דריי בענד, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1955.

זאָגט די וועלט אַ משל, משלים, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1956.

פאָלקסטימלעכע באַלאַדן, פון דער העברעישער דיכטונג, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1957.

מענטשן פון מיין שטעטל, דערציילונגען, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1958.

מיין האַרץ־רייזע, לידער, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1960.

שפּאַרונעס אין האַרצן, לידער, פאַרלאַג „טור־אריה“, תל־אביב, 1962.

לידער צו אַ ברודער (פון ל. און מ. אָליצקי), פאַרלאַג „נחמני“, תל־אביב, 1964.

פון מיין איגענעם פעלדז, לידער, באַלאַדן, משלים און עפּיגראַמען, אַרויסגעגעבן פון ל. אָליצקי־קאָמיטעט, תל־אביב, 1964.

דודיה נפּח (תרגום מיידיש), הוצאת „עם עובד“, תל אביב, 1967.

וואָר און וועזן, לידער, פאַרלאַג „המנורה“, תל־אביב, 1967.

ישיבה־לייט, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1968.

אויף די ראַנדן פון תנ״ך, לידער און משלים, פאַרלאַג „אשל“, תל־אביב, 1969.

אין שיין און שאָטן פון איגענעם בוים, פאַרלאַג „שקדיה“, תל־אביב, 1969.

צום זון אין צה״ל, לידער, פאַרלאַג „שקדיה“, תל־אביב, 1969.

לבן בצה״ל, שירים ופואימות, „ספרית פועלים“, תל־אביב, 1971.

וואָלינער יידן, ראָמאַן, הוצאת „על המפתן“, תל־אביב, 1973.

פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען, פאַרלאַג „ישראל־בוך“, תל־אביב, 1976.

## איבערזעצונגען:

ציגיינער, דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. פּושקין, פאַרלאַג „נידערשלעזיע“, וורָאָצלאַוו, 1949.

פאַן יאַוויאָלסקי, קאָמעדיע פון א. פרעדראָ (משלים און שפּריכווערטער), פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1950.

ווייט פון מאָסקווע, ראָמאַן פון וו. אַזשאַיעוו (רוסיש), פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1951—1952.

דער וועג פון חבר בידע, ראָמאַן פון א. נעווערלי, פּויליש, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע, 1952.

טוּווים פאַר קינדער, פאַרלאַג „יידיש־בוך, וואַרשע, 1954.

מיצקעוויטש, פּאָעזיע, פאַרלאַג „יידיש־בוך“, וואַרשע 1954.

**פון קרילאָווס משלים**, פאַרלאַג „ייִדיש־בוך‟, וואַרשע, 1957.

**מיינע הונדערט קינדער**, פון ל. קיכלער, פויליש, פאַרלאַג „המנורה‟, ת״א, 1962.

**זכרונות פון אַ מאַראַן**, פון שלמה שאַפּירא, העברעיִש, פאַרלאַג „צענטראַל פאַר־באַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע‟, בוענאָס־איירעס, 1963.

**דער טייך גייט**, דערציילונגען פון חיים הזז, העברעיִש, פאַרלאַג „דער קוואַל‟, ניו־יאָרק, 1964.

**פּערזענלעכקייטן און פּאָלק**, פון נחום סאָקאָלאָוו, העברעיִש, הספריה הציונית, ירושלים, תשכ״ו.

**פון גאָלדענעם קרוג**, פון דער העברעיִשער דיכטונג, פאַרלאַג „קיום‟, בוענאָס־איירעס, 1968.

## זאַמלונגען:

**טריט ביי טריט**, כרעסטאָמאַטיע פאַרן 1טן לערניאָר (צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיט י. ראָטנבערג), „מלוכה־פאַרלאַג פאַר שולאויסגאַבן, וואַרשע, 1938.

**דימענטן פאַר אַלע**, משלים, „מלוכה־פאַרלאַג פאַר שולאויסגאַבן, וואַרשע, 1951.

**אָן אַ מאַסקע**, פאָרטרעטן פון מלחמה־העצער, וואַרשע, 1952.

**אייביקע קוואַלן**, פאָלקסשאַפונג, מלוכה־פאַרלאַג פאַר שולאויסגאַבן, וואַרשע, 1953.

# אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער 7

א

דער ראַטנער זיידע 13
ברידער 23
דעם רבס עצה איז נישט פאַר מיר 63
חברשאַפט און ליבשאַפט 75
אַ טרייסט 90

ב

ערב... 101
ווער האָט געוווּנען דעם פּאַרמעסט 116
סעווערין גריז, דער אומשולדיק־שולדיקער 125
אין אַ זונטיקדיקן פרימאָרגן 145

ג

אין הייסע זומערטעג 161

## וועגן לייב אָליצקי

מ. אָליצקי / לייב אָליצקי 183
ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע פּרטים 187